STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04647

OYSGERISENE VORTSLEN

Osher Jaime Schuchinski

Permanent preservation of this book was made possible
by Saul White
in memory of
Gittel White

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אשר שטשוטשינסקי

■

אויסגעריסענע וואָרצלען

אשר שטשוטשינסקי

אויסגעריסענע וואָרצלען

פארלאג י. ל. פרץ תל־אביב

תשמ״ח — 1988

OSHER SCHUCHINSKY

Oisguerisene Vortzlen

אשר שטשוטשינסקי / אויסגעריסענע וואָרצלען

פאַרלאַג י. ל. פרץ תל־אביב רח' ברנר 14
I.L. PUBLISHING HOUSE
14, Brener Str. Tel Aviv

Copyright
by Osher Schuchinsky
7601 Byron Ave. Apt. 3-E
MIAMI BEACH FL. 33141

דאָס בוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין חודש פעברואַר 1988 —
שבט תשמ"ח

נדפס בישראל 1988 — תשמ"ח

Printed in Israel, February 1988

דפוס א. גרינשטיין, שביל המפעל 6, טל. 83 14 25, ת"א

שלמה וואָרזאָגער

אַ וואָרט פריער

אשר שטשוטשינסקי האָט זיך אַריינגעהיימישט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ פּראָזאַיקער און פּאָעט. בעיקר זיך אַרויסגעהויבן מיט זיינע דערציילונגען, בילדער פון קובאַנער און לאַטיין־אַמעריקאַנער לעבן. וועט אויך נישט איבעריק זיין צוצוגעבן — מיט זיין קולטור־טעטיקייט די לעצטע קנאַפּע דריי צענדליק יאָר אין ניו־יאָרק מיטן אַרויסגעבן (און רעדאַקטירן) די פּערטליאָר־שריפט „דער אָנהייב".

ביז איצט אַרויסגעגעבן פינף ביכער (פיר פּראָזע און איין בוך לידער).

די טעמאַטיק — לכאורה אַ באַקאַנטע, אַ געניצטע: היימישער פּייזאַזש און טיפּאַזש, בילדער פון יידישן לעבן. קליינע געוויינלעכע פּרטים פון וויל און וויי.

שטעטל. שטייגער. אַ סך איז שוין וועגן דעם געמאָלט און געשריבן געוואָרן: ראָמאַנען, דערציילונגען און נאָכן לעצטן חורבן — זכרונות, מעמואַריסטיק, קינסטלערישע כראָניק.

איז וואָס קאָן מען שוין דאָ מחדש זיין? איז דאָ טאַקע די רבותא: שטשוטשינסקי שילדערט זיין פּערזענלעכע וועלט, סביבה געזען דורך אַן אייגענער אַספּאַקלאַריע, מיט אייגענעם סטיל, אויסמעסט און אַן אייגן לשון. וווּנדערלעכער חוש פאַר גערעכטיקייט. מיט אַ פּעסימיזם געשעפּט פון אָפּטימיסטישע קוואַלן, און ליבשאַפט צו מענטש און ייד. שטילער, כמעט אומדערהערטער פּראָטעסט קעגן עוולה, שקרים — מאַכט זיין וואָרט באַגלייביק.

ער איז אַ מאַדים אויף אויסטיילן, אויסשיילן דעם עיקר פון טפל: די באַזונדערקייט פון פּרט און זיין כלל־כאַראַקטער: ס'גייסטיקע פּנים, נשמה־קאָנפליקטן מיט זיך און סביבה. יעדער, כמעט יעדער טיפּ איז — פּראָטאָטיפּ. יידיש לעבן צווישן נישט־יידן, טאָג־טעגלעכע באַרעניש פאַר

קיום, גבורה פון שוואַכע, קליינלעכע, שטויביקע, גלויביקע — שוין נישט אַזוי קליין אין זייערע שטרעבונגען און איבערלעבונגען — און אויך די שוואַכקייטן פון „שטאַרקע": דעה־זאָגערס, פּרנסים אויפן פּאַן פון געזעל־שאַפטלעך־פּראָבלעמאַטישן (אָפט טראַגיש־דראַמאַטישן) לעבן אין תּחום־המושב אין שטעט און שטעטלעך.

מיט אַ שאַרף אויג, אַ וואַרעם האַרץ און קלאָרן קאָפּ לעבט דער מחבר פאַר אונדז אויף דאָס שטעטל — איינס פון צענדליקער, הונדערטער שטעטלעך אין פּוילן, מיזרח־איראָפּע בכלל — האַמאַגעניש אין זייער צעריסנקייט.

ער הייבט אַרויס דאָס שטעטל פון אונטער די חורבות אַזוי, ווי ער האָט עס איבערגעלאָזט און פאַרגעדענקט מיט אַ וועלכע פופציק יאָר צוריק מיט אַלע שיינקייטן און פיינקייטן. מיט יענעם ריח און טעם, ווי ער האָט עס עמבריאָניש אין זיך אַריינגעאָטעמט.

דאָרט אין ווייטן קובאַ, וווּ דער מחבר האָט „געוויילט", אויב כ'האָב קיין טעות נישט, די מערסטע יאָרן פון זיין בחוריש און משפּחה־לעבן.

און דאָס שטעטל איז צו אים עולה. אַ שטעטל כּחרס הנשבר, וואָס ער וויל, פּרווט רעסטאַווירן, צוריק צונויפשטעלן די ברוכשטיקער. היימהונגער האָט ביי אים די איבערהאַנט איבער אַלע פיזישע זאַטקייטן סיי אין קובאַ, סיי אין „גאָלדענעם" לאַנד — די גרויסע אַמעריקע מיט די יידישע „גאָלדענע געטאָס" און פון חיי־שעה. זאַט מיט פרעמדע, אַדאָפּ־טירטע לאַנדשאַפטן און מיט נויט פון נישט קיין קליינער טייל פון דער צוויי הונדערט און פופציק מיליאָניקער באַפעלקערונג.

קובאַ מיט אירע אינדיכענאַס — די ערשטע באַוווינערס דאָרט: דיסיבאַנייערס מיט זייער העלדישער ירושה פון שקלאַפן־אויפשטענדלער. טיכטיקע ערד־אַרבעטערס. שפּאַניש־אַפריקאַנישע זיטן, פאָלקלאָר, אייב־גלייבעניש, אָרגינעלע טענץ, מוזיק און — בידנע פּרנסות, הונגעריקע מיילער. כוואַליעס היץ פון דער אַנגעגליטער ערד אונטער טראָפּישן הימל. קובאַנער „גוואַנאַ" — שמאָלע בלעטער פון פאַלמע־קרוינען מיט וועלכע מ'דעקט צו די דעכער פון פויערשע כאַטעס. קלאַסישע נויט פון דער גרעסטער טייל דאָרטיקער באַפעלקערונג. אויך עמיגראַנטישע, ווייס־פּנימדיקע אחינו בני־

ישראל — פאַרשוואַרצטע פון מי און מאַטער פאַר קיום: קלאַפּערס, פּעדלערס — גייערס איבער דערפער און ווייטע אַרטשאַפטן. שטאַט כ'יידישע „פעקל" — ליימענע געטער און געטשקעס; „סאַנטאַ פּאַולאַ", „סאַן אַנטאַניאַ", יעזוסלעך און „די מאַמע מיט זון". מ'לייגט אָפּט אַריין אַ דאָלאַר אין קעשענע און מ'שלינגט אַראָפּ אַ „כודיאַ" (אַ ייד) אַ מאָל מיט אַ שמייכל, אַ מאָל מיט באַדויער.

און פון דאַנען די אוממיטלדיקייט אין שטשוטשינסקיס דערציילקונסט, דאָס באַזונדערע, אייגנפּנימדיקע, וואָס דאָמינירט אין לאַנדשאַפט פון געמיט אין די ביז איצט דערשינענע ביכער: באַזונדערס — אין ערשטן אָפּטייל פון „אין דער פרעמד".

היינט דער ליריש־אינטימער טאָן, דאָס סובטילע לשון? די אויסגע־ציטערטקייט און צערטלעכקייט פון וואָרט — פיל־תוכיק און לייכטוואָגיק. אויך לייכטער הומאָר און דין־דינע איראָניע פעלט נישט.

שטשוטשינסקי האָט נישט מורא צו גיין אויף אַלט־אויסגעטראָטענע וועגן. אַוודאי איז די בעסטע ערבה אויף קינסטלערישער שאַפונג פערזענ־לעכע איבערלעבונג, זכרונות ווען דאָס ווערט אַרויסגעבראַכט מיט עפּישן, ברייטערן אויסמעסט.

אין תוכן, אין טאָן און אין דער קאָנסטרוקציע קאָנטיקט זיך קרובה־שאַפט צו דער טראַדיציאָנעלער דערציילונג, נאָוועלע, ראָמאַן, מיניאַטור. שטשוטשינסקי איז אין דעם זין אַ לעצטער, אָדער איינער פון די לעצטע, וויניקע נאָכפאָלגערס, נאָכגייערס פון דער פּלעיאַדע פּראָזאַיקערס פון פאַר דער מלחמה. באַזונדערס מערקיק איז דאָס דאָזיקע אין אַ נייער, פרישער מיליע אין די ראָמאַנסן און ליבע־סצענעס אין אַ סך פון זיינע דערציי־לונגען אויפן באָדן פון קובאַנערווירקלעכקייט. סצענעס, רעפליקעס פון פאַרליבטע געמישטע פּאָרלעך — אייראָפּעישע יונגע־לייט און אָרטיקע מיידלעך, טונקלהויטיקע און ווייסע: כאַראַקטער און פּסיכאָלאָגיע־פאַרבי־קייט. אַ געמיש פון קאָליר, מענטאַליטעט, שטייגער, ירושה און עטנישע

צוויטן, ווו ס׳פעלט אויך נישט דאָס ספּעציפיש־יידישע, אייראָפּעישער קולטור־באַגאַזש און גוטהאַרציקע פּרימיטיוויטעט פון די אַרטיקע — פּראָפיל־מעסיק און פראָנטאַל געשילדערט: עפּיש געשטאַלטיקט, נישט אָן אינדיווידועלע „פינגער־אָפדרוקן״. — און דאָס איז אַזוי נאָענט צו די שילדערונגען פון די ליבע־סצענעס באַחנטע, ווי אין די „אַלטע״ קלאַסישע ראָמאַנען — להיפוך צו די „מאָדערנע״ ליבעס, ווו נאַקעטקייט, סעקס, פערווערס „פּייערט״ אין בגדי אדם וחוה דעם נצחון איבערן עץ־הדעת.

מיט באַשיידענע קינסטלערישע מיטלען, מיט אַ מאָדערניזירטער מעטאָדיק — רעמיניסצענץ און רעטראָספּעקציע — קלאָר און תמציתדיק דער־לאַנגט אשר שטשוטשינסקי שטיקער לעבן, לעבעדיקן דיאַלאָג, באַוועגלעכן טיפּאַזש און בילדער פון אַ וואָרער געוועזענער און איצטיקער ווירקלעכ־קייט.

אַ סך אויסגעשוויגנקייט, נישט־דערזאָגטקייטן פילן אויס די קינסטלע־רישע רעאַליע פון זיין פּראָזע. ס׳איז אַ שרייבן און באַשרייבן מיט אַ סך ליבשאַפט געשעפּט פון אייגענע טרויערקוואַלן.

אין דער פרעמד

(דערציילונג)

נישט ווייט פון דער פראווינץ־שטאט קאמאגואיי, ליגט אַ קליין שטעטל, וועמענס נאָמען איך וועל נישט דערמאָנען, כדי נישט אויפצוועקן ביי עמעצן אַ חשד, אַז ער האָט אַ שייכות מיט דער מעשה וואָס איך וועל דערציילן.

דאָס שטעטל מיט זיינעביימער און די קליינע גערטנער אין פראָנט פון די הייזקעס, מיט די געפלאָכטענע פאַרקנס פון די האַרטע בואַגיינוויל צווייגן האָט אויסגעקוקט ווי אַ שיינער צעגרינטער וואַזאָן.

די צוויי גאַסן זענען ווי צוויי וואָוון פון יידישן אַלף־בית. איינע ציט זיך אַוועק לינקס — צו גרינע קאַניאַ־פעלדער (קאַניאַ: צוקער־רער, פון וועלכער מען מאָלט דעם זאָפט צו פּראָדוצירן צוקער), וואָס ציען זיך מיילן, און די צווייטע — רעכטס, אויך צו קאַניאַ־פעלדער, וואָס הייבן זיך אָן באַלד ביים סוף גאַס.

הייבט זיך אָן אין בין־השמשות טונקלען און אָפּקילן נאָך די הייסע טעג, ווען אַ ווילד טראָפּיש ווינטל גיט זיך אַ טראָג איבער די קעפּ פון די גרין־גאָלדענע צוקער־רערן; עס גיבן זיך אַ הוידע כוואַליעס, ווי דאָס וואַסער ביי די ברעגן פון ים.

די גרויסע, גאָלדענע מערב־זון גיט אַ גיס אויס איר ליכט איבער די געקאַרבטע כוואַליעס פון די קאַניאַ־פעלדער.

ניטאָ קיין שענער בילד ווי די שקיעה אין בין־השמשות איבער די צוקער־פעלדער פון קובאַ.

אין יענער כּישוף־שעה גיסט זיך אויס אַ שטילקייט איבער די צוויי גאַסן. פון צייט צו צייט הערן זיך צאַרטע קלאַנגען פון אַ מאַנדאָלינע, פון אַ גיטאַרע. די קלאַנגען באַגלייטן דעם זונפאַרגאַנג, און מישן זיך אויס, ווי אין אַ סימפאָניע, מיטן שעפּטשען פון די כוואַליעס איבער די גרינע קאַניאַ־רערן, אין דעם אָנקום פון דער טראָפּישער נאַכט.

אין יענעם שטעטל איז מיט אַ סך יאָרן צוריק, אין די צוואַנציקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, פאַרוואָגלט געוואָרן אַ ייִדישער בחור פון אַ פּויליש שטעטל. ער איז דאָרטן געקומען פּעדלען אין דעם נאָענטן „צענטראַל״ (אַזוי רופט מען אין קובאַ אַ צוקערפאַבריק), אין די „סאַפראַ״־מאַנאַטן, די צייט ווען מען שנײַדט די צוקעררער און מען מאָלט זי אין דער צוקערמיל.

לייבל האָט קיין מאָל נישט פאַרגעסן דאָס ביטערע געפיל, וואָס ער האָט געהאַט ביים אַראָפּגיין פון דעם קליינעם אויטאָבוס, וואָס איז געלאָפן איבערן נייעם שאָסיי, ווי אַ פייל פון בויגן.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינפאָר פון שטעטל, ווו עס צעגייען זיך די צוויי גאַסן.

לייבל האָט געקוקט און נישט געוווּסט אויף וועלכער גאַס זאָל ער שטעלן זיינע ערשטע טריט; וועלכע פון זיי איז די גוטע גאַס, וואָס וויל אים אויפנעמען.

ער האָט שטאַרק געדריקט דעם שטריק פון דעם אַרומגעבונדענעם פּעקל סחורה וואָס ער האָט געבראַכט, וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַרן געלט וואָס די מומע פון פילאַדעלפיע האָט אים געשיקט. ער האָט געוווּסט אַז דאָס איז זיין גאַנץ פאַרמעגן, אַז מיט דעם ביסל סחורה דאַרף ער אָנהייבן אַ ניי לעבן.

דאָס ערשטע וואָלט ער געדאַרפט אַן אכסניא, אָוועקצולייגן דעם פּאַק, זיך אַרומוואַשן און קומען צו זיך פון די שעהען וואָס ער איז געפאָרן אין ענגן אויטאָבוס. אין אַזעלכע אָנגעשטרענגטע מאָמענטן פאַרגעסט מען דאָס וואָרט וואָס דו דאַרפסט האָבן; דאָס וואָרט פאַרבאַהאַלט זיך אין אונטערבאַוווּסטזיין. ער האָט זיך דערפרייט ווען עס איז אים פּלוצלינג אויפגעשווומען דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געזוכט אין זכרון: „האָטעל״ — דאָס וואָרט וואָס ער דאַרף איצט האָבן.

מיט אַן איידעלער האַנט־באַוועגונג האָט ער אָפּגעשטעלט אַ דורכגייער און אים געפרעגט: — „האָטעל״? „האָטעל״?...

— נישטאָ דאָ אין שטאָט קיין האָטעל — האָט דער מאַן געמאַכט

מיט דער האַנט — נישטאָ! — האָט ער איבערגעחזרט. אָבער דאָ אַנטקעגן פּאַרדינגט זיך אַ צימער!

— קום מיט מיר! — האָט דער דורכגייער אַ באַוועג געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט צוגעפירט לייבלען צו דעם הויז, ווו עס איז געהאַנגען דאָס שילדל, אַז עס פּאַרדינגט זיך אַ צימער.

לייבל האָט גלייך פאַרשטאַנען.

— גראַסיאַס... גראַסיאַס... אַ דאַנק, אַ דאַנק! — האָט ער זיך פאַרנויגט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן אַ מיידל אין דער טיר פון הויז.

לייבל איז צוגעקומען, זיך באַגריסט און געוויזן אויפן שילדל. צווישן דער יונגער פרוי און איר מוטער, וואָס איז גלייך אַרויסגעקומען און צוגעשטאַנען צום שמועס, האָט זיך לייבל לייכט פאַרשטענדיקט וועגן צימער.

ער האָט זיי אויפגעקלערט, אַז ער וועט אַלע טאָג אַוועקגיין אין „צענטראַל" פאַרקויפן, ער מוז אָבער האָבן אַ צימער, ווו צו קומען זיך אָפּרוען. פון די רייד האָט לייבל פאַרשטאַנען, אַז די יונגע פרוי איז אַ לערערקע, אַז דער טאַטע אַרבעט אין „צענטראַל", און אַז ער וועט קענען גיין מיט אים יעדן פרימאָרגן אין „צענטראַל". אַ געדאַנק האָט אַ שלאָג געטאָן אין לייבלס מוח, „נישטאָ וואָס זיך צו זאָרגן, אַלץ גייט כשורה..."

אַ מידער איז לייבל אַריין אין זיין צימער און איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט איז שוין דער טאַטע געווען אין שטוב. די לערערקע האָט פאַרגעשטעלט דעם נייעם קוואַרטיראַנט פאַרן טאַטן, און דערביי איינגעלאַדן לייבלען צו גיין עסן מיט זיי אָוונטברויט. לייבל איז געווען איבערראַשט. ער האָט געשטאַמלט און איבערגעחזרט איין וואָרט: „גראַסיאַס", „גראַסיאַס".

די ערשטע וואָכן איז אַנגעגאַנגען אַ שטילע, שווייגנדיקע ליבע צווישן די צוויי יונגע מענטשן. לייבל האָט זיך אָפּגעהיט אַרויסצוברענגען אַ וואָרט אין שפּאַניש. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער זאָגט ער אַ נישט פּאַסיק וואָרט. ער האָט אַ סך מאָל דערקענט אין אירע קלוגע אויגן, וואָס זי טראַכט און וואָס זי פילט...

איין אָוונט איז לייבל נישט געקומען אַהיים. ער איז געווען מיד פון הייסן ברענענדיקן טאָג. פאַראַן טעג אין קובאַ, ווען די זון באַקט דיין גוף ווי אין פייער, איז ער געבליבן שלאָפן אין צימערל, ווו ער האָט געהאַלטן די סחורה.

ראָסאַליאַ איז געווען אומרויִק. זי האָט געקוקט אויפן וועקזייגער וואָס איז געשטאַנען אויף דער קאָמאָד אין איר צוגעבויטן צימערל, צו דער וואַנט פון דעם אַלטן הילצערנעם הויז. זי האָט זיך עטלעכע מאָל געזעצט ביי איר טישל, צוגרייטן איר שולאַרבעט, נאָר די זאָרג, די אומרו האָט איר נישט געלאָזט איינזיצן.

דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפל ביים אַריינגאַנג פון הויז האָט אַ גאַנצע נאַכט געברענט. ראָסאַליאַ איז שטיל אַרויס פון איר צימער, איין מאָל נאָכן צווייטן, אַריינקוקן אין לייבלס צימער און זען צי עס איז ליכטיק. איין מאָל, אַרויסגייענדיק פון איר צימער האָט זי געטראָפן די מאַמע.

— וואָס שלאָפסטו נישט? ראָסאַליאַ, דאַרפסט שוין באַלד גיין צו דער אַרבעט.

— איך קען נישט שלאָפן, מאַמע...

— וואָס איז דיר געשען? וואָס טראַכסטו?

ראָסאַליאַ האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— לעאָן איז נישט געקומען פון „צענטראַל".

— געוויס זיך פאַררעדט מיט אַ פריינד, אפשר האָט זיך געמאַכט אַ מיידל...

ראָסאַליאַ איז געוואָרן אויפגערעגט:

— מאַמע, זאָלסט אַזוי נישט רעדן. איך וויל דאָס פון דיר נישט הערן.

— ראָסאַליאַ! איך קען דיך נישט פאַרשטיין, לעאָן איז דאָך אַ פרעמדער, דו פאַרשטייסט דאָס נישט?

— יע, מאַמע, איך פאַרשטיי. עס איז מיר אַ וווּנדער וואָס דו פאַרשטייסט דאָס נישט, מאַמע! איך האָב אים ליב...

— עס שרעקט מיר מיין האַרץ — האָט די מאַמע געמורמלט.

דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ טונקעלער פאַרנאַכט. לייבל איז געזעסן אויפן וויגשטול און געדרימלט. דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג אין „צענטראַל” האָט ער געפילט אַן אומרויקייט, ער האָט נאָך עפּעס געבענקט און אַליין נישט געוווּסט נאָך וואָס. דרימלענדיק האָט זיך אים דערמאָנט זיין היים, זיין ברודער וואָס דינט אין פּוילישן מיליטער; די שוועסטער וואָס לערנט אין דער „תרבות”־גימנאַזיע; דער טאַטע מיט דער מאַמען, וואָס סטאַרען זיך מאַכן אַ לעבן פון דער שניטקראָם. מען דאַרף וואַרטן פון מאָנטיק ביז מאָנטיק, די מאַרקטעג — אויף צו לייזן. אויפן ווינקל שטייט חוה־רבקה מיט אַ גרויסן אויסוואַל פון סחורה.

פלוצלינג האָט זיך לייבל אַ ריס געטאָן פון וויגשטול, ווי ער וואָלט געוואָלט איבעררייסן די מחשבות, און איז אַרויס אין גאַס. אין אַ ווילע אַרום איז ראָסאַליאַ אויך אַרויסגעגאַנגען פון הויז. עס האָט אויסגעקוקט צופעליק.

לייבל איז געשטאַנען ביים ווינקל און באַטראַכט די פּאַרהאַרטעוועטע ערדענע גאַס. די טונקעלע ליכט וואָס איז געפאַלן דורך די קליינע שייבעלעך פון די פענצטער.

ראָסאַליאַ האָט זיך דערנענטערט צו אים.

— וואָס טוסטו ? אַליין . . .

— איך באַטראַכט די גאַס, די מענטשן, די שטילקייט, דעם אויס־געשטערנטן הימל.

— ווערסט דאָס אפשר באַשרייבן ?

— אַ גוטער געדאַנק. עס האָבן זיך שוין אָנגעקליבן פריערדיקע איבערלעבונגען צו באַשרייבן . . .

לייבל האָט אַ טראַט געטאָן נענטער צום מיידל און געגלעט איר האַנט. ער האָט דערפילט איר אָטעם.

— אויב איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט . . .

— דער מענטש איז דער באַשעפער פון זיינע געלעגנהייטן. איך האָב נישט געגלייבט אַז איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט מיט דיר צו רעדן אַזוי נאָענט, און איצט האָב איך זי אַליין באַשאַפן. — ראָסאַליאַ האָט זיך דערנענטערט צו לייבלען.

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן?

— פאַר וואָס קומסטו נישט אַלע פאַרנאַכט אַהיים, אין דיין צימער? ווייל איך וויל דיך זען, ווייל איך האָב דיך ליב.

ראָסאַליאַ טוליעט זיך צו לייבלען און מורמלט:

— איך וועל קומען צו דיר...

— טו דאָס נישט, דיין מאַמע וועט מיך אַרויסטרייבן.

— איך וועל קומען — שעפּטשעט ראָסאַליאַ...

— גיי אַהיים, די מאַמע וועט דיך קומען זוכן.

— איך קען נישט. איך קען פון דיר נישט אַוועקגיין... דו ווייסט נישט ווי ליב איך האָב דיך.

— גיי אַהיים, צעשטער נישט...

— איך קען נישט. מיין מאַמע שלאָפט... מיין טאַטע שלאָפט... שטיי לעבן מיר, קום נענטער צו מיר — קום מיט מיר — האָט זי אים אַ צי געטאָן מיט כוח פאַרן אָרעם, און געדריקט זיין אָרעם צו איר ברוסט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און איבערגעחזרט: — קום מיט מיר!

לייבל גייט איר נאָך. ער איז היפּנאָטיזירט פון איר וואַרעמקייט. זי עפנט שטיל די דרויסנדיקע טיר, און פאַרלעשט דאָס לעמפּל וואָס ברענט אין קיך...

לייבל וויל איר עפּעס זאָגן, זי לייגט אַרויף איר האַנט אויף זיין מויל.

— וועסט אויפוועקן מיין מאַמען — שעפּטשעט זי — און גיט אַ ביס מיט די ליפּן זיין אויער.

ראָסאַליאַ האָט אויסגעטאָן די שיך. זי שטייט אַ ווײַלע אין אַריינגאַנג פון צימער.

זי באַטראַכט די פינצטערניש.

לייבל הערט ווי זי פאַרמאַכט די טיר. שטאַרקע אָרעמס נעמען אים אַרום.

— האָב מיך ליב, ווי איך האָב דיך ליב. פאַרברען מיך. האָב מיך ליבער... האָסט מיך פאַרכישופט. דריק מיך, דערשטיק מיך... איך האָב קיין מאָל קיינעם נישט ליב געהאַט. דו ביסט דער ערשטער אין מיין לעבן... האָסט מיך ליב? — האָט זי געשעפּטשעט.

— דיין מאַמע וועט מיך אַרויסטרייבן.

— מיין מאַמע האָט דיך ליבער ווי מיך...

— דיין טאַטע וועט מיך שיסן מיטן יעגערביקס.

— מיין טאַטע זאָגט, אַז איך האָב געהאַט מזל דיך צו טרעפן. קיין אַנדערן וואָלט איך נישט ליב געהאַט.

לייבל זעט ווי ראָסאַליאַ נעמט צונויף אירע שיך און גייט אַרויס פון צימער. ער ליגט אַ וואַכער און טראַכט: „עס איז אַ חלום. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. זי האָט מיך פאַרפישופט. זי האָט מיך פאַרברענט. וואָס וועט איצט זיין...?"

לייבל האָט דערהערט אַ קלאַפּ פון אַ שטול און זיך דערשראָקן. „זי איז געפאַלן, זי קומט צוריק, די מאַמע האָט זיך אויפגעכאַפּט".

לייבל איז אַ מידער איינגעשלאָפן.

דורך די קליינע פענצטערלעך האָט אַריינגעשלאָגן אַ שוואַכע לבנה־ליכט פון אַ טראָפּישער נאַכט.

אַז לעאָן פלעגט זיך באַווייזן פאַר נאַכט אין דער אָפענער טיר פלעגט ראָסאַליאַ אין צוויי ווערטער אויסדריקן איר פרייד: „געקומען לעאָן" ווי זי וואָלט אויף אים געוואַרט אַ גאַנצן טאָג. ראָסאַליאַ האָט אין די צוויי ווערטער אויסגעדריקט מער ווי פרייד. זי האָט אויסגעדריקט ליבשאַפט צום יונגן, שיינעם יידישן בחור. דער טראָפּישער קלימאַט צינדט די בלוטן און פאַרשטאַרקט די ליבע־געפילן...

אַ צופרידענער שמייכל פלעגט זיך צעגיסן איבערן שיינעם פנים פון דעם יונגן פאַרליבטן מיידל. אירע אויגן פלעגן זיך אָנצינדן און גלאַנצן מיט פייער. לעאָן פלעגט דערפילן אַ וואַרעמקייט צו דעם מיידל, וואָס ער האָט ליב. אַזוי האָבן זיך געצויגן עטלעכע גליקלעכע חדשים.

*

עס זענען פאַרביי עטלעכע גליקלעכע חדשים. די סאַפראַ האָט זיך שוין פאַרענדיקט, לייבל טראַכט וואָס ער זאָל טאָן, צי זאָל ער פאַרבלייבן אין שטעטל און עפענען אַ קראָם, צי זאָל ער פאָרן צוריק קיין האַוואַנאַ. ער האָט אין די עטלעכע מאָנאַטן אָנגעזאַמלט עטלעכע הונדערט דאָלאַר. אָבער דאָ איז געשען אַזוינס וואָס לייבל האָט נישט דערוואַרט.

איין פאַרנאַכט, ווען לייבל איז געקומען אַהיים האָט ער געפונען אַ רעגיסטרירטן, דיקן בריוו פון דער מומען פון פילאַדעלפיע. די מומע שיקט אים אַן „אפידייוויט״, אַריינצוקומען קיין אַמעריקע. ראָסאַליאַ האָט דערפילט אַז דאָס איז נישט קיין איינפאַכער בריוו. זי וואַרפט אַ חשד אויפן בריוו. דער בריוו וועט קיין גוטס נישט ברענגען. לייבל לאָזט איבער דעם בריוו אויפן טישל אין זיין צימער. ראָסאַליאַ קען אָבער דעם בריוו נישט לייענען. ער איז געשריבן אין אותיות וואָס נאָר לעאָן קען לייענען און שרייבן. דער גרויסער פּאַפּיר איז געשריבן אין אותיות וואָס זי שרייבט שפּאַניש. זי ווייס אַז דאָס איז אַ דאָקומענט וואָס האָט לייבלס נאָמען און אַדרעס. זי פאַרשטייט אָבער נישט דעם אינהאַלט. עס איז איר אַ ווונדער וואָס לייבל האָט איר גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם בריוו. דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער איר חשד, אַז דער בריוו וועט נישט ברענגען קיין גוטס.

לייבל גייט אַרום אַ פאַרטראַגענער, ער שלאָפט נישט קיין נעכט. יעדעס מאָל ווען ראָסאַליאַ כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, זעט זי ליכט אין לייבלס צימער. זי הערט אים אַרומגיין. ער קוקט אויף איר מיט אומעטיקע אויגן און שווייגט. זי פילט אַז עפּעס קומט פאָר מיט איר פריינד; אַז עפּעס האָט אים צעטומלט און פאַרשאַפט טיפע זאָרג. עס איז קענטיק אויף זיין פּנים, אין זיינע אויגן.

לייבל זעצט זיך אין זיין צימערביים טישל און שרייבט צו דער מומען אין פילאַדעלפיע, און אַז ער לייענט איבער דעם אָנגעשריבענעם בריוו, ווערט ער ווילד. „איך צעשטער מיין אייגן לעבן. איך וועל זיך דאָס קיין מאָל נישט מוחל זיין״. ער צערייסט דעם בריוו, „און מיר האָט זיך געדאַכט אַז אַלץ גייט כשורה״.

לייבל האָט זיך נישט געקענט דעצידירן וואָס צו טאָן. זאָגן ראָסאַליאַן אַז ער גייט אַוועקפאָרן צו זיין משפּחה? ער קען דאָס נישט טאָן. ער האָט נישט קיין מוט צו באַשליסן און נאָך ווינציקער די זאַך פאַרברענגען פאַר דעם מיידל, וואָס ער האָט ליב...

די אומדעצידירטקייט האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ שווערער,

געדריקטער שטימונג. וואָס מער ער טראַכט וועגן אָוועקפאָרן, אַלץ אַ שטאַרקערע צוגעבונדנקייט דערפילט ער צו דעם מיידל.

— ניין! איך קען זי נישט איבערלאָזן, ניין! איך קען זיך פון איר נישט אָפּרייסן.

עס איז אים באַפאַלן אַ נערוועזשקייט. ער קען זיך נישט געפינען קיין אָרט. „וואָס זאָל איך טאָן?" — האָט נאָך אַנאַנד אים געמאַטערט איין געדאַנק.

לייבל איז גאָר פרי אַרויס פון שטוב און שפּאַצירט איבער די צוויי גאַסן פון שטעטל. די מענטשן קענען אים און באַגריסן אים ווי אַן אייגענעם, אָבער קיינעם פאַלט גאָרנישט איין וואָס עס קומט פאָר אין אים. ער פילט אַז ער ווערט געריסן פון זינען...

„איך קען דאָס נישט זאָגן ראָסאַליאַן. איך קען דאָס איר נישט טאָן. איך קען דאָס זיך נישט טאָן. אַוועקפאָרן און איר נישט זאָגן, זי איבערלאָזן... דאָס קען איך נישט"...

פּלוצלינג אָבער שווימט אויף אַ צווייטער געדאַנק. — „איך קען דאָס נישט פאַרשטיין. איך וועל דאָך נישט פאַרבלייבן מיין גאַנץ לעבן אין דעם שטעטל. איך וויל דאָך נישט פאַרבינדן זיך מיט אַ קריסטלעך מיידל. זיי זענען דאָך אַזוי איינגעגלייבט אין זייער גאָט, טאָ פאַר וואָס ציט דאָס מיר אַזוי צו איר, פאַר וואָס קוקן אויס אַזוי לאַנג די שעהען ביז זי קומט פון שול"?

לייבל פילט אַז עס זענען אין אים אויפגעקומען צוויי געפילן, וואָס קעמפן איינער קעגן צווייטן. ער קען נישט האַנדלען ווי עס מאָנט ביי אים זיין געוויסן, און קען נישט האַנדלען ווי עס דיקטירט אים זיין געדאַנק. „דאָס זענען די שווערסטע מאָמענטן פון מיין לעבן — אַלע וועגן זענען פאַר מיר פאַרצאַמט..."

נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט ראָסאַליאַ באַמערקט אַן ענדערונג אין לייבלס האַלטונג. זי האָט דערפילט אַז ער האָט זיך באַרויקט. יעדעס מאָל וואָס די מאַמע איז נישטאָ אין דער היים, דערנענטערט ער זיך צו איר, גלעט זי און קושט זי. ער דערמאָנט איר נישט וועגן לערנען שפּאַניש. שוין עטלעכע טעג ווי ער לערנט נישט.

איין טאָג איז לייבל אַהיימגעקומען פון צענטראַל מיט אַ פּאָר פּעקלעך סחורה.

— איך האָב געבראַכט די סחורה אין צימער, ווייל איך וועל זיך פאַרזאַמען עטלעכע טעג אין האַוואַנאַ, צו וואָס דאַרף איך די סחורה האַלטן אין קרעמל?

די פּלוצלינגדיקע דעציזיע האָט פאַרשטאַרקט ראָסאַליאַס חשד אַז עפּעס קומט פאָר ביי איר געליבטן, נישט געקוקט אויף זיין אויבערפלעכ־לעכער רויקייט.

ראָסאַליאַ האָט זיך געקליבן לייבלען עפּעס דערציילן... זי האָט זיך געקליבן אים זאָגן אַ סוד. זי האָט אָבער געפילט אַז די שטימונג איז נישט פּאַסיק פאַר דעם. זי האָט געוואָלט לייבלען זאָגן אַז זי האָט פאַרשוואַנגערט, אָבער אַז ער פאָרט אַוועק, וועט זיין בעסער וואַרטן ביז ער וועט צוריקקומען, און זי האָט אים גאָרנישט געזאָגט.

*

קיין מאָל האָט זיך לייבל נישט געזאַמט אַזוי פיל טעג אין האַוואַנאַ. ראָסאַליאַ איז וואָס אַ טאָג אַלץ אומרויקער געוואָרן. די מאַמע האָט זי אָנגעהויבן פרעגן וואָס עס איז געשען, צי ווייס זי ווו לעאָן איז אַהינגע־קומען? ראָסאַליאַ האָט נישט געוואָלט פאַרשאַפן איר מאַמען קיין צער, האָט זי איר כמעט ווי נישט געענטפערט. פון צייט צו צייט איז איר ענטפער געווען אַ קורצער: — ער וועט קומען!

אויף דער צווייטער וואָך איז אָנגעקומען אַ קורץ בריוול, אַז ער וועט נאָך פאַרבלייבן עטלעכע טעג אין האַוואַנאַ.

ראָסאַליאַ איז געווען נערוועז. זי האָט דערפילט אַז עפּעס איז מיט לעאָנען געשען... זי האָט עטלעכע מאָל געלייענט דעם בריוו און געוואָלט פאַרשטיין וואָס עס קומט פאָר מיט איר געליבטן. זי האָט אַרויסגענומען אירע פריערדיקע בריוו און גלייך באַמערקט דעם אונטערשייד. די פריער־דיקע זענען געווען געשריבן אויף איר נאָמען, און דער היינטיקער איז אויפן נאָמען פון דער פאַמיליע.

אָבער וואָס זאָל זי טאָן מיט איר סוד? דער מאַמען וויל זי נישט

דערציילן, אַ דאָקטער איז אין שטעטל נישטאָ, דאַרף מען פאָרן אין קאַמאַגוּאַיי. וואָס וועט זי זאָגן דער מאַמען? פאַר וואָס פאָרט זי פּלוצלינג קיין קאַמאַגוּאַיי?

ראָסאַליאַ איז צעטראָגן. וואָס מער זי טראַכט, אַלץ נערוועזער ווערט זי. עס פאַלט איר איין רופן לעאָנען אין האַוואַנאַ, אין דעם האָטעל וואָס זי האָט אויפן בריוו. זי האָט נישט קיין אויסרייד און זי האָט נישט קיין מוט. זי וואַרט נאָך אַ טאָג און דעצידירט זיך צו רופן. זי גייט אַוועק אין פּאָסטאָפיס. דער אָפּערייטער רופט־אָפּ און פאַרבינדט זיך מיטן האָטעל. ער גיט איר איבער דעם טעלעפאָן זי זאָל רעדן.

— קען איך רעדן מיט לעאָן וואַסער?

איין מאָמענט, — ניין! ער איז נישטאָ. ער איז פאַריקע וואָך אַוועקגעפאָרן...

ראָסאַליען פאַלט אַרויס דער טעלעפאָן פון האַנט. וואָס קען זי נאָך פרעגן, אַז לעאָן איז נישטאָ... ער איז אַוועקגעפאָרן... „ער האָט מיך אָפּגענאַרט" — שלאָגט אַ געדאַנק. ביים באַצאָלן טרייסלען זיך אירע הענט. דער אָנגעשטעלטער באַמערקט דאָס און פרעגט זי: — עפּעס איז געשען? זי שטאַמלט: — ניין, גאָרנישט...

אָבער אַהיים וויל זי נישט גיין, זי קען נישט גיין אַהיים. זי קען נישט גלייבן אַז לעאָן האָט זי אָפּגענאַרט. זי קען נישט גלייבן אַז לעאָן איז אַוועקגעפאָרן און איר אַפילו נישט געזאָגט — „זיי געזונט". וואָס זאָל זי איצט טאָן?

טראַכטנדיק, שווימט ביי איר אויף אַ געדאַנק: „ער האָט מיך נישט אָפּגענאַרט, און איך וועל זיין קינד נישט אָפּנאַרן. איך וועל זיין קינד אויסטראָגן, אויפהאָדעווען — מיט לעאָנען אָדער אָן אים"...

ראָסאַליאַ דערפילט אין זיך מוט צו גיין אַהיים און דערציילן איר מאַמען אַלץ וואָס זי טראַכט, אַלץ וואָס עס קומט פאַר. און אויב די מאַמע וועט וועלן, וועט זי גיין צום פּאַדרע (גלח), זיך מתוודה זיין און אים דערציילן, אַז זי האָט לעאָנען ליב. זי האָט מיט אים געלעבט, ווייל זי האָט אים ליב, ווייל זי האָט אים געגלייבט און גלייבט אים ווייטער, וואָס עס זאָל נישט האָבן געשען.

ראָסאַליאַ איז געקומען אַהיים. דער טאַטע איז נאָך נישט געקומען פון צענטראַל. זי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און דערציילט דער מאַמען אַלץ וואָס זי האָט איבערגעלעבט די לעצטע פּאָר וואָכן, און וואָס מען האָט איר געענטפערט אין טעלעפאָן פון האַוואַנאַ.

— מאַמע! איך האָב אים ליב געהאַט פון דער ערשטער מינוט וואָס איך האָב אים געזען שטיין אַנטקעגן אונדזער הויז. דער עלנט וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין איידעלן פּנים, די אָפּגעהאַקטע שפּאַנישע ווערטער, זיין פרייד ווען מיר האָבן אים פאַרדונגען דאָס צימער. מיר האָבן אים אַוועקגעגעבן אונדזער היים, איך האָב אים אַוועקגעגעבן מיין לעבן. איך טראָג זיין קינד, איך האָב אים ליב.

ראָסאַליאַ האָט זיך אָנגעהויבן שטיקן מיט אירע רייד. די מאַמע האָט מיט ביטערקייט אַ ברום געטאָן: — „איך האָב דיר געזאָגט, איך האָב דיר אַלץ פאָרויסגעזאָגט. אַז דו קענסט נישט אַ מענטשן, געטרוי אים נישט..."

— מאַמע! איך געטרוי אים... איך געטרוי אים מיין לעבן אויף אייביק און וועל קיין מאָל נישט האָבן קיין חרטה.

די מאַמע איז געוואָרן איבערראַשט. זי האָט נישט געוואָלט גלייבן אויף לעאָנען, זי האָט נישט געוואָלט גלייבן אויף איר טאָכטער.

— זאָג גאָרנישט דעם טאַטן. ער דאַרף שוין באַלד אָנקומען. וואַרט ביז מאָרגן וועלן מיר אַלץ באַטראַכטן...

✶

יאָרן שפּעטער, אין צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בין איך געקומען אין שטעטל פאַרקויפן שיך. אין שטעטל זענען שוין דאַן געווען צוויי יידישע קראָמען. איך בין אַריין אין „קאַסאַ כאָסע" (יאָסלס קראָם), און זיך פאַרגעשטעלט פאַרן בעל־הבית.

נאָך אַ לענגערן שמועס וועגן דער מלחמה און וואָס עס קומט פאָר מיט די יידן אין די נאַצי־פאַרכאַפּטע לענדער, פרעג איך יאָסלען צי דער יונגער בחור וואָס אַרבעט אין קראָם און הערט זיך צו אַזוי אויפמערקזאַם צו אונדזער שמועס, איז זיין זון?

יאָסל האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין! אין אַ ווײַלע אַרום האָט יאָסל, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון זײַנע טראַכטונגען, ווי ער וואָלט זיך דעצידירט אויף אַ וויכטיקן ענין, אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— קומט אַרײַן צו מיר אין שטוב. איך וווין דאָ הינטערן קראָם, וועט מײַן ווײַב מאַכן אַ ביסל קאַווע. זי קען די מלאכה. מען דאַרף האָבן אַ ביסל שוואַרצע קאַווע אָפּצופּרישן דעם זכרון.

אַריבערשטעלנדיק די פיס איבערן טרעפּל פון דער טיר וואָס האָט געפירט צו דעם הויז, האָט ער צוגעגעבן: — וועל איך אײַך דערווייל דערציילן ווער דער בחור איז...

כאָסע האָט מיר פאָרגעשטעלט זײַן פרוי.

— זי פאַרשטייט נישט קיין ייִדיש.

— פאַרשטיי אַ ביסל, כאָסע, מיר לעבן... — האָט זי זיך באַמיט צו זאָגן עטלעכע אָפּגעריסענע ייִדישע ווערטער...

— מאַך קאַווע פאַר מײַן לאַנדסמאַן, פאַר מיר אויך.

שיינע פרויען זענען אין קובאַ אַ געוויינלעכע זאַך, נאָר אַזאַ שיינקייט האָבן נאָך מײַנע אויגן נישט געזען. שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעשײַנט, געגלאַנצט ווי דינע שטראַלן. אַלע שטריכן אויסגעטאָקטע, אויסגעהאַקטע פון אַ סקולפּטאָר — אַ געטין, אַ ווענוס, וואָס האָט נישט קיין גלײַכן.

— וואָס ביסטו אַזוי איבערראַשט? קובאַנער פרויען זענען די שענסטע אין דער וועלט. זיי שטאַמען פון שפּאַניע. אפשר פליסט אין זייערע אָדערן ייִדיש בלוט... — האָט כאָסע מיט שטאָלץ גערעדט.

— פאַר נאַכט וועלן קומען מײַנע קינדער פון שול — וועסטו זען שיינע קינדער...

זײַן מאָט פּנים, מיט ייִדישע שטריכן, האָט געשמייכלט. ער איז געווען אַ נידעריקער, נישט קיין זגראַבנער.

כאָסע האָט אינסטינקטיוו אַ טאַפּ געטאָן דאָס טירל, צו זען צי עס איז גוט פאַרמאַכט. ער האָט נישט געוואָלט אַז עמעצער זאָל הערן וואָס מיר רעדן. אויפן טיש זײַנען שוין געשטאַנען צוויי טעפּלעך קאַווע.

— די קאַווע וועט קאַלט ווערן. קאַלטע קאַווע איז ווי אַ קאַלטע

פרוי. עס האָט קיין טעם נישט... — האָט טערעסאַ געשמייכלט.

מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש, כאָטש האָט גלייך אָנגעהויבן דערציילן:

אין די ערשטע יאָרן פון יידישער אימיגראַציע קיין קובא פלעגן יידישע יונגעלייט אַרויספאָרן אין די „סאָפּראַ״־חדשים, מיט אַ ביסל איינגעקויפטע סחורה אין האַוואַנאַ, ביי יידישע פאַבריקאַנטן, ביי יידישע קרעמער, און דאָס פאַרקויפן צו די אַרבעטער פון די צוקער־פאַבריקן און צו די איינוווינער אַרום די צוקער־פאַבריקן. די מערסטע האָבן די סחורה געהאַלטן אויף אַ טיש. די איבעריקע סחורה וואָס האָט זיך נישט אויסגעלייגט אויפן טיש, האָבן די „קרעמער״ געהאַלטן אונטערן טיש. מיט דער צייט זענען פון די מאַרקטישלעך אויסגעוואַקסן גרויסע קראָמען אין די שטעטלעך און שטעט — צו הורטאָוונע געשעפטן. געוועזן אַזעלכע וואָס זענען פון די טישלעך און פון די קראָמען אין די פּראָווינץ־שטעטלעך אַריינגעקומען קיין האַוואַנאַ, מיט פאַרמעגנס, און געוואָרן אימפּאָרטירער פון אויסלאַנד. אַנדערע האָבן אויפגעבויט אינדוסטריעס, אַנדערע האָבן איינגעקויפט געביידעס.

איך בין אַהער געקומען אין די צוואַנציקער יאָרן און געשטאַנען מיט אַ טישל אין צענטראַל. ביי מיין זייט איז געשטאַנען מיט אַ טישל, אַ יונגער בחור — לייבל וואָסער האָט מען אים גערופן. אַ פעיקער בחור, אַן איידעלער, געענדיקט אַ „תּרבות״־שול אין שטעטל. פון ערשטן טאָג וואָס ער איז אָנגעקומען אין שטעטל, האָט ער געוווינט אין אַ צימער ביי אַ פאַמיליע. די טאָכטער איז געווען אַ לערערקע אין דער שול פון שטעטל. די יונגע פרוי האָט ליב געקריגן לייבלען מיט איר גאַנץ לעבן. זי האָט אים געלערנט שפּאַניש, געשריבן פאַר אים בריוו אין האַוואַנאַ, מען זאָל אים אַרויסשיקן סחורה. די פאַמיליע האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם.

לייבל האָט שטאַרק ליב געהאַט די יונגע, שיינע פרוי, ביז זיינע אַ מומע האָט אויסגעאַרבעט פאַר אים אַן „אַפידייוויט״ אַריינצופאָרן אין אַמעריקע. לייבל איז איין טאָג אַוועקגעפאָרן איינקויפן סחורה אין האַוואַנאַ, און אַנשטאָט איינקויפן סחורה, האָט ער גענומען די וויזע אין

אַמעריקאַנער קאָנסולאַט, און אַז זיך געזעגענען מיט זיין מיידל, אַוועק־געפאָרן קיין אַמעריקע. איך גלייב נישט אַז לייבל האָט געוווסט אַז זיין געליבטע שוואַנגערט, ווען ער וואָלט דאָס געוווסט, וואָלט ער אפשר געהאַנדלט אַנדערש. ראָסאַליאַ האָט פאַרבאַהאַלטן דעם סוד פון איר רעליגיעזער מאַמען, פון איר טאַטן און אויך פון לייבלען.

זי האָט באַשלאָסן אַז ווען ער וועט צוריקקומען פון האַוואַנאַ וועט זי אים אויפדעקן דעם סוד. ראָסאַליאַ האָט נישט געקענט גלייבן אַז איר געליבטער, דער איידעלער בחור, וועמען זי האָט געדינט מיטן גאַנצן לעבן, מיטן פולסטן צוטרוי, זאָל זי אָפּנאַרן. זי האָט מיט שטאָלץ און אָן חרפה, פאַרן גאַנצן שטעטל אויסגעטראָגן און געהאָדעוועט איר קינד, און דערציילנדיק דעם קינד וועגן זיין טאַטן, האָט זי אים געמאָלן ווי אַ פיינעם און איידעלן מענטשן.

דאָס יינגל איז אויסגעוואַקסן און האָט ליב זיין מאַמען, און האָט ליב זיין טאַטן. דער בחור איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין קלויסטער. ער האַלט זיך פאַר אַ ייִדן און אינטערעסירט זיך מיט ייִדישע אַנגעלעגנהייטן. פרעגט זיך נאָך וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין די פאַרכאַפּטע לענדער, דורך די נאַציס. איר וועט ווערן איבעררעאַשט אים צו הערן זאָגן: — ווער ווייס, מיין זיידע און מיין באָבע זיינען אפשר אומגעקומען אין דער מלחמה?... ער האָט אַ פאַרלאַנג זיך אויסלערנען ייִדיש, און — „דעם טאָג ווען מיין טאַטע וועט קומען, וואָלט איך געוואָלט קענען זיין שפראַך"...

דאָס איז דער ברונעטער בחור וואָס אַרבעט ביי מיר אין קראָם. עס איז אַ ווייטיק די עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן דעם קלוגן בחור און קעגן זיין מאַמען. איר ווילט אפשר רעדן מיטן בחור? ער וועט אייך זיכער בעטן, איר זאָלט אים העלפן אויסגעפינען זיין טאַטן. ער וועט אייך דערציילן, אַז ער האָט קיין מאָל נישט געהערט קיין שלעכט וואָרט אויף זיין טאַטן, אַז די מאַמע האָט צו אים גאָרנישט. אַז איר איינציקער ווונטש איז, אַז איר זון זאָל קענען זיין פאָטער.

כאָסע האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, וואָס איז

געשטאַנען אין ווינקל פון צימער און צוריקגעקומען מיט אַן אַלטן פאַרגעלטן בריוו אין האַנט.

— אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך דעם ווי לייבל איז אַנטלאָפן, האָב איך דערהאַלטן דעם בריוו:

טייערער יאָסל!

עס טוט מיר ווי וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. איך האָב ליב ראָסאַליען מיטן גאַנצן האַרצן. איך האָב זי קיין מאָל נישט פאַרגעסן, און וועל זי נישט פאַרגעסן. מיט ליבשאַפט האָט זי זיך צו מיר באַצויגן, זייט דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין אָנגעקומען צו זיי. מיט וויפל איבערגעבנקייט זי האָט מיך געלערנט שפּאַניש און געהאָלפן אין אַלץ וואָס זי האָט געקענט. איך האָב געוווּסט אַז זי האָט מיך שטאַרק ליב.

דער געדאַנק אַז איך וועל אויף אייביק בלייבן אין דעם דאָרף, אַז איך וועל אויף אייביק בלייבן אָפּגעריסן פון מיין שטאַם, אַז איך וועל דאַרפן נאַרן מיין טאַטע־מאַמע, אַז איך פאַרבינד זיך מיט אַ קריסטלעך מיידל און ווער אַ טייל פון אַ קריסטלעכער משפחה — האָט מיך געשטויסן צו באַגיין די עוולה. די לעצטע מינוט — שטייענדיק אויפן בריקל וואָס האָט געפירט צו דער שיף, האָב איך דערפילט אַ בענקשאַפט נאָך דעם מיידל. איך האָב דערפילט אַ חרטה אויף דעם וואָס איך טו. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט, צו גיין צוריק, אָבער כ׳האָב נישט געהאַט קיין מוט...

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב זיך אָפּגעריסן פון דעם נאָענטסטן מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין איינזאַמען, היימלאָזן לעבן.

מיין געוויסן וועט מיך פּלאָגן מיין גאַנץ לעבן, איך האָב אָבער נישט קיין מוט צו גיין צוריק... איך וועל שוין מער קיין מאָל נישט באַגעגענען אַזאַ ליבן איבערגעגעבענעם פריינד. מיין האַרץ האָט מיר נישט געלאָזט זיך אָפּרייסן פון מיין שטאַם.

לייבל.

יאָסל האָט אַ ווײלע געשוויגן. אפשר האָט ער געטראַכט וועגן זיך ...

— אפשר בין איך אויך באַגאַנגען אַן עוולה דערמיט, וואָס איך האָב ראָסאַליען קיין מאָל נישט געוויזן דעם בריוו... ווילסטו רעדן מיטן בחור?

— ניין! בעסער נישט. איך וויל אים נישט פאַרשאַפן קיין ווייטיק, איך וויל זיך נישט גריבלען אין זײַנע וווּנדן ...

דער נעכטן אין חלום

סאַלאַר איז אַ הויף, וואָס איז געבויט געוואָרן אויפן קובאַנער אינדזל אין די קאָלאָניאַלע צייטן פון דער שפּאַנישער הערשאַפט. ווען די ווענט פון זאַמד און צעמענט ווערן פון אַלטקייט צעטריקנט, קרוכלע, און הייבן זיך אָן קרישלען, פאַרדינגט מען די הויפן אויף היימען פאַר אָרעמע. אַ סאַלאַר איז מערסטנס אַן איין־שטאָקיקע געביידע, צעטיילט אין צימערן. יעדער צימער האָט אַ הילצערנע טיר און ביי דער זייט — אַ פענצטער מיט גראָבע אייזערנע קראַטעס. דאָס פענצטער איז דער איינציקער לופטווענטילאַטאָר אין צימער; די אַנדערע דריי ווענט זענען בלינדע טורמעווענט.

אַלע צימערן קוקן אַרויס צום הויף, אין וועלכן די הייסע טראָפּישע זון ברענט אַ גאַנצן טאָג. דאָס איז דאָס איינציקע ליכט וואָס קומט אַריין אין די צימערן. טייל פון די געביידעס זענען אַלט הונדערטער יאָרן. אַ דינער שטויב שיט זיך פון די ווענט אויף דער צעמענטענער פּאַדלאָגע. אין די הייסע זומערנעכט שלאָגט פון די ווענט און פון דאַך אַ שטיקנדיקע היץ, וואָס פאַרהאַקט דעם אָטעם.

אין די אַ היימען רוען אָפּ די מענטשן, וואָס דאַרפן מיטן זונאויפגאַנג זיך צוריקקערן צו דער אַרבעט.

די וווינונגען זענען צעטיילט אין דריי חלקים. די סאַליע ביים אַריינגאַנג, דער אָפענער הויף, צו וועלכן עס גייען אַרויס די טירן און פענצטער פון ביידע זייטן צימערן, און די אַלגעמיינע קיך.

אַנטקעגן דער קיך איז די טיר און פענצטער פון לעצטן צימער פון דער לינקער זייט. נאָך דער קיך איז פאַראַן אַ קליין הייפּל אין פראָנט פון אַלגעמיינעם אָפּטרעט.

אין די נעכט באַלייכט דעם געמויערטן אַריינגאַנג צום הויף אַ קליין עלעקטריש לעמפּל, וואָס וואַרפט אַן אומעטיק שאָטנדיק ליכט איבערן הויף און איבער די ברוינע טירן און פענצטער. אין די לבנה־נעכט פאַלט

דאָס לבנה־ליכט אויף די אויסגעריסענע שטיינער פון דער פּאָדלאָגע. אין די איבעריקע נעכט פון חודש הענגט איבערן הויף אַ בלויער אויס־געשטערנטער הימל. דורך די פענצטער הערט זיך דאָס אָטעמען פון די איינוווינער. אַ הוסט, אַ קרעכץ שלאָגט זיך אָפּ אָפּ אין חלל פון הויף.

אַ מאָל בלייבן זיך טריקענען אויף די פאַרצויגענע דראָטן אָדער שטריק איבערן הויף אַ פּאָר אויסגעוואַשענע הויזן, אַ העמד, אַ קליידל, וואָס עמעץ דאַרף אָנטאָן אין דער פרי צו גיין צו דער אַרבעט, און הוידען זיך ווי שדים. איבער דער פּאָדלאָגע טראָגן זיך אַרום מייז, זיי פאַרקלייבן זיך דורך די פענצטער אין די צימערן, ווו זיי זוכן ברויטברעקלעך צו זעטיקן זייער הונגער.

✶

אַ פאַרשטיקט געוויין האָט זיך צעטראָגן איבערן סאָלאַר אין דער נאַכט. די שכנים וואָס האָבן זיך איבערגעוועקט, האָבן געהויבן די פאַרהאַנגען פון די פאַרקראַטעטע פענצטער און אַרויסגעקוקט צו דערגיין פון וואַנען עס קומט דאָס געוויין, אפשר איז ערגעץ ליכטיק אין אַ צימער. דאָס געוויין האָט זיך געטראָגן פון מיטלסטן צימער, ווו עס וווינט דער פּאָלאַקאָ יודל מיט זיין ווייב און קינד. דאָס האָט חנה, יודלס ווייב, זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ביטער געוויין, וואָס האָט גע־אַמערט און פאַר־אומערט די איינוווינער פון סאָלאַר.

— וואָס וויינסטו? — האָט יודל טרויעריק גערעדט צו זיין ווייב, — וואָס וויינסטו? חנה!

— האָסט מיך געוואָלט דערהרגענען, בין איך אַנטלאָפן. קיין ברויט האָסטו נישט געבראַכט, קיין מילך פאַרן קינד אויך נישט, איז עס אַנטשלאָפן געוואָרן אַ הונגעריקס, זייגנדיק אַ פינגער. פאַר וואָס ווילסטו מיך דערהרגענען? וואָס האָב איך דיר געטאָן.

— וואָס רעדסטו, חנה?! וואָס פעלט דיר איין?

חנה איז איבער־אַ־נייס אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין און כליפּענדיק גערעדט:

— אפשר עסט דו אָפּ אין גאַס און אונדז לאָזסטו הונגערן? פאַר

וואָס האָסטו מיך אַראָפּגעבראַכט מיטן קינד אונדז צו מאַטערן מיט הונגער? פאַר וואָס האָב איך געבראַכט אַהער מיין קינד? מיין טאַטע האָט דאָך פאַרקויפט אונדזער הויז כדי צו קויפן די שיפסקאַרטע. ביסט דאָך אַ רימער, פאַר וואָס זוכסטו נישט קיין אַרבעט?

פלוצלינג, ווי עפּעס וואָלט זיך אויפגעריסן אין איר געדאַנק, האָט זי זיך ווילד צעשריגן:

— דערהרגע מיך! מיך דערהרגע, מיך! איך זאָל זיך מער נישט מאַטערן, אָבער פייניק נישט דאָס קינד מיט הונגער?

— איך האָב געזוכט ביי ווּעמען צו בעטן... איך האָב זיך געשעמט, חנה. וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך קריג נישט קיין אַרבעט? כ'בין אַ רימער, אַ גוטער רימער. נאָר ווער דאַרף דאָ אַ רימער? אין אַ סך קראָמען שעם איך זיך צו פרעגן, ווייל זיי קוקן שוין אויף מיר ווי אויף אַ שנאָרער. חנה, ביסט גערעכט! צו וואָס האָב איך דיך געבראַכט און צו וואָס האָבן מיר געבראַכט אַהער דאָס קינד? אַז איך קאָן נישט פאַרדינען אויף ברויט פאַר אונדז, נישט פאַרן קינד...

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין און איז צוגעלאָפן צו דער מאַמען.

— מאַמע, עסן!

חנה האָט פאַרשטיקט אין זיך דאָס געוויין, זי האָט זיך אויפגעהויבן פון אייזערנעם בעט, גענומען דאָס קינד אין די אָרעמס און עס געוויגט.

אירע צעשויבערטע האָר, דאָס גראָע אָנגעשטרענגטע פּנים, די איבער־געקערטע אויגן, האָבן אַנטפּלעקט די יסורים וואָס פייניקן זי. יודל איז געשטאַנען אַ פאַרלאָרענער. אין זיין פאַרטונקלטן מוח האָבן אָפּגעקלונגען ווי אַן עכאָ חנהס רייד.

— איך וועל אָנקלאַפּן ביי דער שכנה און בעטן זי זאָל בלייבן מיטן קינד, איך וועל דיך נעמען אין שפּיטאָל, חנה.

— וואָס וועט מיר העלפן דאָס שפּיטאָל? ברענג מילך פאַרן קינד!

זי האָט צוגעדעקט איר מויל מיטן האַנט און געדריקט מיטן גאַנצן כּוח צו פאַרשטיקן די ווייטיקדיקע רייד, און מיט דער צווייטער האַנט געטוליעט דאָס קינד צו זיך.

— ס'איז דאָך אין מיטן נאַכט, חנה...

— מיר גייען דאָך אויס פון הונגער... — האָט חנה געמורמלט.

די שכנה וואָס וווינט לעבן יודלס צימער און אַרבעט די נעכט אין אַ שטאַטישן שפּיטאָל, איז היינט נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט — איר מאַן, אַ מוליער, איז אַראָפּגעפאַלן ביי דער אַרבעט פון דער רישטאָוואַניע און ליגט אַ גוססער אין אַ צווייטן שפּיטאָל. איז זי געלאָפן אים זען, און איז ערשט איצט, שפּעט ביי נאַכט, געקומען אין סאָלאַר. דערהערט דאָס ביטערע געוויין, האָט זי אָנגעקלאַפּט אין טיר. יודל האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די הויזן און געעפנט די טיר.

דאָס שוואַכע ליכט פון עלעקטרישן לעמפּל האָט געוואָרפן שאָטנס אויף די גראָע ווענט, אויף די ברוינע באַלקנס און דאָס צימער האָט געקראָגן די מראה פון אַ קבר.

חנה האָט דערהערט אַז מען קלאַפּט אין טיר האָט זי אינסטינקטיוו אַראָפּגעלאָזן דאָס קינד און געבליבן הענגען ווי אַ פאַרשטאַרטע אויפן ראַנד פון דעם אייזערנעם בעט. יודל שטייט אַ פאַרלאָרענער, און דאָס קינד ליגט אויף דער צעמענטענער פאָדלאָגע און זייגט כליפּענדיק אַ פינגער.

— וואָס איז געשען? — האָט איזאַבעלאַ די שכנה קוים אַרויסגערעדט, אַ צעוויייטיקטע פון אירע אייגענע צרות.

— דאָס קינד איז הונגעריק, נישטאָ אים וואָס צו געבן... — האָט חנה גערעדט ווי צו זיך אַליין, אַ פאַרטראָגענע.

— איך האָב מילך אין אייזקאַסטן.

איזאַבעלאַ האָט אויפגעשלאָסן די טיר פון איר צימער און אַריינגעבראַכט אַ האַלב פלעשל מילך און אַ האַלבן קובאַנער ברויט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט אַ גלאָז. אויפן הילצערנעם טישל איז געשטאַנען אַן אָפּגעשטשערבעט ליימען טעפּעלע, האָט זי אין דעם אָנגעגאָסן מילך און צוגעטראָגן דעם קינד צו די ליפּן — עס האָט אויפגעעפנט די אויגן און געזופּט האַסטיק, דאָס זופּן האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן צימער.

— ברויט! — האָט דאָס קינד געבעטן.

די שכנה האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט און אים געגעבן.

— אַ דאַנק! — האָט יודל אַרויסגעשטאַמלט.

חנה איז צוגעגאַנגען צום טישל, גענומען דאָס געבליבענע ברויט אין האַנט אַריין און געביסן.

— טרינק די מילך! — האָט איזאַבעל געזאָגט צו איר. זי האָט אָנגעקוקט חנהן און אַרויסגעלייענט פון איר נערוועז־צוקנדיקן פּנים, אַז זי איז נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען.

✶

אין צימער 7, נאָענט צו דער אַלגעמיינער קיך, וווינט שוין אַ סך יאָרן מאַרגאַריטאַ, אַ יונגע שיינע פרוי, וואָס גיט אָפּ אַ סך אויפ־מערזאַמקייט איר קליידונג. איר מוטער, וואָס האָט געוווינט מיט איר, איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געשטאָרבן. זי איז זעלטן אַרויסגעגאַנגען פון צימער — אירע פיס זענען געווען פּאַראַליזירט — איז זי מערסטנס געזעסן אויף אַ וויגשטול, וואָס איז געשטאַנען ביי איר בעט. דורכן אויפגעהויבענעם פאָרהאַנג פלעגט זי אַרויסקוקן צום הויף, אָדער באַט־ראַכטן שטאָר די צעלעכערטע צעמענטענע פּאַדלאָגע.

מאַרגאַריטאַ איז אַ שווייגנדיקע, אַן אומעטיקע. אירע אויסגעלאָשענע אויגן פאַראומערן איר שיין פּנים. בעת די איבעררייד אין סאַלאָר, בעת אויפּברויזן און פאַרדרוסן, שטייט זי תמיד אין אַ זייט. זי מיידט בכלל אויס זיך אויסצומישן מיט די שכנים. אַ וואַנט פון אָפּגעזונדערטקייט האָט זי מיט דער צייט אויפגעשטעלט צווישן זיך און די שכנים, כאָטש אַלע באַגריסן זי און פרעגן זיך אויף איר געזונט. איר צימער איז פריש געפאַרבט, מיט אַ ריינעם פאָרהאַנג אויפן פענצטער, אויף דער גלאַטער ווייסער וואַנט הענגען איינגעראַמטע בילדער. איינער פון די געמעלן איז פון אַ גרויסער משפּחה ביי אַ יום־טובדיקן טיש. מאַרגאַריטאַ שטעלט זיך אָפּ פון צייט צו צייט און באַטראַכט די בילדער וואָס דערמאָנען איר פאַרגאַנגענע יאָרן.

פאַר נאַכט גייט מאַרגאַריטאַ אַרויס פון איר צימער אַן אויסגעפּוצטע, אין אַ בלישטשענדיק קלייד. אירע בלאָנדע געקרויזטע האָר זענען שיין

פּאַרקעמט. דער ריח פון פּערפום גיט אַ שלאָג איבערן גאַנצן הויף און מישט זיך אויס מיטן ריח פון פּרוכניע און אָפּטרעט.

זינט מאַרגאַריטאַ האָט זיך דערוווּסט, אַז חנה די פּוילישע איז קראַנק, אַז זי קאָכט נישט, און דאָס קינד איז אויף הפקר, קוקט זי פון צייט צו צייט אַריין אין צימער, לויפט צוריק צו זיך, נעמט אַרויס פון איר אייזקעסטל אַ פלעשל מילך, די טאַרבקע ברויט אַ מאָל, אויך אַ שטיקל קעז, טראָגט דאָס אַריין צו יודלען אין צימער און שטעלט דאָס אַריין אין זייער אייזקעסטל. יודל האָט איר קיין מאָל נישט געדאַנקט און קיין מאָל נישט גערעדט צו איר. ער ווייסט, אַז אַלע פאַרנאַכט גייט זי אַוועק און קומט צוריק שפּעט ביי נאַכט.

יודל מיידט אויס צו זיין אין צימער ווען מאַרגאַריטאַ ברענגט דאָס עסן. ער וואָלט איר געוואָלט דאַנקען, נאָר ער האָט נישט קיין מוט דאָס צו טאָן. אַ סך מאָל טראַכט ער וועגן מאַרגאַריטאַן, ער שטעלט זיך פאָר וואָס איר באַשעפטיקונג איז, ער וויל אָבער נישט פאַרפירן מיט איר קיין שמועס וועגן דעם.

אין איינעם אַ טאָג האָט דער שלאָסער, וואָס וווינט אַליין אין לעצטן צימער, אויף דער רעכטער זייט פון סאַלאָן, געבראַכט מיט זיך אַ קאַרטל מיט אַן אַדרעס פון אַ „הייזל". צוויי מיידלעך האָבן דאָס קאַרטל פאַרטיילט. אויפן קאַרטל זענען געווען אויסגערעכנט די נעמען פון די מיידלעך וואָס „אַרבעטן" אין אָט דעם הייזל, און צווישן זיי — מאַר־גאַריטאַ. איז דאָס קאַרטל געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. טייל זענען געוואָרן איבערראַשט, כאָטש זיי האָבן דאָס שוין געוווּסט, ביי אַנדערע האָט דאָס אַרויסגערופן מיטגעפיל. יודל האָט צוריקגעגעבן דאָס קאַרטל דעם שלאָסער מיט פאַרביסענע ליפּן און געשוויגן. יענעם ביינאַכט איז יודל געזעסן אויף דער צעבראָכענער שטול ביי זיין טיר און... געוואַרט. אַז ער האָט געהערט עפּענען די טיר, און געהערט מאַרגאַריטאַן אַריינקומען אין סאַלאָן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זי באַגריסט.

— איך וויל דיר דאַנקען פאַר אַלץ וואָס דו טוסט פאַר מיר, פאַר מיין ווייב און קינד.

טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. ער האָט מער גאַרנישט געקענט אַרויסברענגען פון זיין ציטעריקן מויל.

*

איזאַבעלאַ איז אַריין אין הויף אַ פאַרוויינטע. זי האָט געזען שמערעלען זיצן אויפן פרוכט־קעסטעלע ביי דער טיר פון זיין צימער, איז זי צוגעקומען, אים אַ גלעט געטאָן איבערן פּנימל און געפרעגט אויף דער מאַמען.

— מיין מאַמע האָט שטאַרק געוויינט, האָט דער טאַטע זי צוגענומען.

— קיינער האָט זי נישט צוגענומען, זי וועט קומען צוריק, סמערעלע.

איזאַבעלאַ האָט זיין נאָמען אַרויסגערעדט מיט אַ סמך.

— ניין, טיאַ (מומע), זי וועט שוין קיין מאָל נישט קומען, זי איז קראַנק. אפשר וועט מיר מיין טאַטע נעמען צו איר. איך האָב אַזוי ליב מיין מאַמען!

טרערן זענען איצט גערונען איבער איזאַבעלאַס באַקן, טרערן אויף אירע אייגענע צרות און פון קינדס צער.

— זי וועט קומען, סמערעלע, זי וועט קומען... איך האָב זי אויך ליב.

זי איז אַריין צו זיך אין צימער, זיך געזעצט אויפן וויגשטול און שטילערהייט געכליפּעט. שפּעטער אַ ביסל איז זי אַרויסגעקומען און אים געזאָגט:

— סמערעלע, איך וועל דיר מאַכן עסן.

דאָס קינד האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרנעפּלטע אייגן און אַ פאַר־אומערטער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— מיין מאַמע וועט שוין נישט קומען...

ער האָט זיך דערנענטערט צו איזאַבעלאַן און זי געגלעט מיט ליבשאַפט.

אין דער רגע איז אַרויסגעקומען מאַרגאַריטאַ. זי האָט זיך דערנענטערט צו איזאַבעלאַן און מיט מיטלייד זי געפרעגט:

— וואָס מאַכט דיין מאַן? כ'האָב געהערט אַז ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער רישטאָוואַניע.

איזאַבעלאַ האָט שווער אָפּגעאָטעמט און מיט ווייטיק איר געענטפערט:

— היינט האָב איך מיין מאַן באַערדיקט. פערצן יאָר זענען מיר געווען צוזאַמען, און איצט בין איך געבליבן אַליין...

— איך פיל דיך מיט. דער גורל פרעגט נישט ביי קיינעם, אַזוי אָט געווען באַשערט...

— דו גלייבסט אין באַשערטקייט? — האָט איזאַבעלאַ אָנגעקוקט איר שכנה, — דו גלייבסט אַז ריקאַרדען איז געווען באַשערט אַראָפּצופאַלן פון דער רושטאָוואַניע און שטאַרבן? פאַר וואָס זאָל אַזאַ טייערן מענטשן זיין באַשערט אומצוקומען? ווען ער וואָלט נישט געאַרבעט אויף אַ רושטאָוואַניע וואָלט ער נישט אומגעקומען.

— איזאַבעלאַ, אַלע האָבן מיר אַזוי פיל צו פרעגן וועגן אונדזער גורל, אַז בעסער — נישט פרעגן, בעסער נישט טראַכטן...

— יודל האָט גענומען חנהן צום דאָקטער. האָט דער דאָקטער זי אַריינגעגעבן אין שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. אין מאָמענטן ווען זי פאַרלירט דעם געדאַנק, קאָן זי חלילה אומברענגען זיך אָדער דאָס קינד. יודל האָט נישט געהאַט קיין אויסוועג. אַ רחמנות, אַזאַ אַרבעטזאַמע, אַזאַ ליבע פרוי. זי האָט אַזוי ליב געהאַט דאָס קינד, איר מאַן. אַ רחמנות אויף זיי.

— הונגער קאָן פירן צו משוגעת, — האָט איזאַבעלאַ געזאָגט.

— זיי געזונט, איזאַבעלאַ.

מאַרגאַריטאַ איז אַרויס פון סאַלאַר.

✶

דער איינציקער שכן וואָס פלעגט פון צייט צו צייט אָוועקשטעלן אַ פאַסטקע אויף צו כאַפּן מייז איז געווען דער „קאַמיאַנעראַ" (דער שאָפער פון לאַסט־אויטאָ), וואָס האָט געוווינט אין די גרויסע פאַדערשטע צוויי צימערן פון סאַלאַר, מיט אַן אַרויסגאַנג צום הויף און מיט אַ שווערע הילצערנע טיר צו דער גאַס. די צימערן זענען געווען פינצטערע. אַ גאַנצן

טאָג האָט געברענט אַן עלעקטריש לעמפּל, וואָס האָט געוואָרפן שאָטנס אויף די ווענט. דער „קאַמיאָנערא" האָט פיינט געהאַט די מייז און פלעגט זיי אומברענגען אויף אַן אכזריותדיקן אופן. ער פלעגט פונאַנדערפירן מעבל פון די מעבלגעשעפטן, אָדער אַריבערפירן דאָס מעבל און די זאַכן פון יענע, וואָס פלעגן זיך איבערקלייבן פון איין דירה אין אַ צווייטער.ביידע פרנסות זענען בטל געוואָרן זינט די רעגירונג האָט אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס האָט מער נישט דערלויבט צו העכערן דירה־געלט אין די אַלטע הייזער, און פאַרבאָטן אַרויסצוואַרפן אויפן גאַס די פאַמיליעס, וואָס האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן דירה־געלט.

עס האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ צו זען די אַרויסגעוואָרפענע עטלעכע שטיקלעך מעבל אויפן טראָטואַר, דאָס אייזערנע בעט מיטן צעריסענעם שעניק, דאָס הילצערנע טישל, דאָס אייזקעסטל און אַ פּאָר צעבראָכענע שטולן. אַ דאַנק דעם געזעץ האָט מען זיך אויפגעהערט איבערציִען פון איין דירה אין אַ צווייטער, און אַרמאַנדאָ האָט פאַרלוירן די פרנסה. אָבער אַרמאַנדאָ איז אַן אַרבעטזאַמער מענטש. ער זוכט אויף אַלע מאָל וואָס צו טאָן: ער פירט פּעקלעך פון די לעדער־געשעפטן, זעקלעך צעמענט, שטיינער און ציגל פאַר הייזער וואָס מען בויט — אַלץ, פון וואָס נאָר מען קאָן פאַרדינען אויף פרנסה.

אַרמאַנדאָ האָט זייער ליב זיין אַלטן „פּאַרד" — ער פּוצט דעם מאָטאָר מיט אַ קליידער־בערשטל, ער רייניקט און פּוצט יעדע אייזערנע רער זיינע, יעדעס שטיקל אייזן מיט אַ ריינער שמאַטקע. דער לאַסטאויטאָ האָט געהאַט אַ הילצערנע פּלאַטפאָרמע, אָן ווענט און אָן אַ דאַך, האָט די פּלאַטפאָרמע געבליאַסקעט — אַרמאַנדאָ פלעגט זי וואַשן מיט וואַסער און זייף.

אַרמאַנדאָ, אַ געזונטער מיטל־יעריקער מאַן, פלעגט נאָכקוקן די שיינע מאַרגאַריטאַ, וואָס האָט געוווינט אין דער צווייטער זייט הויף אין צימער 7, ביי וועמען די מוטער איז געשטאָרבן מיט אַ קורצער צייט צוריק. ער האָט געוווּסט, אַז די שיינע מאַרגאַריטאַ אַרבעט ערגעץ נישט ווייט פון סאָלאַר. ווען עס איז צו אים אַריינגעפאַלן דאָס קאַרטל מיטן אַדרעס פון „הייזל", וואָס דער שלאָסער האָט אַלעמען געוויזן, איז ער איין מאָל

אַוועק אַהין. פֿאַרשטייט זיך, אַז די ווייב זאָל נישט באַמערקן און זיך נישט נאָכפֿרעגן וווהין ער קלייבט זיך און פֿאַר וואָס ער פּוצט זיך אַזוי. זיין באַזוך האָט זיך אָבער פֿאַרענדיקט מיט אַ דורכפֿאַל, אויף וועלכן ער האָט זיך אין גאַנצן נישט גערעכנט. מאַרגאַריטאַ האָט דערזען אַריינקומען אַרמאַנדאָן, דעם שכן פֿון סאָלאַר, איז זי אַנטלאָפֿן און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ הינטערשטן צימער, זיך מיט אים נישט געוואָלט באַגעגענען.

— קום אַרויס, — האָט זי די חברטע גערופֿן, — ער איז דאָך געקומען ספּעציעל צו דיר!

— זאָל ער גיין מיט וועמען ער וויל, מיט מיר נישט!...

אַרמאַנדאָ איז אַוועקגעגאַנגען אַ פֿאַרשעמטער. עס איז אים גאָרנישט איינגעפֿאַלן, אַז אַ מיידל, וואָס פֿאַרקויפֿט איר גוף, קאָן האָבן אַזאַ געפֿיל. קיין צווייטע האָט ער נישט געוואָלט. מאַרגאַריטאַ האָט אויסגעפֿירט. זיך נישט געלאָזט דערנידעריקן פֿאַר אַ שכן פֿון איר הויף, ווו עס האָט געוווינט איר מאַמע.

אין ערשטן צימער פֿון דער רעכטער זייט, גלייך נאָך דער „קאַרבאַ־נעריע" (קוילנקראָם), וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן טיף אין סאָלאַר, האָט געוווינט פּערמין מיט זיין ווייב טערעסאַ. פּערמין האָט געאַרבעט אין אַ שוכפֿאַבריק. ער איז געווען אַ מולאַט, מיט אַן איידעלן אויסזען און איידעלע מאַניערן, און האָט געהאַט אַן איינגעשטעלטן לעבן־שטייגער. מאָנטיק פֿלעגט ער פֿאַרזעצן זיין זייגער אין לאָמבאַרד אויף קאַמפּאָסטעלאָ־גאַס, און שבת, ווען ער פֿלעגט אָפּנעמען די שכירות אין דער שוכפֿאַבריק, פֿלעגט ער דעם זייגער צוריק אויסלייזן. ער האָט נישט געהאַט קיין זיכערן געהאַלט, האָט געאַרבעט פֿון שטיק, און עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז ער האָט פֿאַרדינט גאַנצע ניינצן דאָלער (פּעסאָס). אָבער אַזאַ גליק פֿלעגט טרעפֿן גאָר זעלטן, ווער רעדט נאָך אַז די שטעפּערס האָבן אָפּגעהאַלטן די כאַלעווקעס, איז שוין אין דער וואָך געווען אַ בראָך צו זיינע פֿאַרדינסטן. פּערמינען איז נישט געווען קיין אונטערשייד צי ער פֿאַרדינט מער צי ווייניקער — דעם זייגער האָט ער אַלץ איינס פֿאַרזעצט, ווי ער וואָלט געהאַט אַן אָפּמאַך מיטן לאָמבאַרדיר.

שבת, נאָכן אָפּנעמען דאָס פאַרדינטע געלט, פלעגט פערמין צוזאַמען מיט נאָך אַרבעטער זיך שטעלן ביים טאָמבאַנק אין באַר און מאַכן אַ לחיים לכבוד דער פאַרענדיקטער וואָך אַרבעט, לכבוד דעם פרייען שבת נאָך־מיטאָג און דעם פרייען זונטיק. ווי נאָר ער פלעגט דערזען אַז זיינע פריינד ווערן בגילופין און מען הייבט זיך אָן זידלען אָדער קריגן, פלעגט ער שטילערהייט זיך אַרויסשאַרן פון שענק און אַוועק אין קראָם אויף קאַמפּאַסטעלאַ־גאַס אַרויסצונעמען דעם זייגער. דאָס פאַרזעצן דעם זייגער איז נישט געווען פאַר נויט, עס איז געוואָרן ביי אים אַ געוווינטשאַפט, און אפשר אַ מין כּישוף, אָדערביידע זאַכן צוזאַמען. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון דער מורא, אַז אין משך פון דער וואָך זאָל מען דעם זייגער נישט אַרויסגנבענען — זיין גאַנץ פאַרמעגן.

פערמינס פרוי — אַ שיינע מולאַטקע מיט אַ סך רייץ, אַ שלאַנקע, האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון אַרבעטער־קליידער, ביי אַ ייִדן. גייענדיק פון דער אַרבעט פלעגט זי, טערעסאַ, פאַרן אַריינגיין אין סאַלאַר זיך שטענדיק אָפּשטעלן אויפן טרעפּל פון דער קוילנקראָם, זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן פאַרן „קאַרבאַנעראָ”. דעם פרייטיק פאַר נאַכט איז זי געקומען פון דער אַרבעט אַ מידע, אַ פאַרחלשטע, אָן אָנגעגעסענע מיטן שטויב פון דער ביליקער סחורה, וואָס מען נוצט אויף די אַרבעטער־קליידער. דער ווענטילאַטאָר אין פאַבריק האָט נישט געאַרבעט, איז זי אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין איר ווינקל אָן אויסגעווייקטע אין שווייס. זי האָט אַ פאַר־ביטערטע אַרויסגעשאָסן מיט פאַרדרוס:

— די פּוילישע (ווי מען האָט גערופן דאָ די ייִדן) האָבן נישט קיין איינזען מיט די אַרבעטער!

דער „קאַרבאַנעראָ” האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ פאַר מיטגעפיל.

— ווייסט נישט, ס'איז דאָ וואַסער אין דוש?

— כ'ווייס נישט. איך גלייב אַז עס איז דאָ.

— אין די הייסע טעג פעלט שטענדיק אויס וואַסער זיך אָפּצובאָדן.

— איך האָב דיך קיין מאָל נישט געזען אַזוי אין כּעס...

— דו ווייסט דאָך, אַז דאָס איז נישט לגבי דיר. געווען אַ שווערער טאָג, קענסט זיך דאָס נישט פאָרשטעלן. זונטיק פאָרט פערמין אין פלאַיע.

איך פאר נישט, כ'האב זיך פארשטאכן א פינגער מיט דער נאדל פון מאשין.

— וועל איך דיר קומען אקאמפאנירן — האט בארטאלא זי אנגעקוקט מיט צעעפנטע אויגן פון זיין פארשווארצטן פנים.

— קענסט קומען... האט טערעסא געשמייכלט מיט געביטענע שטריכן אויף איר פנים.

— זיכער וועל איך קומען...

— איך וועל דיך זען. דער פארהאנג פון פענצטער וועט זיין פארשארט... — האט טערעסא אים אנגעגעבן א סימן.

טערעסא האט זעלטן געקאכט אין דער אלגעמיינער קיך. זי מיט פערמינען פלעגן עסן אין א כינעזישער „פאנדא" אויף סעל־גאס. זונטיק פלעגן זיי גיין אין „אריענטאל", א כינעזישער רעסטאראן אין צענטער פון האוואנא. דאס עסן איז געווען געשמאק און געקאסט ביליק.

די שכנים האבן געוווסט אז טערעסא פריינדלט זיך מיטן „קאר־באנערא", און דער חשד האט זיך דערטראגן צו פערמינען. האט ער איין שבת, ווען ער האט זיך אומגעקערט פון שענק און שוין געהאט אפגענומען דעם זייגער פון לאמבארד, זיך געשטעלט לעבן שלאסערס פענצטער, וואס האט געוווינט אין סאלאר איינער אליין, און אויפן קול מתרה געווען, אז אויב עמעצער וועט אויסטראכטן זאכן אויף זיין ווייב, וועט יענער זיך דארפן פארמעסטן מיט אים. קיינער אין הויף האט זיך נישט אנגערופן. דער פארהאנג ביים שלאסער אויפן פענצטער האט זיך נישט אויפגעהויבן.

✶

דער „קארבאנערא" האט געהאט זיין קוילנקראם צו דער רעכטער זייט פון דער גרויסער הילצערנער אריינגאנג־טיר אין הויף. קארבאנערא — דער קוילנמענטש — איז זייער א פאסיקער נאמען נישט בלויז פאר א קוילנפארקויפער, נאר אויך פאר זיין אויסזען. ער האט אויסגעזען ווי א גרויס שטיק באוועגלעכע קויל, און שווארץ ווי סאזשע פון קאפ ביז די פיס. ער איז געשטאנען א גאנצן טאג און אנגעפילט פינף־סענטיקע

טאַרבקעלעך מיט קוילן, קונים וואָס האָבן געקויפט פאַר 10 סענט, האָבן גענומען צוויי טאַרבקעלעך. ער האָט אויך געהאַט עטלעכע גרויסע קונים, „פאָנדאָס", קליינע רעסטאָראַנדלעך, ווו עס עסן אַרבעטער און אָרעמע מענטשן, וואָס פירן נישט קיין אייגענע באַלעבאַטישקייט. באַרטאַלאָ פלעגט אַ נעם טאָן דעם זאַק קוילן אויף דער פלייצע און אַוועקטראָגן צו אַ קונה, ווי ווייט דער מהלך זאָל נישט זיין. ער האָט געהאַט קונים אויף באָרג. די בוכפירונג פון די קונים אויף דער וואָך, אָדער אויפן חודש, איז געהאָנגען אויף אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק, אויף דער גראָבער הילצערנער טיר. די חשבונות האָט דער קוילנמענטש געפירט אויף זייטעלעך פאַפיר פון אַ העפט. דער גרויסער בלייפעדער האָט געשריבן איבער די שוואַרצע קוילן־פלעקן. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ גוטע ראיה צו קאָנען אַדורכקריכן אָט די חשבונות.

באַרטאַלאָ איז אַ געבוירענער אויפן אינדזל מאַיאָרקאָ אין שפּאַניע. ער האָט גערעדט אַ קלאָרן שפּאַניש. ער האָט געלערנט אין די ערשטע קלאַסן אין אַ דאָרפישער שול און איז געקומען קיין האַוואַנאַ אויף אַ משא־שיף. די רייזע אויף אַ פּאַסאַזשיר־שיף אין יענע צייטן איז געווען אַ גרויסער לוקסוס. דאָס האָט געקאָסט 60 דאָלער. יוער פון די איבער־וואַנדערער האָט דעמלט פאַרמאָגט זעכציק דאָלער אויף צו פאָרן מיט אַ פּאַסאַזשיר־שיף? סיידן סוחרים, מלוכישע אָנגעשטעלטע אָדער אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט פאַרמעגלעכע קרובים אין קובאַ. איז באַרטאַלאָ געקומען מיט אַ משא־שיף. ער האָט געאַרבעט אויף דער שיף און נאָך געדאַרפט צוצאָלן פינף־און־צוואַנציק דאָלער, וואָס דאָס איז אויך געווען אַ סומע געלט.

נאָכן אָפּזיין אַ צייט אין קובאַ און אָנקלייבן אַ ביסל געלט, איז באַרטאַלאָ נאָכגעקומען זיין בענקשאַפט און באַשלאָסן צו פאָרן באַזוכן זיין היימלאַנד, צו זען זיך מיט טאַטע־מאַמע.

באַרטאַלאָ האָט געקויפט אַ ניי העמד אין שטרייפן — דאָס ערשטע מאָל פאַר אַלע זיינע יאָרן אין קובאַ האָט ער נאָכגעגעבן זיין געשמאַק. ביזן פאָרן האָט ער גענוצט אַ בלוי אַרבעטסהעמד פון זעפיר, וואָס ער פלעגט אויסוואַשן אין די זונטיקן און אַרויסהענגען אין סאַלאַר, ווו ער

האט געוווינט. דאס העמד פלעגט זיך שנעל אויסטריקענען אויף דער הייסער זון און באַרטאַלאַ האָט עס געצוצט פאַר זיין זונטיקהעמד. ער האט זיך געקויפט אַ פּאָר שפּאַצירשיך; אַלע יאָרן האָט ער געטראָגן גראָבע אַרבעטער־שיך מיט טשוועקלעך אויף די זוילן, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען אויף די „אַדאָקינעס", די פאַרקאַנטיקטע שטיינער פון דער גאַס, ווייל דער טראָטואַר אין האַוואַנאַ איז זייער שמאָל, און אַ מענטש מיט אַ זעקל קוילן קאָן נישט גיין אויפן טראָטואַר.

באַרטאַלאַ האָט צום ערשטן מאָל געקויפט אַ בלויען אַנצוג פון טראָפּיקאַל־סחורה, דער ערשטער אַנצוג אין זיין לעבן. ער האט איינגעהאַנדלט אַ שיפסקאַרטע אויף אַ פּאַסאַזשיר־שיף און זיך אָוועקגעלאָזן זען מאַטע־מאַמע. ער האָט אָבער זיינע קונים נישט געלאָזן אויף הפקר — ער האָט איבערגעלאָזן אַ פאַרטרעטער, זיינעם אַ קרוב. האָט דער נייער „קוילנמענטש", אַ געבוירענער אין קובאַ, פיינט געהאַט דעם קוילנשטויב און נישט געקענט פאַרטראָגן זיין שוואַרץ פּנים און די שוואַרצע הענט, און האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט אַרבעטן ביז ער וועט אויספאַרקויפן די אָנגעגרייטע קוילן. און ער האָט אַזוי געטאָן. ער האָט אויספאַרקויפט די קוילן און איידער זיין פעטער האָט באַוויזן צוריקצוקומען, האָט ער איינגעהאַנדלט אַ שיפסקאַרטע און אַוועקגעפאָרן קיין שפּאַניע.

ווען באַרטאַלאַ איז צוריקגעקומען קיין האַוואַנאַ האָט ער שוין זיין קרוב נישט געטראָפן. ער האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט די גרויסע הילצערנע טיר, און עס איז אים קלאָר געוואָרן אַלץ וואָס עס האָט זיך דאָ אין זיין אָפּוועזנהייט, אָפּגעשפּילט. דאָס בלוט האָט געזאָטן פאַר פאַרדרוס אויף זיך גופא און אויפן קרוב, וואָס האָט אים אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט. ער האָט אַ שטויס געטאָן מיטן גאַנצן כּוח די טיר און איז שיער נישט געהרגעט געוואָרן. די טיר איז גאָר בכלל נישט געווען פאַרשלאָסן. אויף דער ערד איז געלעגן דער גרויסער אייזערנער טירשליסל. נאָך איידער עמעצער האָט אים דערציילט וועגן זיין פלימעניק, האָט שוין באַרטאַלאַ פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען. די ליידיקע קראָם מיט די שוואַרצע ווענט האָבן אים פאַרדריקט ביים האַרצן.

זיינע קונים האָבן שוין געקויפט קוילן ביי אַ צווייטן קאַרבאַנעראָ,

וואָס צעפּירט די קוילן אויף אַ וואָגן מיט אַ פערד — אַ מסחר, וואָס איז באַקאַנט אין קובאַ זייט דורות.

די קונים זענען געווען ברוגז וואָס ער האָט זיי איבערגעלאָזן אויף הפקר, און ער האָט נאָך געדאַרפט זיך פאַרענטפערן און יעדן איינעם אויפקלערן דעם שאָדן, וואָס זיין קרוב האָט אים אָנגעטאָן: צוגענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט אָפּגעלייזט פאַר די קוילן, אַנטלאָפן מיט באַרטאָלאָס אָפּגעשפּאָרטער האַרעוואַניע פאַר פערצן יאָר, און אים געלאָזן מיט אַ פּוסטער קראָם.

יענעם זונטיק אין דער פרי האָט זיך דער קאַרבאַנעראָ באַוויזן אין סאַלאָר מיט אַ ווייסער הויט ווי שניי. די שכנים האָבן אים נישט דערקענט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און אַז ער האָט קיינעם נישט געזען, האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין טערעסאָס צימער. באַלד האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער פאָרהאַנג איבערן פענצטער. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן פרויען־פינגער צוגעמאַכט די צוויי האַלבע טירן און פאַררוקט דעם קייטל. אין סאַלאָר האָט געהערשט אַ זונטיקדיקע שטילקייט, קיינער האָט נישט געשטערט די רו.

צוויי שוועסטער

מאַרינאַ איז אַ מיטליעריקע פרוי מיט אַ שטאַרק געבויטער גראַציעזער פיגור. די גלאַט פאַרקאַמטע שוואַרצע האָר רינגלען אַרום איר טעמפּן פּנים ווי אין אַ ראַם און אַנטפּלעקן איר מום: זי איז אַ טויבע פון געבוירן און הערט נישט קיין שום קלאַנג. זי פאַרשטענדיקט זיך טיילווייז מיט אירע מיטמענטשן אָבסערווירנדיק די באַוועגונגען פון די ליפּן און אויסדרוק פון זייערע פּנימער. בלויז מיט טויבע קען זי זיך צונויפרעדן ווי געהעריק. זי האָט געלערנט די שפּראַך פון טויבע דורך סימנים און באַוועגונגען פון די הענט. ווען זי פאַרשטייט נישט וואָס מען וויל איר זאָגן — דערקענט מען דאָס גלייך אין אירע אויגן, איר בליק רעדט. זי רעדט אָפּגעריסענע ווערטער, און אַ מאָל נאָר אָפּגעריסענע קלאַנגען.

איר וואָקאַבולאַר איז זייער אַן אָרעמער. ווען עס פעלן איר אויס מעגלעכקייטן אַרויסצוברענגען וואָס זי וויל זאָגן, צעגיסט זיך אַן אומעט אויף איר פנים, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס שרעקן. זי ווערט נערוועז ווען עמעצער רעדט צו איר און זי כאַפּט נישט וואָס ער מיינט. עס גיבן זיך דאַן אַ צאַפּל די נערוון און צעקרימען איר פנים.

מאַרינאַ וווינט מיט איר שוועסטער העלענאַ אין שכנות פון יודלס צימער. דער שוועסטערס אונטערשטער האַלבער קערפּער איז פּאַראַליזירט. אויסערן פּאַראַליז איז זי אַ געזונטער ענערגישער מענטש. איר פנים האָט אַ קלוגן אויסדרוק, אירע שוואַרצע אויגן זעען קלאָר און שטעכן דורך אַ מענטשן מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק, און איר געהער איז שאַרף ווי ביי אַ האָז. מיט די הענט באַוועגט זי נאָרמאַל, אָבער זי איז צוגעשמידט צו איר רעדערשטול, וווּ זי זיצט ווי אַ ספינקס.

זונטיק פירט מאַרינאַ איר שוועסטער אינעם רעדערשטול צום קלויסטער „לאַ רעינאַ". דאָס איז אַ ווייטער וועג, מען דאַרף דורכפאָרן עטלעכע גאַסן, דורכשניידן דעם צענטראַלפּאַרק און דורכפאָרן די גאַנצע גאַס רעינאַ.

העלענאַ, די פּאַראַליזירטע, זיצט אין רעדערשטול און לעבן איר, אָן אַ זייט, שטייט די טויבע מאַרינאַ מיט אַ בלעכענעם קווערטל און זאַמלט נדבות. אויב עמעצער גייט פאַרביי און פאַרגעסט אַריינצוּוואַרפן, גיט די טויבע אַ קלונג מיטן קליינגעלט. זי הערט נישט דעם קלונג, אָבער די פאַרבייגייער הערן דאָס גוט.

אין קלויסטער איז וויכטיק צו קומען וואָס פריער און פאַרנעמען אַן אָרט נעענטער צו דער גרויסער אַריינגאַנג־טיר. עס איז נישטאָ קיין צו פיל פּלאַץ ביים טיר — פון ביידע זייטן זענען צעמענטענע צאַמען, און פאַרן רעדערשטול דאַרף מען אַ גרויסן פּלאַץ. די קאָנקורענץ איז גרויס — פון איין זייט שטייט דער בלינדער מיטן פידל און דאַרף פּלאַץ פאַרן סמיק, נישט צו טרעפן עמעצן אין פנים אָדער אין די אויגן; זיין פּושקע אַריינצוּוואַרפן די נדבות טראָגט ער אויפן בויך. דער בלינדער מיטן שוואַרצן הונט פאַרנעמט אויך אַ ברייטן פּלאַץ. דער הונט היט זיך מען זאָל אים נישט אָנטרעטן אויף זיינע באָרוועסע לאַפּעס.

דער מאַן מיט דער קוליע אויף איין פוס, וואָס האָט אַ מאָל געאַרבעט אין שלאַכטהויז, ווי ער האָט איבערגעלאָזן זיין פוס, שטעלט זיך ווי ער קען — זייער אָפּט אויפן טראָטואַר. זיינע שטענדיקע באַשטייערער זוכן אים שוין אָפּ.

העלענאַ, די פּאַראַליזירטע, קומט אָפּט אָן די לעצטע, ביז די שוועסטער העלפט זי זיך אויסצוקלייבן, און ביז זי אַליין, מאַרינאַ, וואָס האָט ליב זיך צו קאָמען און צו פּוצן, קלייבט זיך אויס. מאַרינאַ לייגט אַוועק אַ ברעט, אָן אויסגעאַרבעטע ווי אַ „בריק", און פירט אַריבער די שוועסטער איבער דעם הויכן צעמענטענעם שוועל פון דער גרויסער טיר. זי שטעלט אַוועק דעם רעדערשטול אויפן טראָטואַר און טראָגט אַוועק דאָס בריקל אין סאַלאָר. ווען זי האָט דאָס מאָל זיך אומגעקערט, האָט זי אַ נעם געטאָן דעם שטול און, נישט אַרומקוקנדיק זיך, אויסגעדרייט די רעדער פון שטול כדי אים אַראָפּצושטופּן פון טראָטואַר, האָט די פּאַראַליזירטע מיט איר קלאָרער ראיה דערזען פון דער ווייטן, אַז עס לויפט אָן אַן אויטאָמאָביל, און זי האָט אַ געשריי געטאָן:

— ניין!... — אָבער מאַרינאַ האָט נישט געהערט.

העלענאַ האָט פּאַר שרעק אַ קניפּ געטאָן איר שוועסטער אין ווייכן פליישׁ...

— אוי! — האָט מאַרינאַ אַ צאַפּל געטאָן, און געלאָזט דעם וועגעלע זיך אַראָפּגליטשן. אין דעם מאָמענט האָט זיך דער אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט און דער שאָפער איז אַרויסגעאַנגען און מיט כעס אַ געשריי געטאָן:

— וואָס האָסטו געטאָן? ווילסט זי דערהרגענען?!

— זי איז אַ טויבע, זי הערט נישט, — האָט אים העלענאַ מיט אַ הייזעריקער פון שרעק שטים אויפגעקלערט.

דער שאָפער האָט זיי אָנגעקוקט מיט מיטגעפיל און אַריין צוריק אין אויטאָמאָביל.

מאַרינאַ האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דער געפאַר, וואָס זי האָט גורם געווען, און געטאַפּט דעם קניפּ וואָס די שוועסטער האָט איר געגעבן ווי מיט אַ צוואַנג. אין יענעם גרויליקן מאָמענט האָבן ביידע שוועסטער

דערפילט אַ שנאה איינע צו דער צווייטער, כאָטש ביידע זענען נישט געווען שולדיק...

מאַרינאַ האָט מיט ביטערניש, שוין נישט צום ערשטן מאָל, באַשלאָסן:

— מער פיר איך זי נישט! אַלץ איינס נעמט זי צו דאָס גאַנצע געלט... זי האָט אַ באַנק־קאָנטע בלויז אויף איר נאָמען, זי מיינט אַז איך ווייס דאָס נישט. איך דאַרף זי פירן זונטיק צום קלויסטער, די נדבות גיט מען מיר, און זי נעמט זיי צו! איך דאַרף קאָכן און וואַשן, ראַמען, אויסבעטן איר בעט און זי אַוועקלייגן, איך בין איר שקלאַף! פאַר וואָס קנייפּט זי מיך נאָך? וואָס מיינט זי, אַז מיר טוט נישט וויי? זי האָט נישט קיין איינזען מיט מיר! וואָס בין איך שולדיק אַז זי איז פּאַראַליזירט און קען זיך נישט באַוועגן? אַז מאַרסעלינאַ קומט, הייסט זי מיר אוועקגיין, אים גיט זי געלט... איך האָב נישט קיין געליבטן...

העלענאַ איז געזעסן אויפן שטול און זיך אַרומגעקוקט. זי האָט געזען, אַז די שוועסטער האָט זי איבערגעלאָזן און אַוועק צוריק אין סאַלאָר. „צי דען האָט זי מיך געוואָלט דערהרגענען? ניין, איך קען דאָס נישט גלויבן! אפשר האָט זי גאַרנישט געזען דעם אויטאָמאָביל אָנקומען?...”

— אין דעם איז אַרויסגעקומען אַרמאַנדאָ דער שאָפער: — זאָרג נישט, איך וועל דיך נעמען צום קלויסטער, נאָר לאָז מיך פריער גיין רעדן מיט דיין שוועסטער.

אַרמאַנדאָ האָט אָנגעקלאַפּט אין צימערטיר, אָבער מאַרינאַ האָט נישט געהערט. האָט ער אַריינגעשטופּט די האַנט דורכן פאָרהאַנג און איר געוויזן זי זאָל עפענען די טיר. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע, און מאַרינאַ איז אַרויסגעקומען אַ פאַרוויינטע. אַרמאַנדאָ האָט זי גענומען פאַרן האַנט און געפירט צו דער שוועסטער.

מאַרינאַ האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן האַרצן און געוויזן, אַז זי איז צעשראָקן, אַז עס קלאַפּט איר אין האַרצן, אַז זי קען איצט נישט פירן איר שוועסטער. אַרמאַנדאָ האָט זיך אָנגעבאָטן אַוועקצופירן דאָס וועגעלע צום קלויסטער „לא רעינאַ”. ער האָט באַלד אויסגערעדט, אַז דאָס טוט ער ווי אַ מצווה, ער וויל נישט קיין באַצאָלט. אַזוי ווי ער האָט אָנגעהויבן שטופּן דעם רעדערשטול, איז אים מאַרינאַ נאָכגעגאַנגען. זי

האָט אים געהאָלפןביים אַריבערקריכן די גאַסן און געוויזן ווו זי פירט שטענדיק. אַז זיי זענען אָנגעקומען, האָט מאַרינאַ מיט די הענט און אָפּגעריסענע קלאַנגען געדאַנקט אַרמאַנדאָן און אים געהייסן גיין אַהיים — זי וועט שוין ברענגען די שוועסטער צוריק. זי האָט גלייך גענומען די בלעכענע קוווערטל און זיך אַוועקגעשטעלט בעטן נדבות.

✶

די האָפענונג פון די שכנים אין סאָלאַר איז געווען די לאָטעריי. דריי פאַרשיידענע לאָטעריי־שפּילן האָבן דאָ געשפּילט טעגלעך. אָפּיציעל זענען די שפּילן געווען פאַרווערט, עס האָבן אָבער געשפּילט „אויף די נומערן" די... פּאָליציי, די מלוכה־אָנגעשטעלטע נאָך מער פון אַלעמען — די אָרעמע. די לאָטעריי האָט געהערט צו פּריוואַטע מענטשן, וואָס מען האָט גערופן „באַנקירן", און די דריי שפּילן האָט מען גערופן — „טשאַראַדע", „קאַסטיאַ" און „קאַמפּאַנאַריאַ". אין דער „טשאַראַדע" האָבן די נומערן געהאַט סימבאָלן — אַ „ציג" איז 28; אַ „טויטער" איז 64; די מערסטע שפּילער האָבן געשפּילט אויף נומערן אויפן סמך פון זייערע חלומות. איינעם האָט זיך געחלומט, אַז עס יאָגט אים נאָך אַ הונט, האָט ער געשטעלט אויפן נומער וואָס איז באַצייכנט ווי דער סימבאָל פון אַ הונט. אַ צווייטן האָט זיך געחלומט דער הייליקער סאַן־לאַזאַראָ, האָט ער געשטעלט אויפן 17. אַלע האָבן געטראַכט וועגן אַ נומער וואָס זאָל טרעפן. אַלע האָבן געטראַכט וועגן זייערע חלומות. האָט מען וועגן דעם גערעדט און דיסקוטירט. די שכנים האָבן אָפט געפרעגט ביי דער טויבער שכנה אויף וועלכן נומער צו שטעלן. עס האָט פּאַסירט, אַז די טויבע האָט אַ מאָל געטראָפן, איז זי געוואָרן אַ באַגלייבטע פּאַרויסזאָגערין. יודל האָט מקנא געווען די מענטשן וואָס האָבן געוווּנען. ער האָט זעלטן געהאַט 5 סענט אויף צו שפּילן. אין געדאַנק האָט ער אָבער געטראַכט, אַז אַ ייִד דאַרף שטעלן אויף ח"י — 18, אויף טוב — 17, אָבער אויף אַ „ציג", אַ „טויטן", אַ „הונט" — דאָס איז נישט פאַר קיין ייִדן! יודל, דער נויטבאַדערפטיקסטער, דער אָרעמסטער, האָט קיין מאָל נישט געוווּנען אַ

גראשן אין די שפילערייען. איין מאל האט אים די טויבע שכנה געהייסן שפילן אויף 13, האט יודל א מאך געטאן מיט דער האנט — „ריכטיק. דרייצן וועט ארויסגיין! נאר איך שפיל אויף ח״י!״. ער האט איינגעשטעלט זיינע צען סענט אויף ח״י, און עס איז ארויס דער דרייצן.

דער גאנצער סאלאר האט געווונען — ווער 5 דאלער, ווער 3 דאלער, און ווער א דאלער. פאר צוויי סענט איינגעשטעלטע. ארמאנדא, דער שאפער, האט געוווּנען 70 דאלער פארן איינעם דאלער וואס ר׳האט איינגעשטעלט. אין סאלאר איז יענעם טאג געווען יום־טוב, אלע פנימער האבן געשיינט פאר פרייד.

האבן אלע שכנים געהאט רחמנות אויף יודלען: „ער איז אן עקשן, שטענדיק מיט זיין 18!...

די שכנים האבן זיך צונויפגעלייגט, יעדערער האט געגעבן לויט זיין געווינס, און צוגעטראגן יודלען א מתנה, וואס ר׳האט אין זיין גרויסער נויט אנגענומען מיט דאנק און מיט א טרער אין האלדז.

אויף מארגן, שבת, אפשר ווייל עס איז געווען שבת, און אפשר ווייל ער האט נישט געהאט קיין 5 אדער 10 סענט, האט ער נישט געשטעלט אויף זיין 18, איז גראד אין דעם טאג האט דער נומער אכצן יא געווונען. די שכנים זענען געווען זיכער, אז יודל האט געווונען און זיי זענען אים געקומען באגריסן.

— ניין! — האט זיי יודל אויפגעקלערט, — דער נומער איז נישט וויכטיק, דער מזל איז וויכטיק. און איך האב נישט קיין מזל...

א גאנצע וואך האט מען געשפילט אויף דער „טשאראדע״, אויף „קאסטיא״ און אויף „קאמפאנאריא״ און שבת האט מען געשפילט אויף די „טערמינאלעס״: די לעצטע נומערן פון דער מלוכה־לאטעריי. דער ערשטער האלבער טאג שבת איז געווען אן אומעטיקער. מענטשן האבן געטראכט אויף וועלכן נומער צו שטעלן און וואס צו פארזעצן, כדי צו שפילן אויף א נומער וואס האט זיך זיי געחלומט.

פאר נאכט, ווען אין די צייטונגען זענען געווען געדרוקט די נומערן, וואס האבן געווונען, זענען די באגליקטע שוין געשטאנען אין די שענקען,

געטרונקען און איינגעלאַדן זייערע פריינד צו טרינקען מיט זיי. אַזוי האָט געלעבט די שטאָט, אַזוי האָבן געלעבט די מענטשן פון סאָלאַר.

*

יודל איז אַריינגעקומען אין הויף און דערזען איזאַבעלאַן אָנגעטאָן אין שוואַרצן.

— קע פּאַסאָ (וואָס איז געשען?) — האָט ער אַן איבעררעשטער, מיט אַ טרויעריקער שטים פאַרווּנדערט געפרעגט.

— איך האָב אייך נישט געוואָלט מצער זיין. ריקאַרדאָ איז אַראָפּ־געפאַלן פון דער רושטאַוואַניע, ווו ער האָט געאַרבעט, און איז געשטאָרבן. היינט פאַר טאָג האָט מען מיין מאַן באַערדיקט. איך האָב אים אַרויסבאַגלייט אויף אייביק. פערצן יאָר זענען מיר געווען צוזאַמען. איצט בין איך געבליבן אַליין. איך האָב נישט קיינעם. מיין מאַמע לעבט אין אַ דאָרף אין אַריענטע. איך וועל איר גאָרנישט שרייבן. צו וואָס? אַ מענטש קאָן גאָרנישט טאָן קעגן זיין גורל. אפשר איז דאָס געווען באַשערט?...

דער מאַן וואָס האָט געאַרבעט אויף דער פּאָסט האָט געוווינט אין סאָלאַר זינט אַ סך יאָרן. ער האָט זיך געהאַלטן און אויפגעפירט ווי אַן אַריסטאָקראַט. מען האָט אים זעלטן געזען אויפן הויף. ער פלעגט דורכגיין דעם הויף צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט אַן אומבאַמערקטער. פון צייט צו צייט האָט מען נאָר געהערט די שטילע מאַנאָטאָנע קלאַפּעריי אויף דער שרייב־מאַשינקע. ער איז געווען אַ רעטעניש פאַר די שכנים.

איין מאָל, אין מיטן דער נאַכט, האָט אַן אַמבולאַנס אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, און אויף מאָרגן האָט מען אָנגעזאָגט אין סאָלאַר, אַז ער איז געשטאָרבן. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַ מיטל־יעריקע פרוי, זיין שוועסטער, זייער רייך געקליידט, מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען, געקומען אַרויס־נעמען די זאַכן וואָס זענען פאַרבליבן, די ירושה.

אויפן וואַנט, אַנטקעגן טיר איז געהאַנגען אַן איינגעראַמט בילד פון צוויי יונגע מענטשן, אַ מאַן און אַ פרוי. טערעסאַ, וואָס איז צוגעקומען אַריינקוקן אין צימער פון איר געוועזענעם שכן, האָט אויסגערופן:

— דאָס איז דאָך דער מאַן וואָס האָט דאָ געוווינט!

— יע, דאָס איז דער מאַן — מאַנועל ראַמאָס, — דאָס בילד איז שוין אַלט אַ סך יאָרן, און די פרוי איז זיין געװעזענע װייב. דו װייסט װער די ראַמאָסעס זענען? — שטילערהייט האָט זי גערעדט צו זיך: — זי האָט צעשטערט זיין לעבן, זי איז אַװעק מיט זיינעם אַ פריינד... האָט ער מקריב געװען זיין גאַנץ לעבן און נישט געװאָלט מער װיסן פון קיין פרוי...

די שװעסטער, װאָס איז געקומען אָפּנעמען די זאַכן װאָס זענען פאַרבליבן, האָט זיך אַרומגעקוקט, און זעענדיק װאָס עס האָט זיך געפונען אין צימער, האָט זי געזאָגט צו טערעסאַן:

— איך װיל דאָס צעטיילן צװישן די שכנים. איך דאַרף דאָס נישט האָבן און איך האָב נישט קיין פּלאַץ פאַר דעם. ביי אונדז אין הויז װעט זיך דאָס נישט פּאַסן.

די לעצטע װערטער האָט די פרוי אַרויסגערעדט מיט אַ שמייכעלע אויף איר פּנים.

— װוּ װוינט איר? — האָט טערעסאַ געפרעגט.

— אין װעדאַדאָ. מיר האָבן גוטע מעבל. מיר דאַרפן דאָס נישט. דאָס איינציקע װאָס איך װעל נעמען זענען די ביכער. מיר האָבן אַ גרויסע ביבליאָטעק, — און צוגעגעבן פאַרבייגייענדיק: — מיין ברודער איז אַ דאָקטאָר מעדיצין.

— אויב דו װעסט צעטיילן די זאַכן, װיל איך דיך בעטן דו זאָלסט מיר געבן די נאַכטשאַפּקע. מיר האָבן נישט קיין שאַפּקע, — האָט טערעסאַ זי פריינדלעך געבעטן.

— גוט, נעם דאָס. איך װעל דיר איבערלאָזן דעם שליסל און דו װעסט דאָס איבעריקע צעטיילן צװישן די שכנים.

טערעסאַ איז נישט געװען זיכער אין דער שװעסטערס רייד. זי האָט נישט געגלויבט אַז מען װעט די אַלע זאַכן צעטיילן, עס האָט איר אויסגעקוקט װי אַן איבערגעטריבענע זאַך.

— און די שרייב־מאַשינקע? — האָט טערעסאַ אָנגעװיזן מיטן האַנט אויף דער שרייב־מאַשינקע, װאָס איז געשטאַנען אויף אַן אייזערנעם טישל.

די פרוי האָט זיך דערנענטערט צום טישל און באַטראַכט די שרייב־

מאַשינקע. אויפן טישל איז געלעגן אַ פעקל מיט פאַרשריבענע זייטעלעך פּאַפּיר, צוגעטשעפּעטע מיט קנאָפּקעס. דאָס פּעקל איז גצווען אַרומגענומען מיט אַ גומקע.

— די שרייב־מאַשינקע (אַן „אונדערוווד״) וועל איך מיטנעמען, איך האָב דאָ מיין אויטאָ.

די פרוי האָט גענומען דעם מאַנוסקריפּט אין האַנט און געלייענט די אויפשריפט אויף דעם ערשטן זייטל: „דאָס לעבן פון אַן איינזאַמען״. זי האָט אָנגעהויבן לייענען און איר פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַן אומעט.

— מיין ברודערס לעבן, נישט פאַרענדיקט, איבערגעריסן געוואָרן... דאָס וועל איך מיטנעמען.

די פרוי האָט געקוקט אויפן בילד וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט און גערעדט צו זיך:

— איך וועל נעמען מיין ברודער אַהיים. ער האָט נישט געוואָלט וווינען מיט אונדז, איצט וועט ער זיין מיט אונדז... און זי איז געווען זיין ווייב, און ער האָט זי ליב געהאַט זיין גאַנץ לעבן.

— סעניאָראַ, אייער ברודער איז געווען אַן אַריסטאָקראַט.

— מיין ברודער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, נאָר ער האָט נישט פּראַקטיצירט זיין פּראָפעסיע, ער האָט עס פיינט געהאַט. ער איז געווען אַ הויכער אָנגעשטעלטער אויף דער פּאָסט. אַ מאָדנער איז געווען מיין ברודער...

האָט אַ ווײַלע געשוויגן, און פאַרענדיקט: — מיר זענען אַלע מאָדנע מענטשן...

מאַרגאַריטאַ, וואָס האָט געוווינט אין צימער זיבן, איז פאַרבייגעגאַנגען דעם הויף צו דער דרויסנדיקער טיר.

— מאַרגאַריטאַ! — האָט זי טערעסאַ גערופן, — די פרוי איז אונדזער געוועזענעם שכנס שוועסטער. די זאַכן וואָס זענען דאָ געבליבן וויל זי צעטיילן צווישן די שכנים. וואָס ווילסטו נעמען?

די פרוי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צו מאַרגאַריטאַן און זיך פאַרגעשטעלט:

— קאַרמען ראַמאָס, דאָקטאָר אין פעדאַגאָגיק.

— מיין נאָמען איז מאַרגאַריטאַ ידאַל, איך בין... איך בין...

קאַרמען ראַמאָס האָט זי אָנגעקוקט.

— וואָס וועסטו נעמען? — האָט זי טערעסאַ נאָך אַ מאָל געפרעגט.

— גאָרנישט, איך דאַרף נישט, איך האָב גענוג. איינעם אַ טאָג וועט מען מיינע זאַכן אויך צעטיילן...

— דערלויב מיר נעמען דיין טייל, — האָט זי טערעסאַ געבעטן.

— דאָס זענען נישט מיינע זאַכן, דאַרפסט בעטן ביי דער דאָקטאָראַ ראַמאָס.

די דאָקטאָראַ ראַמאָס האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון מאַרגאַריטאַן.

— איך וועל דיר געבן מיין אַדרעס און מיין טעלעפאָן, וועסטו מיך אָנרופן. האָסט נישט געקענט מיין ברודער? אַן אינטערעסאַנטער מענטש געווען, אַן איינזאַמער. אַ שאָד וואָס דו האָסט זיך מיט אים נישט באַקאַנט. שוין פאַרפאַלן...

— יעדער איינער פון אונדז טראָגט זיין לעבן אין זיך. מיר האָלטן זיך אָפּגעזונדערט. זייער אָנגענעם אייך צו קענען, דאָקטאָראַ.

— זייער אָנגענעם, מאַרגאַריטאַ. רוף מיך אין טעלעפאָן, איך וויל מיט דיר שמועסן.

— אפשר?

ווען מאַרגאַריטאַ איז אַרויס פון סאַלאָר, האָט טערעסאַ דערציילט דער דאָקטאָראַ אַז מאַרגאַריטאַ האָט דאָ געוווינט מיט איר מאַמען, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן. איצט וווינט זי אַליין, און גאָר שטיל האָט זי צוגעגעבן:

— זי איז אַ פּראָסטיטוטקע.

קאַרמען ראַמאָס האָט אויסגעהערט אַ שווייגנדיקע.

— העלפט מיר אַראָפּנעמען דאָס בילד און אַרויסנעמען די שרייב־מאַשינקע מיטן טישל צו מיין אויטאָ. מאָרגן פאַר נאַכט וועל איך קומען נאָך די ביכער. די איבעריקע זאַכן וועט איר פאַרטיילן צווישן די שכנים.

טערעסאַ האָט די ערשטע זאַך אַרויסגענומען די שאַפּקע און אַריבער־

געטראָגן צו זיך אין צימער. זי האָט געהאָלפן דער דאָקטאָרא אַראָפּנעמען דאָס בילד פון וואַנט און אַרויסטראָגן די שרייב־מאַשינקע צום אויטאָ. דעם מאַנוסקריפּט האָט קאַרמען געטראָגן אין אירע הענט.

אויפן שטיינערנעם טרעפּל ביים אַרויסגאַנג איז געשטאַנען מאַרגאַריטאַ. ווען טערעסאַ איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין הויף האָט זי זיך געווענדעט צו דער דאָקטאָרא: — צו וואָס האָסטו מיר געגעבן דיין טעלעפאָן? פאַר וואָס ווילסטו איך זאָל דיך רופן?

— ווייל מיין ברודער האָט מיט מיר גערעדט וועגן דיר. ער האָט זיך געוואונדערט, פאַר וואָס דו האָסט אויסגעקליבן די פּראָפעסיע.

— יע! אייער ברודער האָט איין מאָל מיט מיר גערעדט. ער האָט געוואָרט אויף מיר ביי נאַכט און מיך איינגעלאַדן צו אים אין צימער.

מאַרגאַריטאַ איז געוואָרן נערוועז. עס איז געווען קענטיק אויף איר פּנים, אַז זי לעבט איבער שווערע מאָמענטן.

— איך האָב אים געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין מאָטיוו מיך צו באַליידיקן, אַז איך רעספּעקטיר מיינע שכנים, און דערוואָרט אַז מיינע שכנים זאָלן רעספּעקטירן מיין היים. „דאָס איז דאָך דיין פּראָפעסיע" — האָט ער מיר געענטפערט.

— יענע נאַכט האָט ער אַ פּאָר מאָל געקלאַפּט אין מיין טיר. איך האָב אים נישט געענטפערט.

— ער האָט זיך געוויס געוואָלט פאַר דיר אַנטשולדיקן. גיב מיר צו פאַרשטיין דיין האַנדלונג...

— איך וויל נישט מען זאָל מיך דערנידעריקן נאָך מער ווי איך בין. מיין טאַטע איז געשטאָרבן ווען איך האָב פאַרענדיקט די מיטלשול. מיר זענען פאַרבליבן אָן מיטלען צו לעבן. מיין מאַמע איז געווען פּאַראַליזירט, און מיין חתן האָט מיך אַריינגעפירט אין דער פּראָסטיטוציע.

— ווו איז דיין חתן?

— זיינער אַ פריינד האָט אים דערשאָסן ווען זיי האָבן ביידע געשיכורט. יענער קומט אָפּ אַ שטראָף אין טורמע.

— פאַר וואָס גייסטו נישט אַוועק פון דער פּראָפעסיע?

— מען קען נישט גיין צוריק. איך פיל זיך ווי אַן אויסגעשפּיגענע... וווהין זאָל איך גיין?

— רוף מיך, קום צו מיר, איך וועל דיר העלפן.

— איך האָב נישט קיין טעלעפאָן פון וואַנען צו רופן. איך וויל נישט מען זאָל מיך הערן רעדן. מענטשן קוקן אויף מיר מיט עקל, און אַנדערע זוכן אַ חלק...

מאַרגאַריטאַ איז אַריין צוריק אין איר צימער און שוין מער נישט אַרויסגעגאַנגען.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך אין „אַריסטאָקראַטס" צימער אַריינגעקליבן אַ יונג פּאָרפאָלק. די שכנים האָבן זיי באַטיטלט מיטן נאָמען „די פאַרליבטע". זיי פלעגן אַריינקומען אין הויף אַרומגענומען און אַוועקגיין אַרומגענומענע.

איין טאָג האָט מען דערהערט געשרייען און אַ יאָמערלעך געוויין פון אַ פרוי. די שכנים זענען געלאָפן צום צימער און זיך דערוווּסט, אַז ראָמאַן איז אַוועק זיך באָדן און איז דערטרונקען געוואָרן.

אַלע שכנים פון סאָלאַר זענען ביי נאַכט געקומען אויסדריקן אסתרן זייער מיטגעפיל, און צווישן זיך געמורמלט: „אַ פאַרשאָלטענער צימער — דער נומער זעקס".

די שכנים האָבן געוואָרפן צעשראָקענע בליקן איבערן צימער — „דער אַריסטאָקראַט איז געשטאָרבן, ראָמאַן וואָס האָט זיך ערשט אַריינגעצויגן — האָט זיך דערטרונקען". זיין ווייב האָט אָנגעהויבן זוכן וווהין זיך אַריבערצוציען.

✶

יודל האָט זיך איינגעקאָרטשעט, עס האָט אים דורכגענומען אַ ווייטיק, זיין פּנים האָט זיך איינגעשרומפּן ווי אַ שוואָם. דורכגענומען פון זיין אייגענעם צער, וואָס מען האָט חנהן אַריינגעגעבן אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע, אפשר אויף שטענדיק, האָט ער געוואָלט אויסדריקן זיין מיטגעפיל דער שכנה און נישט געהאַט קיין פּאַסיקע ווערטער אין זיין אָרעמען שפּאַנישן ווערטער־פאַרמעג.

— פענאַ, פענאַ (צער, צער) — האָט ער געמורמלט. דער טויט באַגלייט שטענדיק דעם מענטשן. פאַר וואָס קומט נישט דער טויט ווען דער מענטש קוקט אים אויס, ווען דאָס לעבן איז שווערער ווי דער טויט? פאַר וואָס קומט ער, ווען דעם מענטשן איז אַ שאַד איבערצולאָזן דאָס לעבן און אַוועקגיין אין דער אייביקער נאַכט?...

יודל איז בטבע אַ שעמעוודיקער, אַ שווייגער. ער רעדט נישט, נאָר טראַכט זיך אַריין טיפער, ווי זיין איינגעשרומפּענער גוף זעט אויס מסוגל צו זיין.

נאָך ריקאַרדאָס טויט איז איזאַבעלאַ געוואָרן צוגעלאָזענער צו יודלס קינד. זי האָט אים דערנענטערט, אים צייטנווייז געקושט מיט מוטערלעכער ליבשאַפט, מיט פּרוּיען־בענקשאַפט נאָך אַ קינד, און פון וועגן איר אייגענער איינזאַמקייט. זי האָט אָבער אויך דערפילט אַ נאָענטקייט צו יודלען, צו זיין אָרעמקייט, צו זיין איינזאַמקייט.

איזאַבעלאַ האָט זיך אַלץ מער אָפּגעגעבן מיטן קינד, אַכטונג געגעבן עס זאָל האָבן וואָס צו עסן. קומענדיק פון דער אַרבעט אַ מידע, פלעגט זי צו ערשט זיך אַריינכאַפּן צו יודלען אין צימער און צוגרייטן עסן פאַר שמערעלען. זי האָט געפילט אַ מוטערלעכע אַחריות פאַרן קינד.

אין איינעם אַ טאָג האָט איר יודל געזאָגט, אַז ער קלייבט זיך פאָרן אין משוגעים־שפּיטאָל צו באַזוכן חנהן. און ווייל ס'איז אים שווער געווען זיך צו פאַרשטענדיקן מיט איר אין שפּאַניש, האָט ער צוגעוואָרפן יידישע ווערטער אויף אַרויסברענגען זיין געדאַנק. איזאַבעלאַ האָט, ווייזט אויס, זיך משער געווען וואָס ער וויל איר זאָגן.

שמערעלע איז שוין אַ יינגל אין צענטן יאָר. — אַן איינגעדאַרטער, אַן איינגעשרומפּענער, ער קוקט אויס ווי אַ זעקס־יאָריק קינד. ער באַמערקט אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום אים. ער פאַרשטייט אַז איזאַבעלאַ פאַרנעמט איצט זיין מאַמעס אָרט. ער וויל פרעגן אויף זיין מאַמען, אָבער באַגרייפט, אַז ער דאַרף דאָס נישט טאָן.

איזאַבעלאַ היט אים אָפּ. ווען זי גייט אַוועק צו דער אַרבעט, גרייט זי צו עסן פאַר אים אויפן גאַנצן טאָג. און דאָס יינגל עסט מיט אַפּעטיט. מען זעט אַז ער ווערט שטאַרקער און אַנטוויקלט זיך גיך. ער באַנעמט

אַלץ וואָס עס קומט פאַר אַרום אים און מיידט אויס צו דערמאָנען דער מאַמעס נאָמען, כאָטש ער טראַכט וועגן איר. ער מיידט אויס צו פרעגן אויף דער מאַמען, ווייל ער וויל נישט אָנרירן די נייע מאַמע, וואָס באַהאַנדלט אים אַזוי גוט.

אין צווישן האָט יודל געקראָגן אַרבעט אין אַ פאַבריק פון אַרבעט־קליידער. ער קוקט איבער די אָפּגעלייגטע באַשטעלונגען און פּאַקט זיי אין קאַרטאָנען. יודל ווערט מער אויפגעלייגט. ער דערפילט זיך זיכערער און עס פאַרשווינדט ביסלעכווייז דער שטענדיקער טרויער פון זיין פּנים.

— איך קלייב זיך דעם זונטיק באַזוכן חנהן, — דערציילט ער איזאַבעלאַן. — איך וועל מיטנעמען שמערעלען.

— ניין, יודל! דאַרפסט נישט מיטנעמען שמערעלען. ער וועט ליידן צו זען זיין מאַמען אין אַזאַ צושטאַנד...

יודל פאַרטראַכט זיך און באַנעמט אַז זי איז גערעכט.

— אפשר וואָלסט דו געפאָרן מיט מיר?

— יאָ, איך וואָלט געוואָלט זען חנהן, אפשר וועט זי מיך דערקענען?...

זונטיק איז דער איינציקער טאָג ווען משפחה און פריינד קאָנען קומען באַזוכן די קראַנקע. זענען יודל מיט איזאַבעלאַן זונטיק געפאָרן באַזוכן חנהן. זיי זענען אַריין אין פרויען־פּאַוויליאָן פאַר אַגרעסיווע קראַנקע. יודל איז געשטאַנען אַנטקעגן דער צאַם און אָנגעקוקט די קראַנקע פרויען הינטער די קראַטעס. איינע האָט אַרויסגעריסן די קנעפּלעך פון איר קליידל און געבליבן שטיין אַ צעשפּילעטע. אַ צווייטע האָט געקוויטשעט און ווילד געטאַנצט. איינע איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט און געדאַוונט. חנה האָט געגעסן דעם סאַנדוויטש וואָס יודל האָט איר געבראַכט — מיטן פּאַפּיר אין וועלכן ער איז געווען איינגעוויקלט. יודל האָט זי אַ רוף געטאָן ביים נאָמען. זי האָט דערהערט און איז צוגעקומען צו די קראַטעס. עס האָט אויסגעקוקט אַז זי דערקענט אים. זי האָט עפּעס געמורמלט.

יודל האָט איר אָנגעוויזן אויף איזאַבעלאַן: „זי איז דיך געקומען זען".

חנה האָט זיך ווילד פונאַנדערגעלאַכט:

— דיין נייע ווייב!... און אַרויסגעשטעקט די צונג.

„ווען מען וואָלט געקאָנט אַלע מענטשן פאַרבייפירן פאַרביי די קראַטעס און זיי ווייזן ווי די קראַנק־געוואָרענע זעען אויס...״ — האָט יודל געטראַכט. עס האָט אים איצט פאַרדראָסן אויף זיך אַליין הלמאי ער האָט מיטגעבראַכט איזאַבעלאַן. ווייזט דאָך אויס אַז די קראַנקע האָבן מאָמענטן ווען זיי באַגרייפן... ניין — אַ צווייט מאָל וועט ער קומען אַליין.

יודל איז געקומען אַהיים אין אַ געדריקטער שטימונג. אַ טרויער האָט זיך פאַרצויגן איבער אַלץ וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. שמערעלע איז געזעסן אויפן פרוכטקעסטל פאַרן טיר און עס האָט יודלען אויסגעזען, אַז ער ווייסט ווהין זיין טאַטע מיט איזאַבעלאַן זענען געגאַנגען. ער האָט מיט ליבשאַפט און מיטלייד אַרומגענומען שמערעלען און אים געדריקט צום האַרצן.

דאָס יינגל האָט דערפילט אַז עפּעס באַאומרויִקט און טוט ווי זיין טאַטן. האָט ער אים מיט אַ בעטנדיקן קול אַ פרעג געטאָן:

— און די מאַמע? וואָס איז מיט מיין מאַמען?

יודלען האָט פאַרדריקט דאָס האַרץ, טרערן האָבן אַ שלאָג געטאָן פון זיינע אויגן. —

— די מאַמע איז קראַנק, זייער קראַנק.

— קאָן איך אפשר אַ מאָל זען מיין מאַמען? איך וויל זי דאָך אַזוי זען!

— בעסער נישט, שמערעלע, — און האָט נאָך שטאַרקער אים אַרומגענומען און הייס געקושט.

יודל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג בעט און זיך פאַרטראַכט אויף די פאַרגאַנגענע יאָרן. ער האָט דערזען זיין פעטער דעם רימער און זיך דערמאָנט ווי ער האָט זיך געלערנט ביי אים דאָס פאַך. ווען ער וואָלט געלערנט שניידעריי, צי שטעפעריי, וואָלטן זיי נישט געליטן אַזוי פיל. חנה האָט צו טייער באַצאָלט. זי האָט זיך גענומען צום האַרצן פאַר זיך, פאַרן קינד. ער האָט דערפילט אַ בענקשאַפט נאָך חנהן. עס איז אים געוואָרן ענג און ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט אויפן הויף.

די הימלען זענען געווען פאַרצויגן מיט שוואַרץ־גראָע וואָלקנס און געוואָרפן אַן אומעט אויפן הויף. אַ פינצטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און

אַריינגעדרונגען אין די שטומע צימערן, װוּ דער ביטערער גורל פון די איינוואוינער שמידט זיך אויס.

✶

אין דעם אויטאָמאָביל, אַן אַלטער פאָרד, װוּ די קאָמיסיע פאַר שפּיטאָל־הילף האָט געפירט פּעקלעך עסן פאַר עטלעכע יידישע קראַנקע, וואָס די מערסטע פון זיי האָבן נישט געהאַט קיין משפּחה אין קובאַ, איז יודל געזעסן אַ שווייגנדיקער, ווי זיין טבע איז געווען, און אַ שווייגנדיקער געטראַכט ווי ביטער דער גורל האָט אים באַשטראָפט...

ביים אָנקומען אין שפּיטאָל איז יודל אַראָפּגעגאַנגען און אַוועק צום פּרויען־פּאַוויליאָן, בעת דער אויטאָמאָביל איז געפאָרן צום מענער־פּאַוויליאָן, װוּ עס האָבן זיך געפונען מערער יידישע קראַנקע. יודל האָט זיך געשטעלט נאָענט צו די קראַטעס און געוואַרט. די קראַנקע לאָזט מען דאָרט אַרויס ביסלעכוויז. מען באָדט זיי פריער אָפּ, מען פאַרקאַמט זיי. די וואָס לאָזן זיך, טוט מען אָן ריינע קליידלעך.

יודל איז געוואָרן אומגעדולדיק. דאָס פאַריקע מאָל האָט ער חנהן באַלד דערזען, און דאָס מאָל זעט מען זי נאָך אַלץ נישט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער באַדינערין פון דער אָפּטיילונג, וואָס איז געשטאַנען אויסער די קראַטעס פון די אַגרעסיווע קראַנקע פרויען, און האָט זי געפרעגט אויף זיין פרוי, אָנגעבנדיק אַלע סימנים. די באַדינערין האָט זיך אָפּגעדרייט און נישט געענטפערט. יודל האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און זי נאָך אַ מאָל געפרעגט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און מיט אַ קאַלטן בליק געענטפערט: „געשטאָרבן!“.

— געשטאָרבן?! — האָט זיך מיט אַ ווייטיק אַרויסגעריסן אַ ווילדער געשריי פון יודלס מויל. — פאַר וואָס האָט מען מיר נישט אָנגעזאָגט?

זיינע פאַרגלעזערטע אויגן האָבן זיך באַגאָסן מיט טרערן, — פאַר וואָס?!

די פרוי האָט מיט אַ געענדערטן פריינדלעכן בליק אים געענטפערט:

— געוויס נישט געהאַט דיין אַדרעס — און שטיל צוגעגעבן: די טויטע נעמט מען גלייך צו אין אוניווערסיטעט פאַר די סטודענטן. גיי אין אָפיס, פרעג זיי.

אַ טרויער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף יודלס דאַר פּנים. די אויגן זענען אים אַרויסגעקראָכן פון די לעכער, ער האָט געבראָכן די פינגער פון די הענט און איז אַרויסגעלאָפן פון פּאַוויליאָן.

— פאַר וואָס האָט דאָס דיר געקומט, חנה? וואָס וועט זיין מיט שמערעלען? וואָס וועט זיין מיט מיר?

אַ פּאַרטראָגענער איז ער אַריינגעגאַנגען אין אָפיס. ער האָט זיך באַכגעפרעגט, נאָר די מענטשן האָבן אים נישט פאַרשטאַנען, נישט זיין שפּראַך און נישט די סימנים וואָס ער האָט אָנגעוויזן. די איבערראַשונג, די נערוועזשקייט האָבן צעשטערט זיינע רייד, זיין געדאַנק.

זעענדיק אַז מען פאַרשטייט אים נישט, איז ער געוואָרן ווילד און אָנגעהויבן שרייען: — חנה, חנה, מי סעניאָראַ! (מיין ווייב).

אַ פרוי וואָס האָט געאַרבעט אין פרויען־פּאַוויליאָן און אַליין אויסגעזען ווי אַ קראַנקע, איז צוגעקומען צו אים און מיט וואַרעמע רייד געזאָגט:

— האַנאַ, דיין פרוי, אַ נידעריקע, יאָ, איך ווייס. געשטאָרבן, נישטאָ...

— פאַר וואָס האָט מען מיר נישט אָנגעזאָגט?! — האָט יודל געמישט יידיש מיט שפּאַניש מיט פויליש.

די פרוי האָט אים באַרויקט: — נישט געוווּסט דיין אַדרעס.

— ווו ליגט זי? איך וויל זי נעמען אויף אונדזער „צעמענטעריאָ" (בית־עולם).

— אין אוניווערסיטעט, צו לערנען די סטודענטן, זיי ווייסן...

— נישטאָ, נישטאָ!... קיין זכר פון שמערעלעס מאַמע, מיין ווייב, חיה איטקעס טאָכטער, חנה! חנה!... ער איז אַנידערגעפאַלן און שווער און ביטער זיך צעיאָמערט.

דער צער איבער חנהס טרויעריקן סוף, די באַדינגונגען אין וועלכע זי איז אַוועק פון דער וועלט, האָבן נאָך מער אויפגעוועקט אין יודלען אַ טיפע בענקשאַפט נאָך איר און נאָך די ערשטע יאָרן פון זייער צוזאַמענלעבן. דאָס זענען נישט געווען קיין רייכע יאָרן, קיין לוקסוסיאָרן אויף פוילישער ערד, אָבער שטילע יאָרן, אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט פון נאָענטע, פון אייגענע. אין פריידן ווי אין ליידן.

יודל האָט זיך אין גאַנצן געביטן. ער האָט אָנגעהויבן זוכן אין געדאַנק

אַן ענטפער אויף זיין ביטערן מזל. ער האָט נישט געוווּסט ביז ער האָט אויסגעפונען ווו מען האָט חנהן באַערדיקט, און ער האָט אַריבערגעפירט איר געפּאַלמעסטן גוף אויפן יידישן בית־הקברות. דאָס איז אים אָנגעקומען זייער שווער. נאָר דאָס איז געוואָרן פאַר אים אַ הייליקער ציל, און ער האָט דערפילט אַ רויִקייט נאָכן באַערדיקן חנהן אויפן יידישן בית־עולם, ווי ער וואָלט זי צוריקגעבראַכט צו איר שטאַם, ווי ער וואָלט זי דערנענטערט צו זיך.

פאַר יודלען איז אויפגעשוווּמען אַ שווער פּראָבלעם: — זאָל ער זאָגן דעם זון אַז די מאַמע איז געשטאָרבן? דאָס יינגל האָט זיך פאַר דער צייט אָפּגעוואוינט פון דער מאַמען און זיך צוגעוואוינט צו איזאַבעלאַן, וואָס פירט זיך מיט אים ווי אַ מאַמע. ער איז געגאַנגען אין שול אַריין אָנגעטאָן, תמיד אַ זאַטער און אַ צופרידענער.

יודל האָט זיך אויסגעהיט ביים אַריבערפירן חנהסביינער אויפן יידישן בית־עולם, אַז שמערעלע זאָל זיך וועגן דעם נישט דערוויסן.

אין איינער אַ נאַכט האָט זיך דאָס יינגל אויפגעכאַפּט מיט אַ ביטער געשריי:

— טאַטע! טאַטע! די מאַמע...

— וואָס איז, שמערעלע? — יודל איז צוגעלאָפן צום טאַפּטשאַן אויף וועלכן שמערעלע איז געשלאָפן.

— טאַטע, וואָס איז אַ חלום?

— יאָ, שמערעלע, אַוודאי ווייס איך וואָס איז אַ חלום.

— טאַטע, פון וואַנען קומען די חלומות? טאַטע, ווו איז די מאַמע, זאָג מיר.

יודל האָט געשוויגן.

— טאַטע, עס האָט זיך מיר געחלומט אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, אַזוי ווי ריקאַרדאָ, איזאַבעלאַס מאַן. זי האָט מיר דערציילט אַז ריקאַרדאָ וועט שוין מער קיין מאָל נישט קומען. מיין מאַמע וועט שוין אויך מער קיין מאָל נישט קומען?

יודלען האָט פאַרדריקט דאָס האַרץ, טרערן האָבן באַנעצט זיין פאַרצערט פּנים.

— טאַטע! מיין מאַמע איז געשטאָרבן. איך האָב נישט מער קיין מאַמען!

יודל האָט געדריקט דאָס ייִנגל צום האַרצן און כליפּענדיק געשעפּטשעט: יאָ, שמערעלע, דיין מאַמע איז געשטאָרבן, מיר האָבן נישט מער קיין מאַמען!

✶

אין איינעם אַ טאָג איז אַראָפּגעקומען פון קאַליפאָרניע יודלס ברודער, אַן אויסגעפּוצטער אין עסיק און אין האָניק. ער האָט געטראָגן בלויע הויזן מיט אַן אויסגעפּרעסטן קנייטש, אַ געשטרייפט העמד מיט פאַרשפּיצטע ברעגן אויפן קראַגן. צוליב דער היץ האָט ער דאָס אויסגעפּרעסטע רעקל געטראָגן אויף דער האַנט.

בערל איז אַן אַנדער מין מענטש, אַנדערש פון זיין ברודער, סיי אויסערלעך, סיי אינעווייניק. דער ברודער יודלס איז דיקער, העכער, מיט אַ קלוג פּנים און דורכדרינגלעכע אויגן. מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטאַרקן מענטש. אָ, יאָ, מען דערקענט לויט די שטריכן פון זיין פּנים און לויט זיין גאַנצער האַלטונג, אַז ער איז אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן, צוויי ברידער — און אַזוי פאַרשידן איינער פונעם צווייטן. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? דער ענטפער איז זייער אַ פּשוטער: יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך. איז יודל אַ וועלט פאַר זיך און בערל אַ וועלט פאַר זיך...

בערל איז געקומען קיין האַוואַנאַ אַ סך פריִער ווי זיין ברודער יודל. דעמלט האָט מען נאָך איין יאָר אָפּזיין אויפן אינדזל קובאַ, געקראָגן אַ וויזע אַריינצופאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איז בערל טאַקע אָפּגעווען איין יאָר אין קובאַ, און אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. בערלען האָט אין האַוואַנאַ אָפּגעגליקט מער ווי זיין ברודער. ער האָט אין האַוואַנאַ געאַרבעט אין אַ וואַרשטאַט ווו מען פאַבריצירט טיילן פון מאַשינען פאַר דער שוסטער־און שוועבעלעך־אינדוסטריעס. דאָס זענען געווען די יאָרן ווען האַוואַנאַ האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אינדוסטריעל. בערל האָט זיך אין דער היים געלערנט זיין אַ שמיד. ער האָט געהאַט גאָלדענע הענט

און אַ שאַרפן מוח צו דער אַרבעט. דער בעל־הבית פון וואַרשטאַט, טאָמאָס וואַלדעס, וואָס האָט געשטאַמט פון די מאַיאַרקאַ־אינדזלען און איז אַליין געווען אַ מעכאַניקער, אַ קינסטלער אין זיין פאַך, האָט באַלד דערקענט בערלס פעיִקייטן און אים געצאָלט לויט יענער צייט אַ גוטן געהאַלט. בערל האָט אין דעם יאָר וואָס ער האָט געלעבט אין האַוואַנאַ געוווינט אַליין אין אַ צימער — אַ זעלטענע דערשיינונג פאַר אַן עמיגראַנט, — און געגעסן אין אַ כינעזישן רעסטאָראַן. ער האָט אָנגעזאַמלט גענוג געלט אַריינצופאָרן קיין לאָס־אַנדזשעלעס, וואַהין עס האָבן אין יענער צייט געצויגן מענטשן פון גאַנץ אַמעריקע. עס האָבן זיך דעמלט אויפגעעפנט פאַבריקן אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין סאַן פראַנציסקאָ און אין אַנדערע שטעט אין די מערב־שטאַטן, וואָס האָבן פראָדוצירט טיילן פאַר מאַשינען און אויטאָמאָבילן.

בערל איז באַלד אַריין אַרבעטן אין אַ פאַבריק וואָס האָט פראָדוצירט טיילן פאַר אויטאָס. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס פעיִקייט ביים פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון די אויסאַרבעטונגען און נאָך מער איז אָרגאַניזירן די פּראָדוקטיוויטעט. איז ער אין פאַבריק געשטיגן פון טאָג צו טאָג. איצט איז ער געקומען קיין האַוואַנאַ אויף אורלויב און כּדי זיך צו זען מיט זיין ברודער, צו וועמען ער האָט די גאַנצע צייט נישט געשריבן.

ווען בערל האָט דערזען דאָס קבר־צימער אין וועלכן עס לעבט זיין ברודער, איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן.

— און חנה? — האָט ער גלייך געפרעגט.

בערל האָט ליב געהאַט זיין שוועגערין, זי איז געווען איינע פון די שענסטע מיידלעך אין שטעטל, אַ קלוגע און אַ פאַרגעשריטענע. בערל האָט חנהן ייִנגלווייז זייער ליב געהאַט, ער האָט אָבער נישט געוואָלט קאָנקורירן מיט זיין עלטערן ברודער.

— און חנה? — האָט ער איבערגעחזרט אַ דערשראָקענער. זיין האַרץ האָט אים געזאָגט אַז חנה איז שוין נישטאָ. יודל איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער. זיינע פייכטע אויגן האָבן אויסגעזאָגט דעם סוד.

— נישטאָ שוין? געשטאָרבן? — האָט בערל גערעדט צו זיך, — פאַר וואָס... פאַר וואָס האָסטו נישט געשריבן?... האָסט דאָך אַפילו

נישט געהאַט מיין אַדרעס, מיר האָבן זיך צעשיידט, צעשפּרייט, פאַרלוירן געגאַנגען... איך האָב דאָך חנהן ליב געהאַט. אַ סך מאָל פאַרזעען מיר די לעבנס פון אונדזערע נאָענטסטע... איך האָב אַזוי פיל מאָל געטראַכט וועגן אייך און קיין מאָל נישט דערגאַנגען אייך צו שרייבן. איצט, איצט בין איך געקומען צו שפּעט, איך בין אַליין שולדיק... און דאָס קינד?

— אין שול.

— איך בין געקומען זען וואָס איך קאָן טאָן פאַר אייך, נאָר עס איז שוין צו שפּעט.

— שוין צו שפּעט... — האָט יודל געמורמלט, — און אפשר נאָך נישט... עס וואָלט געווען אַ פּלאַן דו זאָלסט אַריבערנעמען שמערעלען צו דיר.

— מען דאַרף זיך באַקלערן. אַרויפנעמען אויף זיך די אחריות פאַר אַ ייִנגל פון צען יאָר איז אַן ערנסטע זאַך. איך גיי אַוועק אין פאַבריק אויף אַ גאַנצן טאָג, ווער וועט אויף אים אַכטונג געבן?

שמערל האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער אָפענער טיר. דאָס ייִנגל איז געווען אַ קאָפּיע פון זיין מאַמען. אַ כוואַליע פון עמאָציעס האָט אַרומגענומען בערלען. ער איז צוגעגאַנגען צום ייִנגל, אים געגלעט, געדריקט צו זיך. דאָס קינד האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „טי.אַ, (פּעטער), טי.אַ, טי.אַ בערל". ער האָט דערפילט אַ טיפע נאָענטקייט צו אָט דעם פרעמדן מענטשן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער קען אים שוין פון לאַנג. יודל איז געשטאַנען אין ווינקל און געוויינט.

פאַר נאַכט זענען זיי געזעסן אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן און געפירט דעם זעלבן שמועס וואָס קען בערל טאָן פאַר זיי. שמערל האָט זיך איינגעהערט צום שמועס צווישן זיין טאַטן און פעטער און פלוצלינג אַ זאָג געטאָן ווי אַ דערוואַקסענער מענטש: „פעטער, נעמט מיך מיט אייך, איך וועל גיין לערנען אין שול, איר וועט פון מיר נישט ליידן. איך האָב פיינט די שטוב וווּ מיר וווינען... דאָרטן חלומט זיך מיר אַלע מאָל די מאַמע. איך האָב שוין נישט קיין מאַמען..."

ביידע ברידער האָבן אויפגעציטערט. בערל האָט זיך אויפן מאָמענט איבערגעצייגט אַז ער מוז דאָס ייִנגל מיטנעמען מיט זיך קיין קאַליפאָרניע.

— בערל, דו וועסט וועלן גיין אויף קבר־אבות? איך וועל דיר דערציילן אַלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט. חנה איז געשטאָרבן פון צרות, פון צער, פון הונגער.

אויף מאָרגן זענען זיי געגאַנגען אויף קבר־אבות אויפן אַלטן האַוואַנער יידישן בית־עולם, אַריבערפאָרנדיק דאָס שטעטל גוואַנאַ־באַקאָאַ. אין דער לעצטער ריי, באַרג אַראָפּ, ביים פּאַרקאַן פון שטעכיקן דראָט, אויף אַ טונקל־גראָען שטיין איז געווען אויפגעשריבן:

דאָ רוט חנה בת אברהם יצחק הכהן

געבוירן אין 1900 — געשטאָרבן אין 1934

אַ קרבן פון יידישן נע־ונד.

דיין מאַן יודל און דיין פאַריותמטער זון שמערעלע.

שמערל האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט אויפן קול דעם אויפשריפט אויף דער מצבה און דאָס איינגעזאַפּט אין זיין יונגן האַרץ אויף זיין גאַנץ לעבן.

זיי זענען שווייגנדיקע צוריקגעפאָרן אין אַ געדונגענעם אויטאָמאָביל צום האָטעל פּלאַזאַ ווו דער פעטער בערל איז איינגעשטאַנען. דריי מענטשן האָבן געטראַכט וועגן טויט, יעדערער אויף זיין אופן.

אויף בערלען האָט די באַגעגעניש מיט זיין ברודער, מיט זיין יונגן פּלימעניק, זיין באַזוך אויפן אַלטן יידישן בית־עולם, ווו זיין שוועגערין רוט, איבערגעלאָזט אַ דערדריקנדיקן איינדרוק. ער האָט זיך אַנגעזאַפּט מיט צער און דערפילט אַ דראַנג צו פאַרריכטן זיין לעבן.

בערל איז צוריקגעפאָרן קיין לאָס־אַנדזשעלעס און מיטגענומען מיט זיך זיין פּלימעניק. דאָס יינגל האָט אין דער לעצטער מינוט דערפילט אַז ער צעשיידט זיך מיטן טאַטן, דעם נאָענטסטן מענטש וואָס איז אים געבליבן. עס איז אים באַפאַלן אַן אומעט און ער האָט זיך עטלעכע מאָל פונאַנדערגעוויינט. דער טאַטע און דער פעטער האָבן אים געטרייסט, אָבער אויך זייער מצב איז נישט געווען קיין סך בעסער.

איבערן סאַלאָר איז געלעגן אויסגעגאָסן אַן אומיצט. חנהס טויט איז

געבליבן הענגען אויפן אויסשניט פון הימל, אויף די שטריקלעך, ווו די איינוווינער הענגען אַרויס זייערע וועש צום טריקענען, און אין געמיט פון די שכנים. אַלע האָבן געדענקט חנהס אַרבעטסזאַמקייט, איר ליבשאַפט צום קינד, אירע שוועריקייטן ביים צוזאַמענרעדן זיך מיט די שכנים און זיך פאַרשטענדיקן מיט זיי אין דער שפּאַנישער שפּראַך, אָבער דאָך האָבן אַלע זי ליב געהאַט. אירע שמייכלענדיקע אויגן זענען געבליבן איינגעקריצט אין די נשמות פון די שכנים. און איצט, אַז דאָס יינגל איז אויך אַוועקגעפאָרן, איז דער טרויער אין סאָלאַר נאָך שווערער געוואָרן. נאָר דאָ איז עפּעס געשען, וואָס אַלע שכנים האָבן וועגן דעם אָנגעהויבן טראַכטן: אין אַ פרימאָרגן האָט אַ משאַ־אויטאָ מיטן אויפשריפט פון אַ מעבל־געשעפט געבראַכט אַ ניי אייזקעסטל צו איזאַבעלאַן, אַ גאַנץ גרויסן. דער זעלבער מאַן וואָס האָט געבראַכט דאָס אייזקעסטל האָט צוגענומען איר אַלט אייזקעסטל. אַז די שכנים האָבן דערזען ווי איזאַבעלאַ עפנט אויף די טיר פון יודלס צימער און דער מאַן נעמט אַרויס פון דאָרט יודלס אייזקעסטל, האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און אַלץ האָט זיך אויפגעקלערט. אַז מ׳האָט אַריינגעקוקט אין איזאַבעלאַס צימער איז זי געשטאַנען אויף אַ הילצערן פּרוכטקעסטל און געפאַרבט די ווענט. פון דעם קעסטל האָט זי דערגרייכט די וואַנט ביזן באַלקן, וואָס איז געווען משופּעדיק. די וואַנט וואָס זי האָט איצט געפאַרבט איז געווען די העכסטע. די אַנדערע ווענט זענען געגאַנגען פון העכער אויף נידעריקער, און איזאַבעלאַ האָט זיי געקאָנט דערגרייכן אָן אַ קעסטל.

אויפן צווייטן פרימאָרגן האָט אַ משאַ־אויטאָ געבראַכט אַ הילצערן בעט מיט עטלעכע שאַפקעס — איינע, אַ גרויסע, אויף וועש, און צוויי קליינע, אויף צו שטעלן בייביידע זייטן פון בעט. דער שאָפער האָט אַרויסגענומען און אַוועקגעפירט איזאַבעלאַס בעט און יודלס ווייס אייזערן בעט, צוזאַמען מיטן טישל און די צוויי צעבראָכענע שטולן. דאָס צימער איז געבליבן ליידיק. די גרעסטע איבערראַשונג פאַר די שכנים איז געווען דער ווענטילאַטאָר, וואָס אַן עלעקטריקער האָט אַריינגעשרויפט אין סופיט. דער ווענטילאַטאָר האָט זיך געדרייט און געקילט די לופט פון צימער.

די באַנייונג פון איזאַבעלאַס צימער און דאָס אויסליידיקן יודלס צימער האָט איבערגעצייגט די שכנים, אַז זייערע טראַכטענישן זענען געווען ריכטיקע. יענע נאַכט איז שוין יודל געשלאָפן אין איזאַבעלאַס צימער.

✶

ווען בערל דינקעס האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאָס־אַנדזשעלעס האָט ער זיך דערוווסט, אַז דער הויפּט־בעל־הבית פון דער פאַבריק וואָס פּראָדוצירט טיילן פאַר אויטאָס, האָט געהאַט אַ האַרצאַטאַק און געפינט זיך אין שפּיטאָל. ער איז גלייך אַוועק אים באַזוכן. וויליאַם ציטרין, דער באַלעבאָס, איז געווען געריִרט פון דעם באַזוך.

— ווי איז געווען דיין אורלויב אין האַוואַנאַ ?

— גוט, האָט בערל געענטפערט און דערביי אַ טראַכט געטאָן, אַז עס איז בעסער נישט צו דערציילן איצט וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלעבט, און אַפילו נישט דערמאָנען אַז ער האָט מיטגעבראַכט זיין פּלימעניק — וואָס קנאַפּער מען רעדט צו אַ קראַנקן איז אַלץ בעסער.

— איך בין צופרידן וואָס דו ביסט געקומען. איך וואָלט דיך געשיקט רופן. דו פאַרשטייסט דאָך אַז מיין געזונט־צושטאַנד דערלויבט מיר נישט זיך אומצוקערן צו מיין פריִערדיקער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. וויל איך דיר פאָרלייגן, דו זאָלסט איבערנעמען די אָנפירונג מיט דער פאַבריק. פאַר דיר איז דאָס נישט קיין שווערע אויפגאַבע, ווייל דו קענסט גוט דעם גאַנג פון דער פאַבריק. איך וועל דיר אָפּשרייבן אַ פערטל פון מיין חלק און באַשטימען דיר אַ פאַסיקן געהאַלט.

בערל איז געזעסן אויפן שטול נישט ווייט פון וויליאַם ציטרינס בעט. ער איז געווען זייער רויִק און נישט איבערראַשט פון אָנבאָט, ווי עס וואָלט פאַר אים געווען אַ נאַטירלעכע זאַך.

— איך וועל דיר פאַרקויפן פאַר אַ צוגענגלעכן פרייז טויזנט „שערס" פון מיינע, און די פאַבריק וועט אַרויסגעבן נאָך טויזנט שערס פאַר דיר, און דו וועסט פאַרנעמען די פּאָזיציע פון אַ וויצע־פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַני.

בערל איז געזעסן און אויסגעהערט די אַלע רייד אַ רויִקער, ווי ער

וואָלט דאָס אַלץ שוין געהאַט געהערט און פאַרדייט אין זיין דמיון, פונקט ווי עס וואָלט פאַר אים כלל נישט געווען קיין נייס.

— מען קאָן אַן גרויסע ענדערונגען אויסברייטערן די פאַבריק און פאַרטאָפּלען די פּראָדוקציע. איך ווייס נישט צי איז איצט דער פּאַסיקער מאָמענט אויסצולייגן פאַר אייך מיינע פּלענער. אַז איר וועט אַרויס פון שפּיטאָל וועלן מיר דאָס אַלץ אַרומרעדן.

— ניין, ניין, קענסט רעדן, פאַרקערט! איך וויל זייער הערן דיינע פּלענער. זאָג מיר דעם אמת — דו האָסט שוין געפּירט געשעפטן?

וויליאַם ציטרין איז געווען איבערראַשט פון בערלס פּלענער. עס האָט זיך געפילט אין זיינע רייד אַז ער איז שטאַרק צופרידן.

— דיינע געדאַנקען קוקן אויס זייער פּראַקטיש, ווי דו וואָלסט שוין געהאַט אַ סך פּראַקטיק אין געשעפטלעכע אונטערנעמונגען.

— איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט וועגן דער פאַבריק. איך וויל נאָר צוגעבן, אַז נאָך פינאַנסן וואָלט איך זיך נישט געווענדט צו די בענק. נאָר געגאַנגען צום סטאָק־מאַרקעט. ווי נאָר דער סטאָק־מאַרקעט וועט אונדז באַשטעטיקן, און איך גלייב אַז זיי וועלן אונדז באַשטעטיקן, וועלן מיר פאַרקויפן אַ מיליאָן „שערס" און וועלן נישט האָבן מער קיין פּראָבלעמען מיט פינאַנסן.

וויליאַם ציטרין האָט נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן זיין באַוווּנדערונג פאַר בערלס פּלענער.

— פון וואַנען קומען צו דיר די אַלע געדאַנקען? איך בין שוין אין די ביזנעס העכער אַכט יאָר און עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן צו גיין אין „פּובליק".

בערל איז געזעסן און געשמייכלט.

— מאָרגן גייסטו אַריין אין פאַבריק ווי דער וויצע־פּרעזידענט. וועסט דערווייל פאַרנעמען מיין אָפיס, נאָר דאַרפסט גלייך פאַראָרדענען אויס־צובויען פאַר דיר אַ נייעם אָפיס.

— דאָס איז נישט אַזוי וויכטיק, וויכטיק איז מיר זאָלן גלייך אָנהייבן זיך גרייטן צו בויען אַ צווייטן פּלענט. מיר דאַרפן קויפן אַ שטיק ערד וואָס ליגט נעענטער צו אונדזער פאַבריק, און באַשטעלן די פּלענער. די

פּלענער ווען שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע ביים צושטעלן זיי צו דער סטאַק־קאָמיסיע. דאָס וועט באַווייזן, אַז מיר גייען פאָרגרעסערן אונדזערע ביזנעס אויף טאָפּלט.

וויליאַם ציטרין האָט אָנגעקוקט בערלען:

— ווי רופט מען דיך אויף ענגליש?

— איך ווייס נישט וואָס איר מיינט.

— ווי איז דיין נאָמען, אויף ענגליש מיין איך, ווייל איך רוף דיך שטענדיק „בערל”.

— בערנאַרד, — האָט בערל געענטפערט. און אין דעם מאָמענט איז אין זיין געדאַנק געבוירן געוואָרן זיין צווייטער נאָמען — בערנאַרד אַדין.

— גוט! — האָט וויליאַם ציטרין געשמייכלט.

אַזוי, דורך אַ צופאַל, ווי דאָס וואָלט געווען אַ באַשערטע זאַך, איז בערל דינקעס געוואָרן אַ שותף אין אַ פאַבריק פון טיילן פאַר אויטאָס, און דורך דעם זעלבן צופאַל איז געבוירן געוואָרן זיין נייער נאָמען: בערנאַרד אַדין.

✶

שמערל האָט דעם פעטער נישט אַנטוישט. ער איז געווען דער בעסטער שילער אין זיין קלאַס, און פאַרענדיקט די שול מיט אויסצייכענונגען. ער האָט גראַדויִרט פון „הייסקול” מיט אויסצייכענונגען און איז אַריין אויפן אינזשעניר־פאַקולטעט אין אוניווערסיטעט. אויך זיין אויפפירונג איז געווען אַן אויסגעצייכנטע. זיינע פעיִקייטן האָבן אים געדינט צו לערנען און צו באַגרייפן דאָס געלערנטע. שמערל האָט אָפּגעשאַצט וואָס זיין פעטער האָט פאַר אים געטאָן, און געהאַלטן אים פאַר אַ פעיִקן און קלוגן מענטשן.

דער פעטער, וואָס האָט שוין דעמלט געהאַט זיינע אייגענע קינדער. האָט שמערלען זייער ליב געהאַט און אים באַוואונדערט, ביז אַרויסרופן קנאה ביי זיינע קינדער.

שמערל האָט אויסער די לימודים זיך אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זיין פעטערס אויפגאַבן און פּלענער אין דער פאַבריק, ווו ער האָט

איצט פאַרנומען די הויפּט־פּאָזיציע. שמערלס באַמערקונגען און אָנווייזונגען וועגן גאַנג פון דער פאַבריק האָבן דעם פעטער אינטערעסירט און זײַער אַפּט איבעראַשט. ער האָט זיך צוגעוווינט זיך מישב צו זײַן מיט שמערלען.

אַ לאַנגע צייט איידער שמערל האָט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט האָט אים דער פעטער אַרייַנגעצויגן אינעם גאַנג פון דער פאַבריק. זייענדיק דער וויס־פּרעזידענט, איז דאָס אים אָנגעקומען לייכט. דער אינזשעניר וואָס האָט געאַרבעט אין פאַבריק פלעגט בערנאַרד אַדינען אָפּגעבן גוטע גרוסן פון זײַן פּלימעניק — „ער וואַקסט אַ פּעיקער אינזשעניר און גוטער אינדוסטריאַליסט״. בערנאַרד אַדין האָט געטראַכט וועגן אַ פּאָזיציע פאַר זײַן באַגאַבטן פּלימעניק אין דער צוקונפט.

פאַר דער צייט איז די צווייטע פאַבריק־אָפּטיילונג אויסגעבויט געוואָרן און שוין געאַרבעט. די אויסגעוואַקסענע אינדוסטריע פון אויטאָמאָבילן האָט שטאַרק פאַרגרעסערט די נאָכפראַגע אויף טיילן. און די פּראָדוקציע פון דער „ציטרין״־פאַבריק איז זייער אָנערקענט געוואָרן. די פאַבריקן האָבן פּראָדוצירט טיילן פאַר אַלע „מאַרקעס״ אויטאָמאָבילן. עס איז אויפגעקומען אַ מעגלעכקייט צוצושטעלן טיילן פאַר אַ באַשטימטער אויטאָמאָביל־פאַבריק, וואָס האָט נישט באַוויזן צו פּראָדוצירן גענוג פאַר איר באַנוץ.

דערווייל איז אויפגעשוווּמען אַ גרויסע קאָנקורענץ פון אויסלענדישע אויטאָמאָבילן — דייטשישע, פראַנצויזישע און איטאַליענישע, און אַ מאַנגל אין טיילן פאַר די פאַרשיידענע אימפּאָרטירטע מאַרקעס. שמערל האָט באַמערקט — נישט זייענדיק פאַרמישט אין דער אינדוסטריע — די אויסזיכטן ביים פאַבריצירן די טיילן, און געבראַכט דעם געדאַנק צו זײַן פעטער. בערנאַרד אַדין איז געווען אַנטציקט פון זײַן פּלימעניקס איינפאַל און דאָס גלייך פאַרגעבראַכט פאַר דער דירעקטאָרן־קאָלעגיע וואָס האָט דעם געדאַנק באַשטעטיקט. עס האָט נישט גענומען לאַנג און די ציטרין־פאַבריקן האָבן פּראָדוצירט טיילן אויך פאַר אויסלענדישע אויטאָמאָבילן.

יאָרן זענען געגאַנגען. וויליאַם ציטרין האָט אָנגעבאָטן, צוליב געזונט־מאָטיוון און צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, אָפּצוטרעטן זײַן פּלאַץ אין דער אויסגעוואַקסענער „ציטרין״־קאָמפּאַניע, דערביי האָט ער פאַרגעשלאָגן,

אַז סימאָן אַדין זאָל איבערנעמען די פּרעזידענטשאַפט פון דער קאָמפּאַני. ער האָט דערביי געגנבֿעט אָנגעגעבן די מאָטיוון: סימאָן אַדינס פעיִקייטן, זיין אינזשעניר־קענטעניש און זיין באַקאַנטשאַפט מיטן גאַנג פון דער פאַבריק. בערנאַרד אַדין האָט, פאַרשטייט זיך, געשטיצט דעם פאָרשלאָג. און אָט דער פאָרשלאַג איז אויף אַ דירעקטאָרן־באַראַטונג אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק.

דער טאָג ווען סימאָן אַדין איז באַשטימט געוואָרן פאַרן טשערמאַן פון דער ציטרין־פאַבריק איז געווען אַ היסטאָרישער פאַר דער קאָמפּאַני און פאַר דער אויטאָ־אינדוסטריע פון אַמעריקע. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון איינער פון די גרעסטע קאָנגלאָמעראַציעס אין אַמעריקע.

★

סימאָן אַדין איז אַן אייגנאַרטיקער מענטש. זיין מוח רוט נישט, אויף זיין פּנים ליגט שטענדיק אַן אויסדרוק פון פאַרטראַכטקייט, פון באַזאָרגטקייט. אַן אינערלעכער כּוח שטויסט אים זיך צו פאַרמעסטן. אָט זוכט ער שוין אַ פּאַסיקן פּלאַץ אויפצושטעלן נאָך אַ פאַבריק אין אַ צענטראַלן פּונקט פון לאַנד, כּדי עס זאָל זיין באַקוועם פאַר טראַנספּאָרטאַציע און נעענטער צו אַ ריי שטאַטן איבערן גרויסן לאַנד.

סימאָן אַדין — דאָס איינגעדאַרטע, אויסגעהונגערטע שמערעלע, איז אויסגעוואַקסן אַ מיטל־וווּקסיקער, ברייטפּלייציקער מאַן, מיט אַ גלייכער פיגור ווי אַ סטרונע, מיט געמאָסטענע באַוועגונגען. אין אים לעבט אַן אינערלעכער כּוח, אַ דראַנג וואָס שטויסט אים זיך צו פאַרמעסטן. ער שרעקט זיך נישט פאַר קיין אונטערנעמונג. ער באַוועגט די קאָמפּאַני צו קויפן אַ טאַבאַק־פּלאַנטאַציע אין אַ ווייטן לאַנד. האָבנדיק שוועריקייטן אָפּצוזעצן דעם פּראָיעקט, ווייל די מערסטע ציגאַר־פאַבריקאַנטן האָבן אייגענע פּלאַנטאַציעס, בויט ער אויס אַ ציגאַרן־פאַבריק. ער קויפט אָפּ אין אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד גרויסע צוקער־פּלאַנטאַציעס און נעמט איבער אַ „צענטראַל״ (צוקער־פאַבריק). ער קויפט אָפּ איינע פון די גרעסטע פילם־אינדוסטריעס. און בעת עס איז אויפגעשווומען דאָס פּראָבלעם פון

ענערגיע, באַטייליקט זיך זיין קאָמפּאַני אין איינער פון די גרעסטע קאָמפּאַניעס וואָס זוכן אויל.

עס לעבט אין שמערל דינקעס אַן אינערלעכע קראַפט וואָס שטויסט אים צו בויען און צו שאַפן.

*

אַ טייוולאַנישער אימפּולס האָט זיך באַזעצט אין סימאָנען, אַ דראַנג אַנצויאָגן... עס פעלט אים גאָרנישט אין אַ טראַכט צו טאָן געלאַסן וואָס עס שטויסט אים און נאָך וואָס ער יאָגט זיך. אויף זיינע רייזעס פון מזרח, צו זיינע פאַבריקן אין מערב, דוכט זיך אים תמיד אויס אַז דער עראָפּלאַן פליט פּאַמעלעך, אַז ער פאַרלירט צייט... שטענדיק שטייט ער דער ערשטער אַרויסצוגיין פון עראָפּלאַן בעתן לאַנדן. עס פעלט אים קיין מאָל נישט אויס, אַז דער עראָפּלאַן קאָן זיך אַנטרעפן אויף שוועריקייטן, דאַרפן האַסטיק טאַרמאַזירן און אומוואַרפן די שטייענדיקע. און אַז דער עראָפּלאַן שטעלט זיך אָפּ, כאַפּט ער זיך אַראָפּ פון די טרעפּ ווי אַ ווערעקע און לויפט. און אַט פליט ער שוין אין אויטאָמאָביל, ווי אַ טייוול, צו זיין פאַבריק.

זיין באַזוך וואַרפט אַן אַ פּחד אויף די אַנגעשטעלטע. ער גייט דורך די פאַבריק און וואַרפט שאַרפע בליקן אין אַלע זייטן. אַלע באַגריסן אים פריינדלעך. סימאָן גיט אַ לייכטן שמייכל, די דירעקטאָרן דערפילן אין דעם שמייכל אַ פאַרלייכטערונג, און גייען אים נאָך ווי אַ לייבוואַך.

צו דער פאַבריק פון טיילן פאַר אויטאָס פילט ער אַ נאָענטקייט. עס שמעקט מיט אַנגעברענט אייזן. סימאָן שמייכלט, נאָר זאָגט נישט אַרויס קיין איין וואָרט. זיין כאַראַקטער קאָן זיך נישט דעצידירן צו אַנערקענען עמעצן אָדער עמעצן אַרויסהייבן.

סימאָן אַדין וווינט מיט זיין משפּחה, זיין פרוי און צוויי קינדער, אין אַ רייכער פאַרשטאָט פון לאָס אַנדזשעלעס. ער כאַפּט זיך אָפּ אויף פון שלאָף מיט אַ טיפן קרעכץ, דערשיטערט. הייבט זיך אויף פון געלעגער און שפּאַצירט אַריין אין זיין גרויסן אָפיס.

ווי אַזוי קאָן מען פאַרשטיין אויף אַ פשוטן אופן דעם סוד פון

חלומות? און דער חלום שפיגלט אָפּ דורכגעלעבטע עפּיזאָדן פון זיין לעבן, ווי אויפן עקראַן. דער חלום פירט אים צוריק — אַן זיין ווילן — צו פאַרגאַנגענע יאָרן, צו איבערלעבונגען, וואָס ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן. אָט האָט אים נאָר־וואָס אויפגעוועקט פון שלאָף אַ חלום, ער געדענקט גענוי, אַז עס איז געשען אַזוי: ער ליגט אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע און זייגט אַ פינגער, אויף דעם ווייסן אָפּגעקראָכענעם אייזערנעם בעט זיצט, מיט צעשויבערטע האָר, זיין מאַמע. דער טאַטע שטייט אין מיטן פון קבר־צימער אַ פאַרגליווערטער. ער הערט קלאַפּן אין טיר, איזאַבעלאַ, די שכנה, קומט אַריין, זי ברענגט מילך מיט ברויט און גיט אים צו עסן. נאָר דאָ האָט זיך דער שווערער חלום איבערגעריסן. אָבער סימאָן ציט ווייטער דעם פאָדעם פונעם טרויעריקן חלום. ער דערזעט די מצבה אויף דער מאַמעס קבר אויפן אַלטן ייִדישן בית־עולם אין האַוואַנאַ. און אַ געדאַנק רייסט איבער זיינע חלומות: צי וועלן מיינע קינדער אויך דאָס חלומען? צי וועט דער חלום אויך זיי דערמאָנען וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט? זיי זענען דאָך מיינע קינדער.

ער שפּאַצירט האַסטיק איבערן גרויסן אָפיס און וויל פאַרשטיין דעם סוד פון חלומען — דו שלאָפסט, דיין מוח רוט, און דער חלום ברענגט דיר דערמאָנונגען פון צענדליקער יאָרן צוריק. ווי אַזוי קומט דאָס?...

ער שטעלט זיך אָפּ און קוקט אויפן ווינקל פון צימער, ווי ער וואָלט דאָרטן עמעצן דערזען: „מאַמע, איך וועל דיך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. דו לעבסט אין מיין זכרון. אָבער מיינע קינדער וועלן שוין וועגן אייער לעבן גאָר נישט וויסן, נישט געדענקען און נישט חלומען!...” אין דעם מאָמענט האָט אים אַ ברי געטאָן אַ געדאַנק: ער פאָרט באַזוכן זיין מאַמעס קבר, ער פאָרט זען וווּ ער האָט געלעבט זיינע קינדער־יאָרן.

*

אָט דער פּיינלעכער חלום האָט זיך באַזעצט אין סימאָנס דמיון און צעשטערט זיין רו. זיין מאַמע, מיטן צעשויבערטן קאָפּ האָר און אויס־געלאָשענע אויגן, זיצט אויפן ראַנד פון אייזערנעם בעטל, און דאָס בעטל

שטייט ביי דער זייט פון איר פאַרוואַקסענעם קבר, מיט ווילדע גראָזן. פאַר זיינע אויגן שטייט דער סאָלאַר מיט זיינע איינוווינער. ער פילט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך זיין פאַרשאָלטענעם נעכטן. עס באַהערשט אים אַן אומרו און אַ טיפער אינערלעכער דראַנג: — אפשר דערפאַר אַזאַ איילעניש ביי אים. אַזאַ נאָגעניש?... ער וועט פאָרן זען זיין מאַמעס קבר. ער געדענקט דאָך די מצבה מיטן אויפשריפט; ער געדענקט דאָך דעם שטעכיקן פאַרקאָן ביי דעם זייט. עס ציט אים צו זיין מאַמען, ביי וועמען ער האָט געבעטן עסן נישט פאַרשטייענדיק, אַז זי אַליין גייט אויס פון הונגער. און דער טאַטע? וואָס איז מיט אים? —

ער וועט זיין אין סאָלאַר ווו ער האָט געלעבט אין זיינע קינדער־יאָרן און וועט זען דעם טאַטן. ער וויל זען דעם מענטשן, ער וויל זיך דערנענטערן צו די טעג פון זיין פיינלעכער קינדהייט. „מיין מאַמע קאָן בלויז קומען צו מיר אין חלום, אָבער איך קאָן דאָך קומען זען איר קבר ווו זי רוט...”

סימאָן דערשרעקט זיך פאַר זיינע געדאַנקען, פאַר זיין בענקשאַפט צו זיין פיינלעכן נעכטן, אָבער — אַן אַ נעכטן איז נישטאָ קיין היינט... איז ער געפאָרן אויף קבר־אָבות.

פון זיין האָטעל־צימער אויפן פערצנטן שטאָק האָט סימאָן באַטראַכט די שיינקייט פון דער מיט־זון־פאַרגאָסענער צעגרינטער שטאָט, ווי זי וואָלט ליגן אין אַ גרין־גאָלדן וואַסער־וויגעלע. נאָר אין דער שיינקייט רייסן זיך איצט אַריין פינצטערע שאָטנס; די דערמאָנונגען פון סאָלאַר; פון דער אָרעמקייט אין וועלכער ער האָט געלעבט; פון זיין מאַמעס צעשויבערטע האָר און די פאַרצווייפלונג וואָס רינט פון אירע אויגן.

ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגערוט, איז ער אַראָפּגעפאָרן צו דער „פּיקעראַ”, ווו עס שטייען די טאַקסיס און אַ פרעג געטאָן ביי אַ שאָפער צי ער ווייסט ווו עס געפינט זיך דער אַלטער יידישער בית־עולם. דער שאָפער האָט אים אָנגעקוקט אַ פאַרוואונדערטער: אַ רייכער טוריסט, וואָס שטייט איין אין „האָטעל נאַציאָנאַל”, זאָל זיך נישט פרעגן אויף די האַוואַנער פאַר־וויילונגס־פּלעצער, נאָר אויפן אַלטן יידישן בית־עולם? — יאָ, איך ווייס,

איך ווין אין גאַוואַנאַבאַקאַ, און דער בית־עולם איז נישט ווייט פון שטעטל.

— קאָנסט צו מיר רעדן שפּאַניש, איך האָב מיט יאָרן צוריק געלעבט אין קובאַ.

דער שאָפער האָט תיכף געביטן זיין באַציִונג צום פּאַסאַזשיר. דער טוריסט איז געוואָרן אַ לאַנדסמאַן, פּאַר וועמען מען קען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. און אַ קובאַנער איז בטבע זייער ריידעוודיק.

סימאָן האָט אים פאַרשטאַנען. ער האָט אויפגעהיט אין זיין זכּרון דאָס שפּאַנישע לשון וואָס ער האָט געלערנט אין שול און גערעדט מיט איזאַבעלאַן. אויך אויף זיינע רייזעס אין לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער האָט ער זיך באַמיט צו באַנוצן שפּאַניש.

דער טויער פון בית־עולם איז געווען פאַרמאַכט. דער היטער וווינט נישט ווייט, האָבן זיי זיך דערפרעגט ווו ער וווינט און אים געבראַכט צו עפענען דעם טויער. סימאָן האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין זכּרון און געגאַנגען צום קבר וואָס ער זוכט. די שטעכיקע צאַם איז געווען זיין וועגווייזער.

— ווי אַלץ אַרום איז דאָ פאַרוואַקסן מיט ווילדע גראָזן... — האָט סימאָן גערעדט צו זיך. — קיינער קומט נישט אַהער .. דאָס איז געוויס דאָס ערשטע מאָל וואָס עמעץ קומט באַזוכן דעם קבר זינט אַ סך יאָרן...

— קענסט דאָ אויסרייניקן? — האָט ער געפרעגט דעם שומר, — איך וועל מאָרגן קומען! — און גלייך אַרויסגענומען געלט און אים געגעבן.

פון אַלטן בית עולם איז סימאָן געפאָרן צום סאָלאַר. אַ צעוויטיקטער פון זיין באַזוך ביי דער מאַמעס קבר האָט ער זיך געשטעלט אַנטקעגן דער טיר פון זייער צימער, און אַ שטראָם פון טרערן האָט פאַרגאָסן זיין פּנים.

עס איז אַרויסגעקומען אַן אַלטע פרוי, אים אָנגעקוקט און נישט דערקענט. זי האָט אים געמאַכט אַ צייכן אַז זי הערט נישט.

— וואַרט!... — האָט זי צו אים געזאָגט, און איז אַוועק אַרויספירן איר שוועסטער. די פאַראַליזירטע שוועסטער אירע האָט אים דערקענט

און אָנגעהויבן שרייען פאַר פרייד. זי האָט אויסגעצויגן אירע הענט צו סימאָנען, אים געשלעפּט צו זיך און געקושט.

— נישטאָ שוין קיינער פון יענער צייט... דער קאַרבעניערא איז געשטאָרבן, אַרמאַנדאָ האָט זיך שוין לאַנג אַרויסגעצויגן, טערעסאַ האָט איבערגעלאָזט איר מאַן, נאָר מאַרגאַריטאַ וווינט נאָך דאָ. מען גייט אַראָפּוואָרפן דעם סאָלאָר! וווהין וועלן מיר איצט גיין?

די טויבע איז געלאָפן רופן מאַרגאַריטאַן. עס האָט זיך באַוויזן אַ גרויע איינגעשרומפּענע פרוי. זי האָט אָנגעקוקט דעם גאַסט, אים דערקענט און אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און זיי געקושט.

— סמערעלע, סמערעלע!... אַלע האָבן דיך ליב געהאַט... דאָ אין דעם צימער האָסטו געלעבט. דיין מאַמע, זאָל רוען אין שלום, דיין טאַטע. איזאַבעלאַ מיט דיין טאַטן זענען אַוועקגעפאָרן אין „אָריענטע״*. עס זענען אָנגעקומען בריוו, נאָר מיר האָבן נישט זייער אַדרעס, פאַרלאָרן געגאַנגען, ווי אין וואַסער אַריין! — האָט מאַרגאַריטאַ שטיל גערעדט.

— איך ווייס דעם נאָמען פונעם דאָרף, — האָט העלענאַ די פאַראַליזירטע איבערגעשלאָגן די רייד. — איך ווייס, איך ווייס דעם נאָמען פון דאָרף. ווען דיין מאַמע, וואָס האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן, וואָלט דורך אַ שפּאַלט אין דער צעטריקנטער טיר פון צימער געקאָנט אַ קוק טאָן אויף דיר — האָט העלענאַ גערעדט — עך, וואָלט זי...

מאַרגאַריטאַ האָט זיך אַריינגעמישט אין אירע רייד: „וואָלט זי געוווּסט, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַ קנוף פון פּיין, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַ קייט פון צופאַלן, און אַז אָרעמע מענטשן איז נישט באַשערט צו דערלעבן אַ שטיקל פרייד אין לעבן...״

סימאָן האָט גענומען ביי העלענאַן דעם נאָמען פון דאָרף, וווּ זיין טאַטע מיט איזאַבעלאַן לעבן. ער האָט געמאַכט אַ זשעסט ווי ער גייט זיי איבערלאָזן אַ געלט־מתנה, נאָר די פרויען האָבן אַ הייב געטאָן די הענט אויסצודריקן זייער אומווילן:

---

* די מזרח־פּראָווינץ פון קובאַנער אינדזל.

— ניין, ניין! דיין באזוך איז די גרעסטע מתנה פאר אונדז!
פרייד און צער האבן זיך געמיניעט אין זייערע פנימער.

✶

צו מארגנס איז סימאן געקומען צום צווייטן מאל אויפן אלטן יידישן בית־הקברות זיך צו געזעגענען מיט זיין מאמען. פלוצלינג האבן שווארצע וואלקנס פארדעקט דעם הימל. דער בית־הקברות האט זיך איינגעהילט אין פינצטערניש. עס האט א כליאפע געטאן א גאס רעגן, וואס האט אנגעפילט די שטעגלעך צווישן די קברים מיט וואסער, וואס האט געשטראמט באַרג־אראפ צו די פעלדער הינטערן בית־עולם. סימאן איז געשטאנען לעבן זיין מאמעס קבר און געטראכט: „פאר וואס איז דיר געקומען אזא שטראף? נישטא וועמען צו פרעגן, נישטא ווער עס זאל דערויף ענטפערן. מען מוז אננעמען פאר גוט וואס עס קומט, און ווי עס פאלט אויס אויף איינעמס גורל...”

אן אויסגענעצטער האט זיך סימאן צוריקגעקערט אין האטעל. די איבערלעבונגען האבן פארביטערט זיין געמיט. פאר וואס איז דאס לעבן אזוי אומברחמנותדיק? פאר וואס ווייסטו קיין מאל נישט וואס עס דערווארט דיך? פון מידקייט האט ער איינגעדרעמלט, נאר קיין חלומות זענען מער נישט געקומען. די רעאלע איבערלעבענישן האבן באהערשט די חלומות. אין דער וואר האט זיך סימאן איבערגעצייגט, אז דער נעכטן איז נאך א סך גראערער ווי דער חלום.

סימאן איז אוועקגעפארן זיך זען מיט זיין טאטן וואס וווינט מיט איזאבעלאן אין א דארף אין „אריענטע”. ער וועט זיין טאטן מיט איזאבעלאן אריבערנעמען קיין לאס־אנדזשעלעס. ער געדענקט מיט וויפל מאמישער ליבשאפט איזאבעלא האט אים אפגעהיט נאך דעם ווי ער האט פארלארן זיין מאמען. אין דער סביבה פון סאלאר און פון בית־הקברות איז אלץ בולטער און קלארער געווארן. זיין נעכטן, וואס איז איצט געשטאנען אן אויפגעדעקטער פאר זיינע אויגן מיט זיין גאנצן שווידער און פיין.

סימאן האט געטראפן איזאבעלאן אליין אין איר מאמעס געירשנטן הויז. דער עכא פון אירע געשרייען פון פרייד און איבערראשונג האט

אָפּגעהילכט איבערן דאָרף און זיך געטראָגן צו די קובאַנער בלויע הימלען.

— סמערעלע! סמערעלע! ווי האָסטו געוווסט צו קומען אַהער? ווי האָסטו געוווסט?

אַן אומעט האָט באַדעקט איר פּנים ביים געדאַנק אַז זי דאַרף אָנזאָגן סימאָנען די טרויעריקע ידיעה אַז זיין טאַטע לעבט שוין נישט. ס׳האָבן זיך אירע געשרייען מיט איר פרייד אָפּגעהאַקט ווי מיטן שאַרף פון אַ מעסער.

— שוין באַלד אַ יאָר ווי דיין טאַטע איז אַוועק אויף אייביק... פאַר וואָס ביסטו נישט געקומען די גאַנצע צייט?

איזאַבעלאַ האָט אים אַוועקגעפירט אויפן דאָרפישן בית־עולם. די פייכטע ווייכע ערד האָט זיך געקלעפּט צו סימאָנס שוואַרצע שיך, ווי די ערד וואָלט אים וועלן צוציען צו זיך... ער האָט אַרויפגעקוקט צום דאַך פון איזאַבעלאַס הויז וואָס איז געדעקט מיט „גוואַנאַ״ — לאַנגע בלעטער ווי בלושטש, וואָס וואַקסן אויף די קרוינען פון די הויכע פּאַלמעס. די הייזער פון דאָרף זענען אויס ווי איבערבלייבענישן פון פאַרצייטיקע היסטאָרישע היימען. אַזוי לעבן דאָ מענטשן — זיי חלומען וועגן שטעט, און זענען צופרידן מיט זייער רויק לעבן אין דאָרף.

ווען סימאָן האָט דערזען פרישע בלומען אויפן קבר, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איזאַבעלאַן מיט פרעגנדיקע אויגן.

— איך ווייס וואָס דו ווילסט מיך פרעגן, — האָט געזאָגט די גראָע איזאַבעלאַ מיט אַ שמייכל אויף איר צעקנייטשטש פּנים. — אַלע זונטיק קום איך צו דיין טאַטנס קבר און ברענג אים פרישע בלומען.

דער שטיין אויפן קבר האָט נישט געהאַט קיין צלם.

— דיין טאַטע האָט מיך געבעטן, אַז אויף זיין קבר זאָל מען נישט שטעלן קיין צלם. „נאָר נישט קיין צלם״, האָט ער מיר געזאָגט. — האָב איך אַזוי געטאָן.

— זאָג מיר, איזאַבעלאַ, וואָס קאָן איך טאָן פאַר דיר?

— איך האָב אַלץ, איך דאַרף גאָרנישט... איך וויל נאָר דו זאָלסט מיך אַ מאָל דערמאָנען, און זאָג נישט קיינעם אַז דו ביסט נישט מיין קינד...

ביידע האָבן זיך אַרומגענומען און שטיל געוויינט. קומענדיק צוריק אין איזאַבעלאַס הויז האָט סימאָן זי געפרעגט, פאַר וואָס דער טאַטע האָט אים קיין מאָל נישט געענטפערט אויף זיינע בריוו.

— ער האָט דיינע בריוו קיין מאָל נישט דערהאַלטן...

איזאַבעלאַ האָט געעפנט איר הילצערנעם קופערט, אַן אַרומגעשמידטער מיט אייזן, און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ תּפֿילין־זעקעלע. זי האָט דאָס געהאַלטן אין אירע הענט ווי אַ הייליקע זאַך און אירע ליפּן האָבן זיך דערביי באַוועגט ווי זי וואָלט זאָגן אַ תּפֿילה. זי האָט געעפנט דאָס זעקעלע און אַרויסגענומען פיר פּאַרמאַכטע, קיין מאָל נישט געעפנטע בריוו. סימאָן האָט גלייך דערקענט זיינע בריוו.

— פאַר וואָס האָסטו דאָס געטאָן?

— איך האָב מורא געהאַט אַז דו וועסט אים ביי מיר צונעמען...

ניו־יאָרקער נעכט

געפּלאַצט אַ רער

אַ וואַסעררער האָט געפּלאַצט און פאַרגאָסן די ברייטע עוועניו צווישן דער 33טער און 35טער גאַסן. דער פּאַרקער אויף דער 34טער גאַס הערט נישט אויף. די רעדער פון די אויטאָבוסן און פון די אויטאָס וואַשן זיך אין דעם ריינעם וואַסער און טראָגן זיך ווייטער, וווהין זיי דאַרפן. די שטאָט קען נישט פאַרטראָגן קיין שטערונגען, זי טראָגט זיך אויף מיליאָנען רעדער און ברענגט יעדן בירגער פון דער גרויסער שטאָט צו זיין היים.

דער פּאַרקער איבער דער 34טער גאַס הערט נישט אויף. דער שטאָטישער דעפּאַרטמענט פון עפנטלעכע אַרבעטן האָט באַלד אַראָפּגענומען מענטשן פון אַנדערע אַרבעטן און זיי געבראַכט אַהער צו פאַרריכטן די רער. מען וואַרט עס זאָל ווערן נאַכט — מען זאָל קענען אָפּווענדן דעם פּאַרקער צו דער 32טער גאַס און זיך שטעלן אַרבעטן אומגעשטערט.

טרירי... טרירי... טראַך... — בויערט די גראָבמאַשין די פּאַר־האַרטעוועטע ערד פון דער דריטער עוועניו. דער שטאָלענער רידל שיט די אויסגעגראָבענע מיט צעמענט געמישטע ערד אויף אַ באַרג. ביים זייט פון גראָבן, באַלייכטן צענדליקער לאָמפּן דעם פּלאַץ, וואָס איז אַרומ־געשטעלט מיט געלע וואָרענונגען־געשטעלטן מיט פינקלענדיקע עלעקטרישע פייערלעך וואָס סיגנאַליזירן געפאַר — מע דאַרף אַריבערפאָרן אויף אַ זייטיקער גאַס.

דער מאַנאָטאָנער פייף פון אַן אַמבולאַנס, וואָס פירט אַ לעבן אין געפאַר, דערנענטערט זיך צו די באַלויכטענע צאָמען, צו דער פאַרגאָסענער גאַס, פאַרדרייט זיך אויף לינקס. די שווישטשערייַ דערווייטערט זיך טיפער אין דער נאַכט.

אַ שוואַרצער גלאַנציקער הונט לויפט איבערן באַלויכטענעם טראָטואַר און זוכט, שמעקט, ער האָט פאַרלוירן זיין בעל־הבית. ער קען נישט גלויבן, אַז זיין פריינד פון אַזוי פיל יאָרן, וואָס האָט אים געבראַכט אין

זיין אויטאָמאָביל ביזן אַריינפאָר אין אַ שמאָלן געסל, זאָל אים, זיין טרייען פריינד, האָבן איבערגעלאָזן אויף הפקר און אַוועקפאָרן. נייע צייטן, נייע געזעצן — דער בעל־הבית דאַרף אויפנעמען פון גאָס דעם הונטס מיסט, און נישט אַלע ווילן דאָס טאָן. לאָזט אַ מענטש זיין בעסטן פריינד אויף הפקר.

עס הערט זיך אַ געוויין פון אַ קליין הינטל. עמעצער איז אים אַרויף אויפן פיסל. דאָס געוויין מישט זיך אויס מיטן געוויין פון אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט געלאָזן אין בעטעלע און איז אַוועק אַליין אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל. דאָס קינדערשע געוויין הילכט אָפּ מיט געבעט אין דער ניר־יאָרקער נאַכט. עס הערט זיך בלויז איין וואָרט: „מאַמע! מאַמע!...״.

צוגעטוליעט מיט דער פּלייצע צו אַ בוים אין גאָס זיצט אַ מענטש. ער וויל נישט אַז דער פּאָליציאַנט זאָל אים באַמערקן — ער וועט אים אַוועקטרייבן. וווּהין זאָל ער גיין? אויף די בענק אין נאָענטן פּאַרק לאָזט מען נישט זיצן, אויף דער ערד איז פייכט. זיצט ער צוגעטוליעט צום בוים ווי אַן אָפּגעדאַרטע צווייג. דער הונט דערנענטערט זיך און קוקט אים אָן: ניין, דאָס איז נישט זיין פריינד, ער זעט אויס גאָר ווי אַ הונט — אַנגעטאָן אין אַ צעריסן העמד און הויזן... און ער לויפט זוכן זיין פאַרלאָרענעם פריינד...

דער עלעקטרישער גראָבאייזן שניידט דעם האַרטן צעמענט, דעם שטיין און בעטאָן און לאַכט אויפן קול: „פאַר מיר איז קיין זאַך נישט צו שווער!״.

אַ שטאָלענע זעג שניידט אַ דיקע רער. קלאַגט זיך די רער, קרעכצט... עס שפּריצן פונקען, און אָט טראָגט די הייבמאַשין אַ נייע רער און לאָזט זי אַראָפּ אין גראָבן. באַלד וועט מען פאַרשיטן דעם גראָבן, פאַרדעקן דעם צעמענט מיט ווייכן אַספאַלט, און די רעדער וועלן זיך פון דאָס ניי קייקלען איבער דער ברייטער עווענין פון דער גרויסער שטאָט.

✶

אויפן ווינקל גאַס צעשטערן בולדאָזערס עטלעכע אַלטע הייזער. גרויסע מאַשינען שיטן דעם ברוכוואַרג אין לאַסטאויטאָס. מען גרייט אַ פונדאַמענט

פאַר אַ גרויסן בנין — די אונטערשטע שטאָקן פאַר געשעפטן, די אויבערשטע — פאַר ביוראָס. נאָר דעם קלויסטער אויפן ווינקל רירט מען נישט אָן. דאָס וועט בלייבן אַריינגעוואַקסן אין דער אַרכיטעקטאָנישער געביידע. ווייזט אויס אַז די רעליגיעזע געבעט־הייזער וועלן אַזוי גיך נישט אָפּטרעטן זייער פּלאַץ פאַר נייע גרויסע בנינים.

אין אַ פאַרוואָרפן געסל פירן צוויי אַלטיטשקע אַ שמועס:

— איך וואָלט נישט געוואָלט דיך לאָזן אַליין, ביסט אַזוי אומבאַהאָלפן.

— איך וועל שטאַרבן פריער...

— און דו וועסט מיך לאָזן אַליין? זיבעציק יאָר ווי מיר זיינען צוזאַמען, וואָס וועל איך טאָן אַליין? ווער וועט מיר אָפּקאָכן אַ ביסל עסן?

פאַר וואָס ווילסטו נישט מיר לאָזן אַריינגיין אין דער „היים"?

— דאָרטן וועלן די קינדער נישט קומען. דאָ זענען מיר נאָך אַלץ „בראָדסקי און פרוי".

דאָס פאַרפאַלק טראַכט וועגן זייער סוף. די שרעק איז פאַרן בלייבן אַליין.

— ווען מיר קענען ביידע אַוועקגיין... צוזאַמען...

— אפשר. דאָס איז אַ מזל־זאַך, אפשר וועט זיין באַשערט...

ביידע האָבן זיך פאַרטראַכט אויף זייערע בשותּפותדיקע זיבעציק יאָר, אויף זייער בשותּפותדיקן גורל.

— פאַר וואָס שלאָפסטו נישט? — האָט שיינדל געפרעגט.

— איך פרעג זיך דאָס אויך, ווער ווייס פאַר וואָס. איך געדענק, אַז איך האָב געקענט אָפּשלאָפן צען שעה אָן אַן איבעררייס, און זיך אויפכאַפּן אַ ניי־געבוירענער. היינט שלאָף איך אַ פאָר שעה און הייב זיך אויף אַ פאַרטראָגענער.

— פאַר וואָס קען מען נישט שלאָפן אויף דער עלטער?

— ווייל עס דערנענטערט זיך דער לאַנגער שלאָף...

— דאָס איז דער וועג, און פרעג נישט קיין קשיות... — האָט שיינדל געמורמלט.

— פאַר וואָס שווימען אויף די געדאַנקען ביי נאַכט?

— ווייל דאָרטן איז אויך פינצטער.
ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.
— דאָס איז דער סוד פון לעבן.
— ניין, שיינדל, דו מאַכסט אַ טעות. דאָס לעבן איז נישט קיין סוד. דאָס לעבן איז אַן אויפגעדעקטע קאָרט. דאָס לעבן איז קלאָר ווי דער טאָג. מיר פּרווון דאָס לעבן פאַרדעקן, פאַרוואַנדלען אין אַ סוד. דאָס לעבן האָט אַן אָנהייב — אַ באַרג אַרויף און אַ באַרג אַראָפּ — ביז צום סוף. אַ טייל מענטשן לויפן דורך דאָס לעבן גיכער, אַ טייל — לאַנגזאַמער. דאָס ערגסטע איז בלייבן אַליין.

די תפיסה

אַ פינצטערע שטילקייט איז אויסגעגאָסן איבער די אַלטע, טונקל־גרויע טורמע־מויערן אויף סענטער־סטריט. די פאַרקראַטעטע פענצטער קוקן אַרויס צום אָפענעם הימל איבער דעם קליינעם פאַרק אַנטקעגן. זיצן די מענטשן אויף זייערע האַרטע נאַרעס, אַנדערע אויף דער ערד, און טראַכטן וועגן דער פריי. אַ טייל זענען פול מיט נקמה־געפילן — צו די קעגן וועמען זיי זענען באַגאַנגען די פאַרברעכנס, קעגן אַדוואָקאַט, קעגן געזעץ, די מערסטע האָבן נישט געגלויבט אַז דער הייס־בלוטיקער מאָמענט וועט דערגיין אַזוי ווייט. זיי האָבן זיך אַזוי אָנגעצונדן, ביזן פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך. אַנדערע בענקען נאָך זייערע היימען, נאָך זייערע פרויען און קינדער. אַנדערע ווידער האָבן נישט נאָך וועמען צו בענקען. אַ טייל האָבן חרטה אויף זייערע פאַרברעכנס און קענען זיך נישט מוחל זיין פאַר וואָס זיי האָבן פאַרשפּילט אין איין טרויעריקער מינוט זייערע לעבנס.

ביי די, וואָס לעבן אין תפיסה, גייט אויס דאָס האַרץ נאָך דער פריי, נאָך אַ טאָג פון יענער זייט די דיקע ווענט, אַן פאַרשלאָסענע טירן. נאָר ווען זיי גייען אַרויס אויף דער פריי, באַגייען די מענטשן אויף דאָס ניי די זעלבע אָדער ענלעכע פאַרברעכנס. זיי קענען זיך נישט צופּאַסן צום לעבן אויף דער פריי, צו אַרבעט און דיסציפּלין.

דזשימי איז אַ יונגער מענטש. ער איז פֿאַרמשפּט פֿאַר אַ מאָרד. ער האָט דערהרגעט זיין ווייבס געליבטן. דערווייל זיצט ער דאָ. שפּעטער וועט מען אים אַריבערפירן אין אַ מער באַוואַכטער טורמע. כאָטש ער איז אַ זייער פרידלעכער מענטש. ער זיצט אויפן דיל מיט פֿאַרלייגטע הענט אַרום די קני, קוקט אַרויס צום פֿאַרוואָלקנטן הימל און טראַכט: „פֿאַר די זעלבע זינד, וואָס איך בין באַגאַנגען, וואָלט מען דאָך מיך אויך געדאַרפט דערמאָרדן... נאָר דער חשד, אַז מיין ווייב טראָגט נישט מיין קינד, האָט מיך געשטויסן צום פֿאַרברעכן. איצט פֿאַרשטיי איך, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט. שוין פֿאַרפֿאַלן, קיין חרטה וועט שוין איצט נישט העלפן. וועט אַ מאָל קומען אַ צייט ווען דער מענטש וועט נישט באַגיין קיין פֿאַרברעכנס?" — טראַכט דזשימי.

דער נביא ישעיה האָט נבואה געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען דער וואָלף און דאָס שעפּסעלע וועלן וווינען צוזאַמען, און דאָס קען אויך נישט זיין. נאָר קיין נביא האָט נישט פֿאָרויסגעזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען דער מענטש וועט נישט באַגיין קיין פֿאַרברעכנס. דער מענטש וועט אַלע מאָל גלוסטן זיין פריינדס ווייב; דער מענטש וועט שטענדיק באַגיין פֿאַרברעכנס צוליב אייפערזוכט, צוליב קנאה. עס וועלן קיין מאָל נישט אויפהערן פֿאָליטישע פֿאַרברעכנס און מאָרדן — דורך מענטשן מיט פֿאַרקריפּלטע כאַראַקטערן, פֿאַר נויט אָדער פֿאַר ווילטאָג, אונטערן איינפלוס פון דראָגס אָדער משוגעת.

דאָס בלאָנדע מיידל

ביי דער דיקער פֿאַרמאַכטער טיר, ביים אַריינגאַנג צו די עלעוויטאָרס פון בנין, שטייט אַ בלאָנד מיידל. ווייזט אויס, אַז די פּאָליציי האָט זי נישט באַמערקט. זי רופט נישט און מאַכט נישט קיין סימנים פון אַ גאַסנפרוי. אַ שכן פון דער געביידע, וואָס איז געקומען אַהיים און שליסט אויף די טיר, פרעגט זי:

— וואַרטסט אויף עמעצן?

זי גיט אַ שמייכל און ענטפערט זייער ערנסט:

— אפשר... דו וווינסט אין דעם בילדינג? אַליין?

— יע, אַליין...

— קען איך מיט דיר מיטגיין?

וויליאַם, אַ הויכער יונגערמאַן, מיט אַ באַוואַקסן פּנים, וואָס קוקט אויס ווי אַ ראַם אַרום אַ געמאָלן בילד, קוקט זי אָן און שווייגט. ער איז איבערראַשט פון איר נישט דערוואַרטער פראַגע, און נאָך מער איז ער איבערראַשט פון איר שיינקייט.

— דו ווייסט נישט, ביסט נישט זיכער... אַ פרעמד מיידל...

אירע רייד האָבן וויליאַמען באַרויִקט. זי רעדט געלאַסן, מיט זיכערקייט, און קוקט אים אָן מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן. ביי דער עלעקטרישער ליכט זעט מען נישט זייער קאָליר.

— קום, קום, וועסט מיר דערציילן וואָס דו טוסט דאָ, אויף דער גאַס, שפּעט ביי נאַכט. פאַר וואָס ביסטו געקומען אַהער?

ער נעמט דעם עלעוויטאָר, לאָזט זי אַריינגיין פריער, און קוקט אויף דער וואַליזקע וואָס זי טראָגט. זיי פאָרן אַרויף אויפן ניינטן שטאָק. ער טוט אויס דעם רעקל. זי שטייט ביים טיר.

— פאַר וואָס שטייסטו ביים טיר?

— איך האָב דערקענט דאָס צימער, דערקענט! דאָס איז דאָס צימער... אַזוי ווי יענער ווו איך האָב אָפּגעלעבט יאָרן מיט דער ביכער־שאַפע, מיט דעם שרייבטיש. זיבן יאָר האָב איך זיי אַלע טאָג געפּוצט... זי שטיקט זיך מיט די רייד.

— רייד צו מיר, דערצייל!

— זיבן יאָר האָב איך געאַרבעט אין אָפיס פון אַ לופטלינין. דאָרט האָב איך אים געטראָפן. איך האָב געאַרבעט און ער האָט געלערנט. ער גראַדויִרט הייאָר דאָקטער מעדיצין. ער איז אַ פּעיִקער, און איך בין אַן אָפיס־מיידל. ווען איך האָב פאַר אים איבערגעחזרט, וואָס איך האָב שוין אַזוי פיל מאָל געזאָגט, אַז ווען ער וועט גראַדויִרן וועלן מיר חתונה האָבן, איז ער אַ ווילע געבליבן שטום און צוגעגעבן: „איך ווייס נישט...".

די ווערטער האָבן מיך דורכגעשטאָכן ווי דער שאַרף פון אַ מעסער...

„ווי קען דאָס זיין ?...״ — האָב איך געטראַכט. ווי איז דאָס מעגלעך ? פאַר די זיבן יאָר האָב איך אַוועקגעגעבן מיין לעבן פאַר אים !... אַזאַ טעות... „איך ווייס נישט...״ ווען ער איז אויף מאָרגן אַוועקגעגאַנגען אין אוניווערסיטעט, האָב איך אויפגענומען מיינע זאַכן און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער שטאָט, אַהיים... נאָר אויפן וועג האָב איך פאַרלאָרן דעם מוט צו גיין אַהיים... עס איז מער נישט מיין היים. האָב איך זיך געשטעלט אין טיר פון דעם אַריינגאַנג, זיך באַטראַכטן, זיך אָנגענומען מיט מוט... ביסטו אָנגעקומען, דו ביסט דער ערשטער.

— דערציייל מיר, רייד...

— מיין טאַטע איז אַ דאָקטער, אַ פּראָפעסאָר, אפשר דיין פּראָפעסאָר...

וויליאַם האָט אַ דערשטוינטער זי אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט נישט גלויבן. לין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, איר פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט טרויער.

— איך שווער ביי מיין מאַמעס לעבן, און איך האָב זי ליבער ווי מיין אייגן לעבן, איך וואָלט זיך מקריב געווען פאַר מיין מאַמען ! נו זע, וואָס איך האָב איר געטאָן ? זי האָט מיר געזאָגט : „גיי נישט אַוועק פון דיין היים, פאַרלאָז נישט דיין היים !״ — טאָ ווי קען איך איצט זיך אומקערן ?

וויליאַם איז געזעסן אַ פאַרגליווערטער אויפן ברייטן, באַצויגענעם מיט ברוינעם סאַמעט שטול. ער האָט געגלויבט אירע רייד.

— איך וועל דיך נעמען אַהיים.

לין האָט אים אַן איבעראַשטע אָנגעקוקט.

— איך וועל גיין מיט דיר, צו דיין מאַמען. וועסט מאָרגן אָפּרופן דיין מאַמען און איר זאָגן, אַז דיין חתן וויל זיך קומען באַקענען מיט דיין פאַמיליע.

לין האָט אים אָנגעקוקט, נישט געגלויבט... — אָפּנאַרן מיין מאַמען ?

— ניין, נישט אָפּנאַרן.

לין איז נאָך אַלץ געזעסן אויף די קני.

— ווילסט איצט רופן דיין מאַמען ? רוף ! עס ווערט שפּעט.

— זי וועט מיך פרעגן ווו איך בין, זי וועט מיך קומען אָפּנעמען...
— זאָג איר, אַז איך וועל דיך אַהיים פירן.

טשיינאַטאַון

איך קוק אויף אייך, אַלטע גראָע בנינים, און עס שווימען אויף פאַר מיינע אויגן די מענטשן, וואָס האָבן אין יענע ווייטע יאָרן אייך געבויט, די גראָבע פאַרהאַרטעוועטע הענט, וואָס האָבן געלייגט די ציגל, געמישט דעם צעמענט. עס איז שוין פון יענע מענטשן, פון יענע הענט קיין זכר נישטאָ.

איך זע אין מיין דמיון די וועגענער געשפּאַנט צו פערד, וואָס האָבן די ציגל, דאָס זאַמד, די שטיינער געבראַכט. איך זע די מענטשן, דאָס לעבן פון יענער צייט. איך הער דעם קלאַנג פון די געמישטע לשונות אויף די הילצערנע רושטאָוואַניעס — איטאַליעניש, שפּאַניש, גריכיש, פויליש — די צייט האָט זיי שוין אַלע פאַרטראָגן. די הענט, וואָס באַקן זיך זומער אויף דער זון און ווינטער אין פראָסט, זעען נאָך האַרט און דינען די נייע מענטשן זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער היץ און פון דער קעלט. די נייע געמויערטע אַרכיטעקטאָנישע קאַסטנס פון גלאָז אויף די פערציקער גאַסן גרייכן די הימלען. ווען דער מענטש האָט געבויט די בנינים אויף קאַנאַל־סטריט, אויף מעלבורן־און גראַנד־סטריט, איז דאָס געווען דאָס שענסטע, וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק האָט געקענט אויסחלומען. עס איז נישט ווייט די צייט ווען די אַלטע הענט וועלן אָפּטרעטן זייער פּלאַץ פאַר נייע גלעזערנע בנינים, וואָס וועלן זיך אַריינשניידן מיט זייער גיגאַנטישער גרויסקייט ביז צו די הימלען. איך קוק אויף די הענט און לייען וואָס דער מענטש האָט מיט זיין דמיון, מיט זיין ווילן, מיט זיין בלוט און פלייש באַוויזן. ווי דער מענטש האָט זיך געהויבן טרעפּ נאָך טרעפּ ביז צו זיין וווּנדערבאַרן היינט.

ווען די הענט זאָלןריידן, ווען די הענט זאָלן דערציילן ווער עס האָט זייערע ציגל געלייגט, ווען די פענצטער־ראַמען זאָלן דערציילן ווער

עס האָט זייער האַלץ געשניטן, פון וואַנען מען האָט דאָס האָלץ געבראַכט, ווער עס האָט די קלעצער מיט לאַנגע זעגן, שטייענדיק אויף משקולות, זיי געזעגן, ווער עס האָט די שויבן אַריינגעשטעלט, ווער עס האָט די זאַוויעסעס און שלעסער אַריינגעשרויפט — וואָלטן זיי גאַנצע פנקסים אָנגעשריבן און אונדז פון מענטשלעכע לעבנס דערציילט. זיי ריידן — מיר דאַרפן זיך נאָר צו זייערע שטומע רייד צוהערן. נישט געווען אין יענער צייט קיין הייבמאַשינען, נישט קיין עלעקטרישע צעמענט־מישערס, וואָס קומען צו פאָרן אויף אַכצן גומענע רעדער. דער מענטש האָט אַלץ געשלעפּט אויף זיינע פּלייצעס, אויף זיינע הענט. פינף שטאָק איז געווען אַ הויכער בנין וואָס דערגרייכט די הימלען.

★

אויפן ווינקל פון מעלבורן־און קאַנאַל־סטריט, אין אַלטן מויער מיטן אָראָפּגעפאַלענעם גזימס, פון אַ באַלויכטענעם פענצטער פאַרצויגן מיט אַ פאָרהאַנג, הערט זיך אַ שטיל שאָרכען, ווי אַ ווינט וואָלט צווישן ביימער בלאָזן, ווי מענטשן וואָלטן זיך שושקען. אַ גרופּע כינעזער שפּילן אין קאָרטן; מען שטעלט איין גרויסע געלטער. פון צייט צו צייט רייסט זיך דורך אַ בייזער ברום, ווי איינער וואָלט אויסדריקן זיין צאָרן, זיין פאַרדראָס.

איינער, וואָס האָט פאַרשפּילט, שטייט אויף מיט כעס און גייט צו די הילצערנע טרעפּ. מען הערט דעם קלאַפּ פון דער אַלטער שווערער טיר ער שאַרט זיך צו די האַלב־פינצטערע טרעפּ, נאָר פונקט ווען ער עפנט די אונטערשטע טיר צום גאַס, שטעלט זיך אָפּ אַ פּאָליציי־מאַשין ביים טראָטואַר:

— היי! — שרייט אַרויס אַ שטאַרקע שטים פון דער מאַשין, — פון וואַנען גייסטו?

— מיין פרענד, פרענד, — ער וויל אַוועקגיין, נאָר דער אָפיציר האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— דיין נאָמען?

— װאָלטער טשאַן, — ער נעמט אַרויס אַ קאַרד און דערלאַנגט דעם פּאָליציאַנט.

דער כינעזער איז אַן אײגנטימער פון אַ פּערפום־געשעפט אויף דער 5טער עװעניו. ער װױנט אין אַ רײַכער געגנט פון ניו־יאָרק. עס האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך לאַנדסלײַט מיט װעמען ער קען רײדן זײַן לשון און שפּילן אין אַ כינעזיש קאָרטן־שפּיל. עס פעלט אים אײן, אַז די פּאָליציײלײט װעלן אַרויפגײן און אַרעסטירן זײַנע מיטשפּילער, פאַרגעסט ער זײַן כּעס, װאָס ער איז אַװעק אַ פאַרשפּילטער, און ער װיל זײ אָנזאָגן, ער טראַכט װי אַזוי. ער גיט אַ שטאַרקן געשרײ:

— מען טאָר שוין נישט באַזוכן קײן פרײַנד?!

עמעצער פון אויבן שאַרט אָפּ פאַרזיכטיק דעם פאָרהאַנג און קוקט אַראָפּ צו דער גאַס. מען לעשט אויס די ליכט, די מענטשן צעשיטן זיך איבער די צימערן פון דער געבײַדע אויף מעלבורן־און קאַנאַל־סטריט.

דער פּאָליציאַנט אַנטשולדיקט זיך פאַרן כינעזישן קרעמער פון דער פינפטער עװעניו. דער כינעזער גײט אַרײַן אין זײַן קאַדילאַק און פאָרט אַװעק. די פּאָליצײ־מאַשין פאָרט אויך אַװעק.

אויפן אַנטקעגנדיקן װינקל פון דער שמאָלער גאַס, אין האַלב־טונקעלן כינעזישן רעסטאָראַן זענען, נישט געקוקט אויף דער שפּעטער שעה, פאַראַן אַ סך געסט. דאָ קומען מענטשן פון אַלע עקן לאַנד זיך באַקענען מיט דער באַרימטער „טשײַנאַטאַון" — אַרטיסטן, שרײַבער און מלוכה־מענטשן.

װי שאָטנס שאַרן זיך די קלײנע געלע מענטשן בײַ די װענט פון די אַלטע מויערן אויף די שמאָלע גאַסן. דאָס קומען זײ איצט, שפּעט בײַ נאַכט, די אײַנװױנער פון טשײַנאַטאַון פון אַלע װינקלען פון דער שטאָט, װוּ זײ אַרבעטן אין רעסטאָראַנען, װעשערײען און בײַ אַנדערע שװערע מלאכות. אַנדערע גײען איצט צו דער אַרבעט אויף מאַרקעטס פון פיש און גרינסן.

אַ שטיק לעבן פון אַ פאָלק איז אײַנגעמויערט צװישן די גראָע װענט: אַ לעבן װאָס דערמאָנט אַן ריקשעס, אַן גרויסע אָפּיום־פײַקעס, אַן אַ

מעלאַנכאָליש לעבן פון אַ פאָלק, וואָס אויב דו רירסט אים נישט אָן — וועט ער דיך נישט אָנרירן.

אַ פּאָר קוואַרטאַלן העכער ליגט די באַקאַנטע באַוערי, וואָס פירט צו דער מאַנהעטן־בריק, צו ברוקלין. בעטאָנענע זיילן האַלטן די בריק אויף זייערע רוקנס. עס שווימט אויף אין מיין זכרון אַ ליד, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט פאַרענדיקט:

דורך וועלכן פון אייך בין איך געקומען?
בריקן פון צעשניטענעם אינדזל מאַנהעטען,
דורך די שטאָלענע שטאַנגען וואָס שטומען?
דורך שטראַלן, רעגן און שניי
וואָס אייער גבורה גלעטן?
וויפל איז דיין וואָג, מאַנהעטען־בריק?
וויפל טאָן שטאָל און בעטאָן איז אין דיר פאַרקנאָטן?

זאָלסט קיין מאָל מענטשלעך לעבן נישט פאַרראַטן, נישט דאָס געפלאָכטענע שטאָל, נישט די שטאַנגען האַלטן די שווערע משא איבערן איסט ריווער, דעם מענטשנס זשעני האָט דיין משא אויפגעהאַנגען און האַלט דיך אין דער לופטן געפאַנגען.

פּערסישע טעפּעכער

וויקי ראַמטשאַנדאַני האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער, אָנגעטאָן דעם אינדישן זיידענעם שלאָפראָק, צוגעגאַנגען צום שפּיגל אויפן קאָמאָד, פונאַנדערגעעפנט זיינע באַברעמטע שוואַרצע אויגן און גערעדט צו זיך: „דו ביסט וויקי ראַמטשאַנדאַני, געבוירן אין אַ דאָרף נישט ווייט פון קאַלקוטאַ? איך קען דאָס נישט גלויבן”. ער האָט זיך צוגעשאַרט צום גרויסן פענצטער, אָפּגעשאַרט די גאַרדינען און ווייטער גערעדט צו זיך: „ווען וועט שוין אויפהערן דאָס זשומען פון די רעדער אויף דער עווניו? דאָס אָטעמען פון די אויטאָמאָבילן? מען קען דאָך נישט אָפּרוען די נערוון, אַז נאָר עס רוישט און הילכט”.

וויקי וווינט אויפן צווייטן שטאָק. ער האָט נישט ליב העכער, עס פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ ווען ער קוקט אַרויס צו דער גאַס פון אַ העכערן שטאָק. דאָ, אויפן צווייטן שטאָק, הערט מען דעם רויש פון דער גאַס נאָך שטאַרקער ווי אונטן אויף דער גאַס.

וויקי, — אין ניו־יאָרק רופט מען אים וויקטאָרי, און זעלטן ווען עמעצער רופט אים ביי זיין פאַמיליע־נאָמען ראַמטשאַנדאַני. ער לעבט אין ניו־יאָרק שוין איבער 35 יאָר. ער איז אַנגעקומען אַהער גלייך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי. נאָך דער מלחמה האָט ער געלעבט אַ פּאָר יאָר אין לאָנדאָן. דאָרט איז שווער געווען צו פאַרדינען זיין ברויט. ער האָט געאַרבעט אין אַ רעסטאָראַן און שפּעטער אין אַ באַנק. ווי נאָר ער האָט צונויפגעזאַמלט אַ פּאָר הונדערט דאָלער, איז אים איינגעפאַלן צו פאָרן קיין אַמעריקע. איז ער אַוועק צום אַמעריקאַנער קאָנסול בעטן אַ וויזע און מען האָט אים גלייך אָפּגעשטעמפּלט זיין פּאַס. היינט אימפּאָרטירט ער אָריענטאַלישע טעפּיכער. ער קויפט די טעפּיכער אין פּאַקיסטאַן. ער האָט שוין אַ סך מאָל באַזוכט יענעם לאַנד און ווייס ווו צו קויפן די האַנט־געשטריקטע טעפּיכער. יעדעס מאָל וואָס ער פאָרט אויף זיינע געשעפטן־רייזעס, באַזוכט ער זיין היימשטעטל. אַזוי ווי א כישוף ציט אים צום געבוירן־אָרט. זיין טאַטע־מאַמע זענען שוין לאַנג נישטאָ, אָבער פאַר אים זענען זיי דאָ. ער גייט באַזוכן זייערע קברים.

די שטוב ווו זיי האָבן געוווינט האָט אָפּגעברענט, נאָר דאָס שטעטל איז נאָך אַלץ ווי געווען — אָרעם און אָפּגעלאָזן. קיינער קען אים דאָ נישט, אַלץ נייע מענטשן, אָבער ער דערקענט זיי — אין זייערע שטריכן פון די פּנימער, אין זייערע באַוועגונגען וואָס זיי האָבן געירשנט פון זייערע פאָרגייער.

ראַמטשאַנדאַני לייגט זיך צוריק אויף זיין געלעגער. ער מאַכט צו די אויגן און חלומט וועגן דאָרף נישט ווייט פון קאַלקוטאַ ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן. ער זעט אין זיין דמיון די ליימענע הייזקע ווו ער איז געבוירן געוואָרן, ווו ער האָט אָפּגעלעבט זיינע קינדער־און יוגנט־יאָרן. ער כאַפּט זיך אויף און וויל בייטן זיינע מחשבות, אָבער וואַכעדיק טראַכט ער ווייטער; ווי פון דער העלער הויט וואַקסט אויס

פאַר זיינע אויגן די ליימענע כאַטע ביי דער זייט פון דעם בנין, אין וועלכן ער האָט זיין גרויסע קראָם פון פערסישע טעפּיכער. ווי ער וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן פון זיך אַליין, לויפט אים דורך אַ געדאַנק: ווער האָט געחלומט צו זיין דער אייגנטימער פון דעם בנין? ווי אַזוי איז ער געוואָרן אַ בירגער פון דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק? אַן אימפּאָרטירער פון אָריענטאַלע טעפּיכער, וואָס פאַרקויפן זיך אין זיין גרויסן געשעפט אויף דער וועלט־באַרימטער פיפט־עוועניו, נאָענט צו דער צוויי און פערציקסטער גאַס?

עס שווימט אויף אין זיין געדאַנק די מאַמע, וואָס האָט אים געזויגן ווען ער איז שוין געווען אַ גרויס יינגל. ער טראַכט וועגן זיין טאַטן, וואָס האָט געאַקערט מיט אַ קליינעם אַלטן אַקער־אייזן, געשלעפּט פון אַ גרויסן קעמל. ער טראַכט וועגן זיין אַלטן לערער, וואָס האָט שטענדיק געלויבט זיינע פעיִקייטן אין מאַטעמאַטיק. ער איז געווען געדעכט, דער לערער, אין משך פון די יאָרן האָט ער זיך אַליין איבערגעצייגט אין זיינע פעיִקייטן. ער דערמאָנט זיך אָן דער שוואַרץ־חנעוודיקער מיידל, וואָס ער האָט ליב געהאַט, אַ טאָכטער פון זייערער אַ שכנה. זי איז איין מאָל אַריינגעקומען צו זיי אין שטוב, דערזען אַז קיינער איז ניטאָ, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט מיט אירע שטאַרקע הענט, ווילד געקושט און שטיל געזאָגט: „דו וועסט מיך שטענדיק געדענקען...” זי האָט אים אומגעוואָרפן אויף דער האַרטער ליימענער פּאָדלאָגע און אויפגעדעקט פאַר אים דעם סוד פון ליבע. ער האָט דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן... נאָר פאַר וואָס האָט ער אָן איר פאַרגעסן און חתונה געהאַט מיט אַ בלאָנדער „אייריש‍קע”? ער ווייסט נישט פאַר וואָס. ער ווייסט נאָר אַז דאָס לעבן אַליין פאַרפירט אַ מענטשן. ער טראַכט וועגן זייער איינציקן זון, וואָס לעבט איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס און איז אַן אינזשעניר אין אַ פאַבריק פון עראָפּלאַנען. ער דערפילט ווי ער וואָלט שוועבן אין די הימלען איבערן לאַנגן וועג צווישן אַ דאָרף לעבן קאַלקוטאַ און ניו־יאָרק, ביז לאָס־אַנדזשעלעס. ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען? ער קוקט אויף די מיט געבלומטע טאָפּעטן געקלעפּטע ווענט פון גרויסן שלאָפצימער און טראַכט, ווי אַזוי האָט ער דורכגעבראַכן די אַלע ווענט וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג פון אינדישן דאָרף ביז אַהער.

וויקי רויכערט נישט און טרינקט נישט, ער האָט אָבער ליב צו שפּילן אין דער לאָטעריי, ער האָט ליב אויסצופּרובירן זיין מזל. אין דער לאָטעריי האָט זיך אָנגעהויבן זיין באַרג־אַרויף פון אַ פּעדלער צו אַן אימפּאָרטירער פון טעפּיכער. ‚מען דאַרף שפּילן מיט אַ חשבון, האָסטו געוווּנען — גיי אָוועק, וואַרט נישט ביז דו ווערסט פאַרשפּילן...' טראַכט ער צו זיך.

עס פאַרמאַכן זיך אים די אויגן און ער דרימלט איין, נאָר ער איז איבער אַ נייס אין אינדישן דאָרף, נישט ווייט פון קאַלקוטאַ, און פאַרגעסט אַז עס איז איצט נאַכט אין דער גרויסער וועלטשטאָט ניו־יאָרק.

רחמיאל

דזשעראָם ציילט דאָס געלט פון דער קאָסע. ער האָט ליב צו מאַכן די קאָסע אַליין. ער האָט נישט ליב אַז עמעצער זאָל דאָס טאָן, ווייל געלט קלעפּט זיך צו די פינגער. ווען ער איז געווען קראַנק און נישט געקענט קומען צו דער אַרבעט, האָט זיסל, זיין ווייב, געמאַכט די קאָסע. נאָר היינט פּלאָנטערן זיך אים אין קאָפּ אַנדערע מחשבות. ער וויל זיי פאַרטרייבן, אָבער זיי לאָזן זיך נישט.

עס איז שפּעט ביי נאַכט. די טעאַטערס אויף דער פיר־און־פערציקסטער גאַס זענען שוין פאַרמאַכט, די געסט פאַרלאָזן די קאַפעטעריע. דזשעראָם לייגט אַריין די פּאַפּירענע באַנקנאָטן אין אַ זעקעלע וואָס האָט אַן אויפשריפט פון באַנק. דאָס קליינגעלט וואַרפט ער אַריין צוריק אין קאָסע.

— איסמאַעל! מאַך מיר אַ טעפּעלע קאַווע, — זאָגט דזשעראָם.

איסמאַעל, דער פּאַרטאָריקאַנער וואָס אַרבעט ביי אים אַ סך יאָרן, איז זיין פאַרטרויונג־מענטש. ער באַגלייט אַלע נאַכט דזשעראָמען צום באַנקפענצטערל, וווהין ער וואַרפט אַריין דאָס זעקעלע מיטן געלט.

די עלעקטרישע לאָמפּן באַלויכטן די גאַסן. מענטשן גייען אַהין און צוריק. עס לויפן טאַקסיס, אויטאָמאָבילן. אויפן ווינקל פון דער צוויי־און־פערציקסטער גאַס און זיבעטער עוועניו קושט זיך אַ פּאָרל. זי דריקט זיך

צו אים נענטער. עס גייט פאַרביי אַ שיכורער מאַן, שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיי אָן און רעדט אויפן קול:

— גוט. גוט! ווען איך האָב אַ מיידל, וואָלט איך זי געקושט נאָך שטאַרקער. עס דערהערט זיך דאָס קלאַפּן פון אַ פּאָליצײ־שטעקן. דאָס פּאָרל גייט אַוועק צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, דער שיכור רעדט נישט מער און טראָגט זיך אָפּ. עס הערט זיך דער שאַרפער שאָרך פון אַן אייזערנער קראַטנטיר וואָס אַ מאַן שלעפּט אַראָפּ פון אַ פּיצאַקראַם.

— אַ גוטע נאַכט! — זאָגט דזשעראַם צו זיין באַגלייטער.

— אַ גוטע נאַכט!

אויפן וועג פלאָנטערן זיך דזשעראַמען די געדאַנקען — טיילווייז אַקטועלע, נאָר די מערסטע זענען דערמאָנונגען. „ווען איך וואָלט אין סוכאָוואָליע נאָר געטראַכט אַז איך וועל זיין דער בעל־הבית פון אַ גרויס קאַפּעהויז אין ניו־יאָרק אויף דער פיר־און־פערציקסטער גאַס, אין טעאַטער־דיסטריקט, וואָלט מען מיך זיכער אַריינגעזעצט אין אַ משוגעים־הויז. קיינער ווייסט נישט, אַז איך בין דער אייגנטימער פון דער געביידע — דאָס וועט נאָך היינט אויך קיינער נישט גלויבן".

דזשעראַם קומט אַהיים. ער וואָלט וועלן איינשלאָפן, נאָר עפּעס באַאומרויִקט אים, ער ליגט און טראַכט איבער אַ נייעס די זעלבע געדאַנקען: „זינט ער האָט געקויפט דאָס קאַפּעהויז מיט צוואַנציק יאָר צוריק, האָט ער אַלע מאָל אַלעמען דערציילט אַז ער איז דער מענעדזשער, אַז דער בעל־הבית קומט נישט, ווייל ער איז אַ קראַנקער מענטש און וווינט אין פילאַדעלפיע. דאָס איז ריכטיק, ער אַליין האָט געוווינט אין פילאַדעלפיע ווען ער איז אַהער אָנגעקומען פון אַ שטעטל אין פוילן, צו זיין מומען. ער דערמאָנט זיך, אַז ווען די מומע האָט אים גענומען צו רעגיסטרירן זיך פאַר די ערשטע רעזידענץ־פּאַפּירן, האָט אים די שרייבערקע געפרעגט זיין נאָמען. „רחמיאל" — האָט ער איר געזאָגט. די שרייבערקע האָט אַ שמייכל געטאָן צו דער מומען: „נישטאָ אַזאַ נאָמען אין ענגליש. איך וועל אים פאַרשרייבן דזשעראַם" — האָט די שרייבערקע געראָטן, נישט פרעגנדיק ביי רחמיאלן צי ער וויל בייטן זיין נאָמען. „ווי איז דיין פאַמיליע־נאָמען?" — „פּייסאַכאָוויטש", האָט ער

געגענטפערט. „קענסט פאַרקירצן דעם נאָמען אויך" — האָט די מומע, אַ צופרידענע מיטן ערשטן אַמעריקאַנער נאָמען, געזאָגט צו דער שרייבערקע. „פעסין" — האָט די שרייבערקע גלייך געשריבן. „דאָס קלינגט ענגליש — דזשעראָם פעסין". און רחמיאל פייסאַכאָוויטש איז פון יענעם מאָמענט אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין געירשנטן נאָמען פון אַ פּאָר דורות און איז געוואָרן דזשעראָם פעסין.

שוין צוואַנציק יאָר ווי ער איז נישט געווען אין פילאַדעלפיע. נאָר עס דאַכט זיך אים נאָך אַלץ, אַז ער וווינט דאָרטן. עס זענען פאַראַן איבערלעבונגען. וואָס קריצן זיך איין אין זכרון פון אַ מענטשן און ער גלויבט, אַז ער לעבט שטענדיק אין זיי. „אַפילו דאָס פאַרגעניגן האָב איך נישט געהאַט. מענטשן זאָלן וויסן, אַז איך בין דער אייגנטימער פון דער קאַפעטעריע. איך האָב זיך אַלע מאָל אויסבאַהאַלטן פון זיך אַליין" — טראַכט ער.

רחמיאל איז אַ נידעריקער, אַ מאָל האָט ער געהאַט אַ קליינעם הויקער, אָבער מיט דער „וועסט", וואָס ער טראָגט שוין אַ סך יאָרן, האָט זיך אים דער הויקער אַ ביסל אויסגעגלייכט. דער פליך אויפן קאָפּ איז אַ זכר פון אַ פאַרד וואָס ער האָט געהאַט, ווען ער איז געווען אַ יינגל. ער וואָלט געוועזן צופרידן מיט זיך, מיט זיסלען, מיט זיין ווייב, מיט זיין גאַנץ לעבן, ווען נישט דער פאַרדראָס וואָס לאָזט אים נישט לעבן, — די טאָכטער. זי האָט זיך פאַרליבט אין אַן איטאַליענער, אַ שיינער יונג, ער גראַדויִרט איצט זיין בוכהאַלטעריי־שול. זיי קענען זיך פון דער פּאַבליק־סקול, פון קינדוויז אָן, נאָר ווער האָט דאָס געוווּסט. „ער וועט, — זאָגט לייקע, — איבערגיין צו אונדזער גלויבן. וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז אים צי מיין גאָט, צי זיין גאָט! עס איז דאָך נישטאָ מער ווי איין גאָט. יעדעס פאָלק האָט זיך גענומען אַ טייל פון זיינעטוועגן. דער אונטערשייד איז דאָך אין דעם, ווער עס פאַרטרעט גאָט, ווער עס איז זיין שליח, זיין נביא. מיר איז דען אַן אונטערשייד? איך אַליין בין דאָך אַ היינטוועלטיקער, נאָך פון דער גרופּע, וואָס העגעך דעם וואַסער־פירערס זון האָט געלערנט דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. עס גייט דען אין גלויבן? עס גייט אין די טראַדיציעס, אין דאָס איינגעזאַפּטע אין משך פון יאָרן, פון דורות,

אין די לײדן, װאָס מײן פֿאָלק האָט דורכגעמאַכט כּדי נישט אױסגעמישט צו װערן. ער װעט זיך מגייר זײן. װאָס פֿאַר אַ װוּנדער — לאהקע האָט דאָך אים געזאָגט, אַז דער טאַטע איז דער בעל־הבית פֿון בילדינג. נאָר װיפֿל מאָל ער זאָל זיך נישט מגייר זײן, װעט ער בלײַבן אַן איטאַליענער, און זײַנע קינדער װעלן זײַן איטאַליענער. װען ער װעט פֿאַרבײַגײן פֿאַרבײַ אַ קירך, װעט אים אַ טיאַקקע טאָן בײַם האַרצן. זײַנע באַליבטע מאכלים װעלן זײַן ספּאַגעטי מיט „טאָמאַטאָ־סאָוס". לאהקע איז נישט צוגעבונדן צו ייִדישקײט. מיר אָרדענען אײן אַ סדר, אָבער דאָס איז נישט דער סדר פֿון מײַן טאַטן, דעם מלמד. דער סדר האָט פֿאַרלאָרן דעם אינהאַלט. מיר האָבן דאָך יענע ניסים נישט געזען מיט אונדזערע אױגן, מיר האָבן געזען דעם חורבן. נאָכן נאַצישן חורבן איז יציאת מצרים נאָר אַ שאָטן; בעת דעם חורבן האָט די השגחה געדאַרפֿט באַװײַזן ניסים. יום־כּיפּור גײ איך אין שול, אָבער לאהקע האָט נישט קײן געפֿיל פֿאַר ייִדישע יום־טובים, פֿאַר ייִדיש לעבן. איך אַלײן בין שולדיק, איך האָב נישט אײַנגעפֿלאַנצט אין איר קײן ליבשאַפֿט צו איר אָפּשטאַם, נישט געהאַט קײן מאָל קײן צײַט אַפֿילו רײדן צו איר. זיבן טעג אַ װאָך איז אָפֿן די קאַפֿעטעריע, און זיבן טעג אַ װאָך בין איך איר שקלאַף...

װען מײַן מומע איז געשטאָרבן, האָב איך געװאָלט, זײער געװאָלט פֿאָרן קײן פֿילאַדעלפֿיע איר אָפּגעבן דעם לעצטן כּבוד — די מומע האָט דאָך מיך אַהער געבראַכט... לאהקע האָט מיך געפֿרעגט: „פֿאַרסט נישט צו דײַן מומעס לװיה?" האָב איך איר געגעבן תּירוצים... איך אַלײן בין שולדיק, איך אַלײן בין אַ שלעכטער בײַשפּיל.

עס פֿעלט איר דער חוש פֿאַר ייִדישקײט, פֿאַרן אָפּשטאַם. זי װײסט נישט פֿון װאַנען אירע טאַטע־מאַמע קומען, עס איז איר נישט באַקאַנט די אָרעמקײט, פֿון װעלכער מיר קומען, אונדזערע קינדער־יאָרן. זי קען נישט אירע זײדעס און באָבעס, זי איז אַן אָפּגעפֿרעמדטע. צו װאָס טויג מיר דאָס אַלץ, װאָס איך האָב דערגרײכט מיט מײַן בלוט און מאַרך, אַז אין גיכן װעט דאָס זײַן אױפֿן נאָמען פֿון אַנטאָני קאַסטעללאַ. מיר איז גאָר קײן מאָל נישט אײַנגעפֿאַלן אָנצושרײַבן מײַן נאָמען אױף דער גרױסער

קאַפּעטעריע אַנטקעגן די טעאַטערס אויף דער פיר־און־פּערציקסטער גאַס.

רחמיאל דרייט זיך אויפן גלעגער. ער קוקט אויף די גלאַנציקע ציפערן פון זייגער. עס איז שוין באַלד זעקס, ער דאַרף שוין גיין עפענען די קאַפּעטעריע. ער האָט נישט ליב מען זאָל עפענען אָן אים. אין דער פרי ברענגט מען די סחורה אויפן גאַנצן טאָג. ער איז שלעפעריק און מיד. אפשר זאָל ער אויפוועקן זיסלען? ניין, מען דאַרף נישט, אַלץ איינס וועט ער נישט קענען איינשלאָפן — די געדאַנקען, די פאַרדרוסן וועלן נישט לאָזן.

ער טוט זיך שטיל אָן, גיט אַ קוק אויף זיסלען ווי זי שלאָפט, גייט צו צו לאהקעס צימער — „זאָלט איר האָבן אַ גוטן טאָג". און גייט אַוועק, באַגלייט פון זיינע נאַכטיקע געדאַנקען. אַרויסגייענדיק אויף דער גאַס, דערזעט ער דעם רב פון דער שול ווו ער דאַוונט אין די ימים נוראים.

— גוט־מאָרגן, רבי, וואָס מאַכט איר?

— האַו דו יו דו, מיסטער דזשעראַם? — ענטפערט דער רב אין ענגליש. — ווהין גייט איר אַזוי פרי, מיסטער דזשעראַם?

— ווי אַלע טאָג — צו דער אַרבעט! — ענטפערט רחמיאל.

עס לויפט אים דורך אַ געדאַנק: אפשר דערציילן דעם רב. נאָר באַלד קריגט ער חרטה. רחמיאל קוקט אַרויף צום שמאָלן הימל איבער דער פיר־און־פערציקסטער גאַס. ער וויל עפּעס זאָגן, אַרויסשרייען, עס איז אים ענג אויף דער נשמה, עס איז נישט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט. ער וואָלט וועלן אַרויסרייסן דעם ווייטיק וואָס ער טראָגט אין האַרצן. ער האָט דערפילט אַז די צייט מעקט אים אָפּ, אַז מען וועט אים לאַנג נישט געדענקען, אַלץ וועט איבערגיין אין אַנדערע הענט, אַז די צייט וועט אַוועקטראָגן זיינע נעמען — עס וועט נישט בלייבן נישט דזשעראַם, נישט רחמיאל, נישט דער טאַטע, נישט דער יידע, נישט קיין זכר פון יענעס לעבנס. אַלץ וועט אָפּגעמעקט ווערן און פאַרטראָגן ווערן אין די ווייטקייטן...

— בעסער נישט דערציילן...

שרעק

דזשימי האָט זיינע 42 יאָר אָפּגעלעבט אין אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון שאַרלאָט, צפון קאַראָליינאַ. ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך ער וואָלט דאָרטן געלעבט, ווען די צייט זאָל זיך נישט פאַרערגערן און אים צווינגען פאַרלאָזן זיין היים, זיין ווייב און קינדער און פאָרן זוכן ערגעץ אַ ווינקל אין דעם גרויסן לאַנד, וווּ ער זאָל קענען אַרבעטן און פאַרדינען אויף אויסצוהאַלטן זיין משפחה.

דזשימי איז שוין זעקס וואָכן אין ניו־יאָרק. ער האָט אין זיין לעבן נישט געזען קיין סאָבוויי, ער האָט נאָר געזען דעם אויטאָבוס וואָס קומט פון שטאָט. ער וווינט ביי זיינעם אַן אַלטן פריינד פון די שוליאָרן, וואָס לעבט אין ניו־יאָרק אַ לאַנגע צייט און אַרבעט אין אַ האָלצסקלאַד. דזשימי וואָלט זיך וועלן פון דאָרט אַרויסציִען, ער ווייס, אַז ער מאַכט ענג דער משפחה, וואָס וווינט אין צוויי צימערלעך. די באָבע שלאָפט מיט די קינדער אין איין צימער, און וויליאַם מיט דער ווייב און מיט דעם יינגסטן טעכטערל שלאָפן אין צווייטן צימער.

דזשימי איז אַ גוטער בוי־אַרבעטער. ער קען אַלץ — לייגן ציגל, טינקעווען ווענט, גיסן אַ דאַך, אָבער איצט איז נישטאָ קיין אַרבעט ביים בויען. ער האָט זיך פאַרשריבן אין אַ באַשעפטיקונג־אַגענטור. פון אָנהייב האָט ער געוואָלט קריגן אַ דזשאָב ביי זיין פאַך — ער איז אַ גוטער פאַכמאַן און אין קאָנסטרוקציע פאַרדינט מען אַ גוטן לוין. זעענדיק, אַז די אַגענץ קריגט נישט פאַר אים קיין אַרבעט, האָט ער זיי געבעטן זיי זאָלן אים קריגן וואָס פאַר אַן אַרבעט עס וועט זיך מאַכן. האָבן זיי אים געקראָגן אַן אַרבעט אין אַ בעקעריי. פאָרט ער איצט דאָס ערשטע מאָל צו דער אַרבעט. האָט ער זיך נאָכגעפרעגט וועלכן סאָבוויי ער דאַרף נעמען, נאָר אויף דער אַטלאַנטיק־עוועניו־סטאַציע האָט אים עמעצער אָנגעוויזן וועלכן סאָבוויי צו נעמען און געמאַכט אַ טעות: ער האָט אים געזאָגט צו נעמען דעם סאָבוויי וואָס גייט אויף וועסט־סייד, און ער האָט געדאַרפט פאָרן אויף דער איסט־סייד (מזרח־זייט), 87טע גאַס. האָט אים דער קאָנדוקטאָר געזאָגט אַז ער דאַרף פאָרן צוריק, וועט ער קענען בייטן

אויף לעקסיקטאָן־עוועניו. אָבער עס איז שוין שפּעט, און ער דאַרף אַריינגיין צו דער אַרבעט עלף דעם זייגער, װעט ער פאַרשפּעטיקן — ער וױיסט נישט װאָס צו טאָן. פאָרן צוריק איז שפּעט, און נעמען אַן אויטאָבוס אַריבערצופאָרן אויף דער צווייטער זייט שטאָט האָט ער נישט קיין 75 סענט. ער האָט אַ קוואָדער װאָס איז אים פאַרבליבן פון דעם געבאָרגטן דאָלער ביי זיין פריינד. ער קוקט אַרויס דורכן פענצטער צו די געמויערטע װענט פון דעם אונטערערדישן טונעל. עס איז נאַכט, מען זעט נאָר די פינצטערניש. ער קוקט זיך אַרום און זעט, אַז נאָך איין װייסער פאָרט אין װאַגאָן. דזשימי קען נישט איינזיצן אויף דער סאָבוויי־באַנק. ער לויפט צו דער טיר, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריבערגיין אין צווייטן װאַגאָן, נאָר ער קערט זיך אום צוריק, דער װייסער מאַן זיצט אַן אומרויקער, ער קוקט דורך דער גלעזערנער טיר צום צווייטן װאַגאָן, װוּ עס געפינען זיך עטלעכע מענטשן, און טראַכט, אַז ער וואָלט געדאַרפט אַריבערגיין אין יענעם װאַגאָן. דאָרט זענען פאַראַן מער מענטשן. אַן אינערלעכע אומזיכערקייט לאָזט זיך אים נישט אויפהייבן פון אָרט. „זיץ" — האָט ער צו זיך גערעדט אין געדאַנק, „זיץ און וואַרט". דזשימי איז געוואָרן אַלץ אומרויקער — די שרעק אַז ער װעט אַריבערפאָרן די 86טע גאַס און דאַן װעט ער שוין אין גאַנצן נישט וויסן װאָס צו טאָן... דאַן װעט שוין אַלץ זיין פאַרפאַלן, עס װעט שוין זיין צו שפּעט.

דער שוואַרצער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון פּלאַץ און איז האַסטיק אַ גיי געטאָן צו דער באַנק װוּ עס איז אומרויק געזעסן דער אייציקער װייסער פּאַסאַזשיר. אַלץ האָט זיך אין דזשימין געקאָרטשעט פאַר שרעק און אומזיכערקייט. דער װייסער האָט זיך דערשראָקן און אַנגעשטעלט די אויגן אויפן שוואַרצן.

— איך האָב געמאַכט אַ טעות, — האָט דזשימי געזאָגט, — דער סאָבוויי פאָרט אויף דער װעסטסייד, מען האָט מיר געהייסן נעמען דעם סאָבוויי. איך האָב דעם מאַן געפרעגט און געוויזן אַ געשריבענעם אַדרעס אויף אַ קאַרטל: 87טע גאַס, איסט־סייד.

— דאַרפסט אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט פון פּעראָן, נעמען דעם סאָבוויי ביז 14טע גאַס און דאָרטן בייטן אויף לעקסיקטאָן־עוועניו.

— עס איז שוין שפעט, איך דאַרף זיין ביי דער אַרבעט 11 אַזייגער, היינט צום ערשטן מאָל... שוין זעקס וואָכן ווי איך אַרבעט נישט...

— קענסט אַראָפּגיין אויף 86טע גאַס און נעמען אַן אויטאָבוס ביז דער איסט־סייד.

דער שוואַרצער האָט נישט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט. — יע, אָבער איך האָב נישט קיין 75 סענט, דעם דאָלער האָב איך געבאָרגט ביי מיין פריינד, ביי וועמען איך וווין... איך וועל אַראָפּגיין, אפשר וועט מען מיר לאָזן אַרבעטן.

דעם ווייסן פאַלט איין אַ געדאַנק, אַז דזשימי נאַרט אים אָפּ, ער אַליין האָט אויך נישט קיין איבעריקן דאָלער. און דזשימי האָט זיך צוגערוקט צו דער טיר און וואַרט אַז די טירן זאָלן זיך עפענען אויף 86טע גאַס. ער וועט גיין, די נאַכט וועט זיין זיין באַגלייטער... ער וועט גיין...

דער ווייסער איז צוגעקומען צו דער טיר און דערלאַנגט דזשימין אַ דאָלער. אַ פּייכטקייט האָט באַנעצט דעם שוואַרצנס אויגן, ער האָט אַנגעקוקט דעם ווייסן און געשוויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרגעדענקען זיין פּנים.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דער סאָבוויי אָפּגעשטעלט. דורך די אָפענע טירן האָט דזשימי מיט אַ הייזעריקן קול אַריבערגעשריגן: „אַ דאַנק, אַ דאַנק, איך וועל דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן!"

אַ פייער

עס איז אַ קאַלטער, נאַסער ביינאַכט. פּלוצלינג, ווי פון דער העלער הויט, דערהערט זיך אַ טרויעריק געשריי: „העלפּט! העלפּט! אַ פייער!..." דאָס קול שטיקט זיך, נאָר דער עכאָ קלינגט אָפּ. די נאַכט און די פינצטערניש פאַרשטאַרקן דעם אומעט פון דעם הילפלאָזן רוף.

אַ שכן האָט אַרויסגערופן די פייערלעשער. עס געדויערט ביז עס באַווייזט זיך דער ערשטער גרויסער רויטער וואָגן מיט די לאַנגע לייטערס. זיי לויפן אויף די לייטערס צום צווייטן שטאָק ווי מלאכים, ברעכן די

פענצטער און רופן. איינער שלעפט אַ פאַרחלשטע פרוי אויף די הענט:

— פאַר וואָס האָט איר אויסגעלאָשן די ליכט?

— זיי האָבן נישט קיין ליכט. מען האָט ביי זיי נעכטן אָפּגעשטעלט די עלעקטריע — מורמלט עמעצער פון דער גאַס, וואָס איז דער ערשטער אַרויסגעלאָפן פון אַ נאָענטן הויז.

— ווער נאָך איז דאָרטן פאַראַן? — שרייט דער קאַפּיטאַן.

— פיר קינדער! — טרייסלט זיך די פרוי פון קעלט. — פיר קינדער!

— זי וויינט, — און מיין מאַן. ער איז... שיכּור!...

די פייער־לעשער טראָגן אַרויס די קערפּערלעך פון פאַרחלשטע קינדער, וואָס שווייגן: אַנדערע פייער־לעשער באַמיִען זיך אָפּצומינטערן די קינדער.

— ווו איז דיין מאַן?

— אפשר אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, — זאָגט די פרוי מיט אַ צעווייטיקט קול. נאָכן אַריינאָטעמען די קאַלטע לופט וואָס האָט זי אויפגעלעבט.

די פייער־לעשער רייסן די צווייטע טיר און לויפן ווידער אויף די טרעפּ. איינער דערפילט אַ קערפּער אונטער די פיס.

— סעניאָר! — רופט איינער אין שפּאַניש, — סעניאָר!

קיינער ענטפערט נישט. אין אַ ווײַלע אַרום טראָגט מען אַרויס אַ מאַן אויף אַ בעטל. עטלעכע שכנים וואָס זענען אַרויסגעלאָפן פון זייערע אַלטע הייזקעס, שטייען שווייגנדיקע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אַלע ווייסן אַז דער שכן איז אַ שיכּור, נאָר קיינער רעדט נישט.

— עס איז אַ רחמנות אויף די קינדער...

— און אויף דער פרוי... — גיט צו אַ צווייטער.

דער „רויטער־קרייץ"־אויטאָ נעמט די קינדער, די מאַמע פאָרט מיט זיי, די קינדער כניקען צעשראָקענע „מאַמע! מאַמע!..."

אַן אַמבולאַנס פירט אַוועק דאָס בעטל מיטן מאַן.

אַנטקעגן דעם הויז וואָס רויכערט דורך די פענצטער פון ביידע שטאָקן שטייען אַ פּאָר הייזער מיט פאַרקלאַפּטע טירן און פענצטער, זיי זעען אויס ווי פינצטערע סקעלעטן — דער זכר פון אַ פריִערדיקן פייער. דאָס

הויז ברענט ווי אַ ליכט, פון אויבן אַראָפּ. עס ברענט דער אייבערשטער שטאָק און דאָס פייער ציט זיך אויף אַראָפּ. די פייערלעשער גיסן וואַסער, דאָס פייער פאַרלעשט זיך אויף אַ ווײַלע, און ווידער צעפלאַקערט זיך אויף דאָס ניי דאָס אַלטע צעפּרוכניעטע האָלץ און ברענט ווייטער.

ניו-יאָרקער נעכט

פון ברעג גאַס, וואָס דערגרייכט ביז צום וואַסער, צום אַריינפאָר אין ניו־יאָרקער האַפן, דערטראָגט זיך דאָס בילן פון אַ הינט און מישט זיך אויס מיטן קרעכץ פון אַן אָפענעם פענצטער. אויף די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן צום שפּיטאָל אויף דער ערשטער עוועניו, שטייען פאַרטראַכטע אומעטיקע מענטשן און וואַרטן. זיי וואַרטן אויפן טאַטן, וואָס מען וועט באַלד אַרויסטראָגן צום לעצטן מאָל. ער דאַרף נישט מער קיין היים, נישט קיין בעט און נישט קיין מעדיקער.

✶

פון אַ הויכן שטאָק הערן זיך די קלאַנגען פון אַ פידל. עמעצער גיסט אויס זיין האַרץ מיט דינע טענער פאַר דער ניו־יאָרקער נאַכט, און אונטן אויף דער ברייטער עוועניו שלאָגט מיט רויך פון דער רער פון אַן אַלטן אויטאָמאָביל. די אונטערערדישע באַן שטעלט זיך אָפּ ביי דער סטאַנציע אַרויסצולאָזן און אויפנעמען אַ פאַרשפּעטיקטן פּאַסאַזשיר. ניו־יאָרק איז וואַך פיר און צוואַנציק שעה אַ טאָג.

טויזנטער שטומע, פינצטערע פענצטער קוקן אַראָפּ צו דער גאַס, צו דער באַלויכטענער שטאָט, און אין די היימען, אויף זייערע געלעגערס, וואַכע מענטשן טראַכטן פון זייער ווייטן אַמאָל, פון זייער היינט און פון זייער מאָרגן.

✶

אין גרויסן צימער פון לוויה־זאַל זיצט אַן אַלטער ייִד, האַלט אַ תּהילים

אין האַנט און שעפּטשעט שטילערהייט. ער קוקט צום ארון און טראַכט: ווען איך וואָלט דיך געקענט, ווען דו ביסט אַ מעמבער פון מיין „סאָסייעטי״, ווען דו ביסט מיינער אַ לאַנדסמאַן, וואָלט איך וויסן וואָס צו ריידן צו דיר. אָבער אַז איך קען דיך נישט, וועסטו זיך מוזן באַנוגענען מיט אַ קאַפּיטל תהילים. מער ווי 1 דאָלער וועט מען מיר נישט געבן.

און איבערן מוטנעם האָדסאָן־טייך פאַלט דער ערשטער שפּראָץ פון אַ נייעם טאָג. די נאַכט פאַרקריכט פאַמעלעך אין איר באַהעלטעניש און באַפרייט די גרויסע אַכט־מיליאָניקע שטאָט פון דער ביינאַכטיקער פינצטערניש.

אויף דער עלטער...

אויף דער גרדיסער סאָפע אין וואַרטצימער ביים אויגן־דאָקטער זיצט אַן עלטערע פרוי. אירע דאַרע אָדערדיקע הענט, דאָס בלאַסע אַריסטאָק־ראַטישע פנים, די גרויע האָר אויפן קאָפּ, די פענסנע, וואָס הענגען אויף אַ שוואַרצן שנור אַרום איר האַלדז דערציילן וועגן אַ פאַרגייענדיקער וועלט.

אַפּגערוקט פון דער עלטערער פרוי זיצט אַ מיטל־יעריקע פרוי מיט שוואַרץ־געפאַרבטע האָר און צאַרטע הענט, וואָס גיבן איר צו אַ יוגנטלעכן אויסזען. זי גיט מיט אַ מאָל זיך אַ שאַר צו דער פרוי מיטן אַריסטאָקראַטישן פנים, און ווי דער שמועס וואָלט שוין געפירט געוואָרן פון פריער, פון לאַנג, האָט זי נערוועז אַ זאָג געטאָן אין דייטש:

— דו מוזסט דאָך פאַרשטיין... דו ביסט שוין זיבן און אַכציק יאָר. וואָס נאָך דערוואַרטסטו?

— וואָס נאָך דערוואַרט איך? איך דערוואַרט זייער ווינציק... איך וויל נישט מער... נאָר איך לעב דאָך... איז דאָס מיין שולד וואָס איך לעב נאָך?

אַ ווייטיק־גרימאַסע האָט זיך דערזען איבער איר פנים. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי גרייט ווייטער צו ריידן, נאָר די יינגערע דאַמע האָט איר איבערגעריסן:

— איך בין פינף און פופציק און זע וואָס פאַר אַ ביטער לעבן איך לעב. דו מוזסט דאָך באַגרייפן, אַז דו קענסט מער אַליין נישט בלייבן. דו קענסט דאָך מער זיך אַליין נישט באַדינען. איך פאַרדין נישט גענוג צו צאָלן פיר הונדערט דאָלער אַ מאָנאַט פאַר דיין הויז. דו ביסט ברייט־האַרציק, גיסט „טיפּס" צו אַלע באַדינער. איך דאַרף מיין געלט פאַר מיר, דו מוזסט דאָך האָבן איינזען מיט מיר. איך בין שוין אויך נישט יונג... אין דער „היים" וועט דער שטאַט פאַר דיר צאָלן — ס'וועט דיר זיין בעסער ווי אין דיין הויז. זאָג מיר וואָס דו ווילסט אויף פרישטיק —

מען מוז אַלץ אין פּאַרויס באַשטעלן. און וואָס ווילסטו אויף מיטאָג? ווילסט הון, זויער־בראָטען? פרייטיק גיט מען אינדיק, און וואָס פאַר אַ נאָכשפּייזע ווילסטו? מאַרמעלאַדע, דזשילע?

— ניין, — האָט די עלטערע פרוי מיט אַ שוואַך אָנגעשטרענגט קול געענטפערט — ניין, איך וויל אַ נאַטורעלע פּרוכט.

די יונגע פרוי, איר טאָכטער, האָט זי שאַרף אָנגעקוקט, אָן אומרויִקייט אין זי באַפאַלן, ווי זי וואָלט זיך עפּעס פלוצלינג דערמאָנט...

די אַלטע פרוי האָט געלאָזן אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איר׳ע גרויע האָר, אַראָפּגעלאָזט די האַנט אויפן אָנלען פון דער סאָפע, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס אָנהאַלטן און געזאָגט:

— דו פאַרגעסט, אַז איצט האָב איך אַ היים, מיין היים, און דו ווילסט איך זאָל גיין אין אַ „האָום״... וואָס וועט שוין נישט זיין מיין היים. דו פרעגסט מיך מיט זאָרג וואָס איך וויל אויף מיטאָג, נאָר דו פרעגסט מיך נישט ווו איך וועל לעבן. לאָז מיך מיט ברויט און וואַסער, נאָר לאָז מיך אין מיין היים... דו ווייסט, דו געדענקסט די טרויעריקע, ביטערע יאָרן וואָס איך בין דורכגעגאַנגען. דו געדענקסט מיט וויפל פּיין איך האָב זיך געראַטעוועט, און דיך, און דיין שוועסטער... נאָר מיין מאַן האָב איך נישט געראַטעוועט... דו געדענקסט ווי מיר זענען מיט פערציק יאָר צוריק אין דעם לאַנד געקומען. און איצט, אויף מיינע אַלטע יאָרן, כּל־זמן איך לעב נאָך, וויל איך זיך פילן ווי אַ מענטש אין זיין היים.

— דיין צווייטע טאָכטער — האָט זיך אָפּגערופן די יינגערע פרוי — וויל דיך אַפילו צום דאָקטער נישט נעמען. זי איז רייך גענוג דיך אויסצוהאַלטן, נאָר...

— דאַרפסט דאָס מיר נישט זאָגן. איך ווייס עס, און ס׳טוט שטאַרק וויי. נאָר דו ביסט די עלטערע. יעדער מענטש האָט זיין געפיל, זיין כאַראַקטער. יאָ, דיר איז אויך שווער... ווי לייכט ס׳איז מיר געוועזן אייך צו טראָגן...

די קראַנקן־שוועסטער האָט אויסגערופן: „מיסיס ערענרייך!״

די יונגע פרוי האָט גענומען איר מוטער פאַר דער האַנט, איר

דערלאַנגט דעם דיקן שטעקן אוןביידע זענען אַריין אין דאָקטערס קאַבינעט.

דער סילועט פון דער ווייס־גרויער איינגעבויגענער עלטערער פרוי מיטן שטעקן, אויף וועלכן זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט, האָט דערמאָנט אָן אַ צעבראָכענעם בוים דורך אַ שטורעמווינט. דער צווייטער סילועט פון דער שלאַנקער מיטליעריקער פרוי האָט זיך אויסגעגלייכט, עפּעס ווי זי וואָלט וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך אַ משא... פאַרטרייבן דעם שאָטן און לעבן פרייער, לעבן גרינגער...

*

דער אַלטער זוסמאַן האָט באַטראַכט די ווענט פון קליינעם צימער. זיין צימער־חבר האָט שטיל געאָטעמט און אים געלאָזן טראַכטן:

„אָפּגעלעבט...״ — האָט ער צו זיך געטראַכט, — „אָפּגעלעבט...״.

זיין בליק האָט זיך אַריינגעשניטן אין ווינקל פון סופיט, ווי ער וואָלט דאָרט געפונען אַ פענצטער, אַ פענצטערל צו זיין גאַנץ לעבן, וואָס ער האָט קלאָר דערזען... די דערמאָנונגען האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן חלום.

„מיין זון, דער אינזשעניר, אין טשיקאַגאָ... זיין ווייב — מיינע איז זי גאָרנישט, עוואַנגעליקאַ. זיינע קינדער ווייסן אַז איך בין אַ ייִד. מיין טאָכטער אין דעטראָיט... ווי איז דער נאָמען, אַ מאָדנער נאָמען... איך געדענק נישט... כאַדזיוואַקי, ניין, כאַדי... איך געדענק נישט, די מאַמע האָט דיך גערופן חשקהלע... און איך?

זוסמאַן האָט זיך געדרייט, ס'איז אים געוואָרן ענג, ער האָט נישט געדענקט ווו ער איז... פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט: „אויף דער פינפטער עוועניו, נישט ווייט פון דער דריי און זיבעציקסטער גאַס. איך ווייס, איך ווייס ווו איך בין...״.

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און הויך אויסגערופן:

— איך בין אין אַ „האָום״...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— חנה איז געשטאָרבן... פאַר וואָס איז זי געשטאָרבן? איך וועל שוין דאָ פאַרענדיקן... געהאַרעוועט, דערצויגן קינדער. אַ מענטש קען זיך נישט אָנזעטיקן מיט קיין גוטס... אַ מענטש קען זיך נישט אָנזעטיקן מיט קיין יאָרן... דער דאָקטער, צו וואָס דאַרף איך אים? איך זאָל נישט רייכערן, — זיבעציק יאָר ווי איך רייכער, מיין איינציק פאַרגעניגן.

פון אונטערשטן שופלאָד האָט ער אַרויסגענומען אַ פּעקעלע איינגע־וויקלט אין לייוונט — מען טאָר קיין פּאַפּיראָסן אין דער היים נישט האַלטן... ער האָט פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, פאַרלאָשן די ליכט, און זיך צוריקגעלייגט און ווייטער געחלומט וועגן זיינע אָפּגעלעבטע יאָרן.

פלוצלינג האָט ער דערפילט ווי ער וואָלט זיך וואַרעמען לעבן אַ הייסן אויוון. ער האָט אויפגעריסן די אויגן — פינצטער... ווו איז דאָס פענצטער? ס'איז נאַכט, אַ רויך שטיקט אין האַלדז, אין די אויגן. „ס'ברענט" — האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. „ס'ברענט!" — האָט ער אַ שלעפּ געטאָן זיין שכן, „ס'ברענט, קום, אַנטלויף!"

ער האָט געהאַלפן דעם שכן זיך אויפהייבן. זיי זענען געלאָפן דורכן קאָרידאָר צום עלעווייטאָר. „נישטאָ!" — האָט זוסמאַן אַ ברום געטאָן ווי אַ לייב, „קום, קום!" — האָט ער געשלעפּט זיין שכן, קום! זיי זענען געלאָפן צום אַראָפּגאַנג פון די טרעפּ.

ביים אַראָפּגאַנג איז געשטאַנען די קראַנקען־שוועסטער מיט איר חתן.

— ווו לויפסטו?

„ס'ברענט!" — האָט זוסמאַן צו איר אַ געשריי געטאָן.

ער איז געלאָפן פון די טרעפּ און געשריען „ס'ברענט, דער דריטער שטאָק, מיין צימער!"

די „שוועסטער" האָט נישט געגלויבט, זי איז זיי נאָכגעלאָפן. ווען זי איז צוריק געלאָפן האָט שוין דער גאַנצער שטאָק געברענט... פון אַלע זייטן האָט מען געשריגן.

פרוי ערענרייך האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די קולות. זי האָט געזוכט איר שטעקן. זי האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טיר און זי מיטן גאַנצן כוח אויפגעעפנט. ס'האָט אַ שלאָג געטאָן אַ געדיכטער רויך, אַ ביטערניש האָט איר געקרעלט אין האַלדז, זי צעטומלט. זי האָט דערהערט ווי דורך די

צעבראָכענע פענצטער שרייט מען „מיסיס ערענרייך, מיסיס ערענרייך, צום פענצטער!...״ זי האָט אָבער נישט געקענט ענטפערן. ס׳האָט זי געשטיקט דער רויך. זי איז אַנידערגעפאַלן אין קאָרידאָר. די קולות זענען געוואָרן שוואַכער, שוואַכער, ביז זיי זיינען פאַרשטילט געוואָרן...

ווען מ׳האָט אָנגעזאָגט דער טאָכטער מיסיס סטענגעל, אַז איר מוטער איז אומגעקומען אין פייער פון דער „האָום״ פאַר עלטערע מענטשן, האָט זי ווילד אויסגעשריען: „איך האָב זי פאַרמישפט צום טויט, איך אַליין!...״ אירע פאַרגלעזערטע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון אַ וואַקסע־נעם פנים. זי האָט נאָך אַנאַנד איבערגעחזרט „איך האָב זי פאַרמישפט, איך אַליין...״.

*

אַ בלענדנדיקע ווייסקייט האָט צוגעדעקט דעם גרויסן בית־עולם אין סידאַר־פאַרק. דער פרישער אָנגעפאַלענער שניי האָט ווי אַ גלאַטער ווייסער צודעק געגלאַנצט אין קאַלטן ווינטער־פרימאָרגן.

די ערשטע טריט, וואָס האָבן געשעדיקט די שנייִיקע ווייסקייט, זענען געווען פון די טעכטער, וואָס האָבן געפירט זייער מאַמען צו איר אייביקער רו.

צוויי וועלטן

ערשטער טייל

אין שפּאַניע האָט געהערשט אַ ביטערער בירגער־קריג, הינטער יעדן צד איז געשטאַנען אַ מאַכט וואָס האָט געהאָלפן צינדן דאָס פייער, היטלער און מוסאָליני זענען געשטאַנען הינטער דעם גענעראַל פראַנציסקאָ פראַנקאָ און געשטיצט זיין קריסטלעך דיקטאַטאָרישע מלוכה, סאָוועט־רוסלאַנד איז געשטאַנען הינטער די רעוואָלוציאָנערע רעפּובליקאַנער און אָרגאַניזירט וואָלונטערן אין פאַרשידענע לענדער פאַר די רעפּובליקאַנער בריגאַדעס, די סאָוועטן האָבן קיין צו פיל הילף נישט געגעבן זייער צד, זיי האָבן זיי געלאָזט אויף הפקר, זיי זאָלן אָפּגיין אין בלוט. זיי האָבן געהאָלפן זייער צד אַרויסנעמען וואָס מער גאָלד פון דער שפּאַנישער מלוכה־קאַסע, און אַרויספירן וואָס מער ווערטיקע קונסטווערק פון שפּאַניע קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

שפּאַניע האָט געלעבט אין שאָטן פון טויט, קיינער איז נישט געווען זיכער מיט זיין לעבן, קיינער האָט קיינעם נישט געטרויט, זייער אָפט האָט מען אומגעברענגט מענטשן פון אייגענעם צד, הונגער און כאַאָס האָבן געהערשט אין דעם לאַנד.

די מאַמע האָט אַ צעשראָקענע, שטילערהייט, קיינער זאָל נישט הערן, געוויינט און זיך געבעטן:

— זעסט דאָך, סעראַפין, וואָס פאַר אַ פינצטער מזל עס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונדזער לאַנד, איין ברודער ברענגט אום דעם צווייטן, מען ראַבעוועט און מען הרגעט איינער דעם צווייטן, פרעמדע האָבן פאַר־פלייצט אונדזער לאַנד און צינדן אַ פייער פון שנאה צווישן ברידער, — פאַר אַוועק! סעראַפין, אַנטלויף! דיין ברודער איז אין דער אַרמיי, נאָר גאָט זאָל אים אויסהיטן, דיין שוועסטערס מאַן איז אויפן צווייטן זייט, און מען ווייס פון אים נישט, — פאָר אַוועק, ראַטעווע זיך!

עס איז אַזוי שווער צו פאַרלאָזן די היים ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן,

עס איז דיר ליב יעדעס ווינקעלע פון דיין שטילער היים, עס איז דיר ליב דאָס בריקל פון די צוויי גרויסע פלאַטשיקע שטיינער ביים טיר פון דיין היים, די צווייגן פון די ביימער וואָס פאַלן אַראָפּ איבערן שטרויענעם דאַך. עס זענען דיר ליב די ווינטרויבן אויף די ביימער אין סאַד הינטערן הויז.

די שוואַרץ־ווייסע קאַץ האָט דערפילט אַז עמעצער קלייבט זיך פאַר־לאָזן דאָס הויז, דרייט זי זיך אַרום און גלעט יעדן איינעם די פיס מיטן עק. דער געדאַנק אָוועקצוגיין, איבערצולאָזן טאַטע־מאַמע, פאַרלאָזן די היים, צעררייסט דאָס האַרץ, נאָר די געפאַר פאַרן לעבן קען שטויסן אַ מענטשן זיך צעשיידן מיט זיין רויִקער היים. אין דיין דמיון קריצט זיך איין יעדער ווינקל, יעדע זאַך, אין זכרון נעמסטו מיט די לאַנדשאַפט, אַ בילד פון אַלץ וואָס האָט דיך אַרומגערינגלט אין אַלע דיינע יוגנט־יאָרן, זייער אָפּט אויף אייביק.

סעראַפין האָט דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט צו דער לאַנקע און דערקענט צווישן די פערד וואָס האָבן זיך געפּאַשעט זיינע צוויי פערד.

— איך וועל אייך שוין מער נישט זען, איך וועל שוין מיט אייך מער נישט אַקערן.

— זיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן.

האָט מען וועגן דעם גערעדט, געטראַכט, געמאָסטן די געפאַרן, געוויגן די מעגלעכקייטן, ביז איין טאָג האָט סעראַפין באַשלאָסן צו פאָלגן זיין טאַטע־מאַמע און אָוועקצוגיין צו דער פאָרטשטאָט, און זיך אַרויפגנבענען אויף אַ שיף און בעטן אַרבעט, דאָס איז דער איינציקער וועג ווי אַזוי ער קען זיך אַרויסראַטעווען פון דעם גיהנום. עס איז לייכט צו טראַכטן, צו מאַכן פּלענער. עס איז אָבער נישט לייכט דורכצופירן די פּלענער אין אַ לאַנד ווו עס פּלאַקערט אַ בירגערקריג, די שיפן געהערן צו איין צד אָדער צום צווייטן, און דו דאַרפסט אַ נייטראַלע שיף וואָס זאָל דיך אַרויספירן פון די געפאַרן. ביז עס איז געקומען דער טאָג, היינט פאַרלאָזט סעראַפין זיין היים.

✶

אַן אומעט, אַ טרויער איז געהאָנגען צווישן די ווענט פון דעם הויז, וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון די איבעריקע הייזער פון דאָרף, אַז

אומעט האָט געוונען פון די פּאַרנאַכטיקע שעהען, פון אַלץ האָט געווייעט מיט שרעק, פון אַלץ האָט געשלאָגן אַ גראַקייט. דער טאַטע איז געשטאַנען אין דרויסן און אַרומגעשניטן דיביימער, אָפּגעשניטן מיט אַ „מאַטשעטע״ (אַ גרויס מעסער ווי אַ שווערד) די הויכע גראָזן אַרום דעם הויז, געזוכט וואָס צו טאָן, אין וואָס צו פאַרטאָן זיינע שווערע שעהען וואָס האָבן זיך געצויגן ווי בליי. אַז ער האָט פאַרענדיקט די מלאָכה אַרומצושניידן דאָס גראָז, האָט ער זיך געשטעלט אָנהאָקן קינשפּענער אָנצולייגן פייער.

די מאַמע האָט געקאָכט. פון צייט צו צייט איז איר אַרויסגעפאַלן אַ בלעכן טעפּל פון די הענט, אַ בלעכענער טעלער, אַ גאָפּל, און זיך אָנגעשלאָגן מיט אַ קלונג אָן דער הילצערנער פּאָדלאָגע. זי האָט געוווּסט אַז דאָס איז די לעצטע וועטשערע מיט איר זון צוזאַמען.

סעראַפין איז געזעסן אויפן הילצערנעם בענקל און באַטראַכט די שטוב, די ווענט, די מאַמע, דאָס פייער וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויסלעשן אויף דער ציגל־פּליטע. איינער פון די הינט איז אַלע מאָל אַריינגעלאָפן דורך דער אָפענער קיכטיר, צוגעקומען צו סעראַפינען און אים געלעקט די הענט.

— זעגנט זיך מיט מיר — האָט סעראַפין געטראַכט.

הינט דערפילן דעם אומעט אין אַ הויז, זיי דערפילן ווען עמעצער קלייבט זיך צו פאַרלאָזן די היים.

סעראַפין שטייט ביים פענצטער און טראַכט: „דורך וואַנעט זאָל איך גיין, דורכן שאָסיי? משוגע דאַרף מען זיין... דורכן שאָסיי פאָרן מיליטערישע וועגענער, עס גייען מענטשן, מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט מענטשן... דורכן וואַלד וועל איך בעסער גיין״. סעראַפין האָט דערפילט אַ שרעק, ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און דערפילט די נאַכט, די פינצטערניש, דעם וואַלד. עס באַפאַלט אים אַן אומעט.

— דורכן וואַלד וועל איך גיין.

שווייגנדיקע האָבן טאַטע־מאַמע אָפּגעגעסן וועטשערע צוזאַמען מיט זייער זון, קיינער האָט נישט געוואָלט עסן, יעדערער האָט געגעסן כּדי דער צווייטער זאָל נישט אַוועקלייגן דעם לעפל, די מאַמע האָט צו זיך

געטראַכט: ווער ווייסט, זון מיינער, ווען דו וועסט עסן אַ וואַרעם געקעכטס, ווער ווייסט ווען דו וועסט זיצן ביי אַ טיש?

אין אַזעלכע מינוטן — ווען מען צעשיידט זיך מיט די נאָענטסטע — שווימען אויף די טרויעריקסטע געדאַנקען. אַזוי איז מען געזעסן און געוואַרט עס זאָל צופאַלן די נאַכט, עס זאָל ווערן פינצטער... סעראַפין האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק, דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל די קיך, דעם גרויסן צימער וואָס האָט געדינט פאַרן שלאָפצימער און פאַרן זאַל, גענומען אין האַנט די טאָרבע מיט די פּאָר וועש, וואָס די מאַמע האָט צוגעגרייט, דעם לעבל ברויט מיטן ווורשט וואָס די מאַמע האָט אַריינ־געלייגט, זיך דערנענטערט צום טאַטן, אים אַ גלעט געטאָן מיטן האַנט איבער דער ברייטער פּלייצע. די האַנט און די פּלייצע האָבן געציטערט פון צער. דער טאַטע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער, סעראַפין איז צוגעגאַנגען צו דער מאַמען וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, זי אַ קוש געטאָן און, באַגלייט פון אירע פאַרשטיקטע טרערן, אַרויס פון זיין היים, ווו ער האָט אָפּגעלעבט זיינע ערשטע צוואַנציק יאָר. ער האָט געוווּסט די געפאַרן וואָס לויערן אויף אים, נאָר דער דראַנג זיך צו באַפרייען פון די לויערנדיקע געפאַרן האָבן אים געשטויסן איינצושטעלן דאָס לעבן און אַנטלויפן פון דער ברודער־מלחמה.

אַ קאַלטער האַרבסטיקער ווינט האָט געבלאָזן יענעם ביינאַכט, און געטריקנט די פייכטע ערד. סעראַפין האָט געטראָטן אויף די האַלב טרוקענע גרודעס, און זיך צוגעהערט צו זיינע אייגענע טריט, וואָס האָבן אים געשראָקן. דאָס האַרץ האָט זיך געקאַרטשעט פאַר שרעק, זאָל כאָטש עמעצער נישט דערהערן, זאָלן זיינע טריט אים נישט פאַרמסרן און שטעלן אין געפאַר, אַ מענטש אַליין אין וואַלד, ביי נאַכט, אין אַזאַ צייט.

פּלוצלינג, פון דער העלער הויט, האָט ער דערהערט אַ שפּרונג פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש, פון אַ שווערער חיה. ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן מעסער וואָס ער האָט געטראָגן אין קעשענע, אין דער אינעווייניקסטער זייט פון דער נאַגוווקע. פאַר זיינע אויגן האָט אַ גלאַנץ געטאָן די ברוינע פעל פון זיין באַליבטן הונט, אַ גרויל איז דורכגעגאַנגען איבער זיין לייב.

— וואָס טוסטו דאָ? רעמאַ? — האָט ער שטיל געשעפּטשעט. — פאַר וואָס האָב איך דיך נישט פאַרמאַכט אין דיין שטעלכל? וועסט מיך אומברענגען... דו פאַרשטייסט דאָס נישט, ווייסט נישט אַז מיט דיין געטריישאַפט וועסטו מיך פאַרמסרן.

— גיי אַהיים! — האָט סעראַפין שטיל גערעדט צום הונט, וואָס איז געשטאַנען ביי זיינע פיס און זיי געגלעט מיט זיין גלאַטער פעל.

— גיי אַהיים — האָט ער אים געוויזן מיט די הענט, ער זאָל זיך אומקערן, גיין אַהיים — האָב רחמנות, דו פאַרשטייסט נישט אַז איך אַנטלויף פון אַ געפאַר, וועז דו זאָלסט דאָס פאַרשטיין, וואָלסטו מיר געהאָלפן, איצט טויג מיר נישט דיין געטריישאַפט, גיי צו דער מאַמען... גיי צו וויקטאָריאַ, לאָז מיר זיך ראַטעווען.

סעראַפין האָט שטיל אַריינגערעדט אין דעם הונט און אים געגלעט מיט ליבשאַפט. ער האָט זיך אומגעקערט און אַנגעהויבן גיין צוריק. איז דער הונט אים פאַרויסגעלאָפן מיט פרייד. עס האָט אויסגעקוקט אַז דער הונט פאַרשטייט אים, ווי נאָר סעראַפין האָט זיך אויסגעדרייט און געשטעלט אַ פוס פאַרויס אַוועקצוגיין, האָט דער הונט אויך זיך אויסגעדרייט. ווי קלוג און געטריי אַ חיה זאָל נישט זיין, קען זי אָבער נישט באַגרייפן סיטואַציעס, עס פעלט איר דאָס לשון. סעראַפין האָט דערפילט אַז מיט גוטן וועט ער ביים הונט גאַרנישט פועלן, אַז ער וועט די חיה נישט איבערצייגן, אַז זיין פריינד שטעלט אין געפאַר זיין לעבן.

— גיי אַהיים! — האָט ער אַ ווילדן געשריי געטאָן, און דערהערט דעם עכאָ פון זיין אייגן ווילד קול וואָס טראָגט זיך צווישן דיביימער, און קייקלט זיך צו די שפּיצן פון די הויכע סאָסנעס און קלינגט אָפּ ביזן ווייטן האָריזאָנט. ער האָט געוווּסט אַז עס ליגט אין דעם געשריי אַ געפאַר פאַר זיין לעבן.

— גיי! דו ווילסט מיך אומברענגען, איך וועל דיך דערהרגענען! — ער האָט אַ ציי געטאָן דאָס מעסער פון אונטער דער נאַגוויקע און אַ לאָז געטאָן זיך צום הונט גרייט אים צו דערשטעכן.

דער הונט האָט זיך דערשראָקן פאַרן מעסער און פאַר זיין פריינד... ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף הינטערווילעכץ, און מיט זיינע גלאַנציקע

אויגן אין דער פינצטערניש, אַנגעקוקט סעראַפינען, און מן־הסתם געטראַכט:
— דו ווילסט מיך דערשטעכן? — און ווי דער הונט האָט דערפילט די געפאַר וואָס לויערט אויף זיין לעבן, האָט ער גענומען לויפן אויף צוריק.

סעראַפינען איז געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן, ער האָט מיט ליבשאַפט נאָכגעקוקט און זיך צוגעהערט צום לויפן פון זיין געטרייען פריינד, ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט און געטראַכט: — האָסט זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, האָסט דערפילט אַז איך בין גרייט דיך אומצוברענגען, כּדי זיך צו ראַטעווען. אַ מענטש איז פעיק צו דערשטעכן אַן אומשולדיקע חיה, אַ לאַנגיאָריקן פריינד פון זיין לעבן. אַ מענטש איז אין מאָמענטן פון געפאַר פאַר זיין לעבן, גרייט אומצוברענגען אַ געטרייען פריינד. יענע פינצטערע נאַכט אין וואַלד איז געבליבן איינגעקריצט אין סעראַפינס געדאַנק אויף זיין גאַנץ לעבן.

פאַרטאָג איז סעראַפין אָנגעקומען צום פּאָרט, עטלעכע שיפן זענען געשטאַנען פאַראַנקערטע אין האַפן, אָפּגערוקטע פון ברעג. איין שיף איז געשטאַנען ביים ראַנד פון געמויערטן ברעג מיט אַראָפּגעלאָזענע, טונקל־באַלויכטענע טרעפּ. סעראַפין האָט איבערגעלייענט דעם נאָמען פון דער שיף „באַרבאַראַ", עס האָט אים געקלונגען היימיש, אַ שפּאַנישער נאָמען, איז ער געגאַנגען גלייך צו די טרעפּ. „די שיף — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — קלייבט זיך אַרויספאָרן. איך גיי אַרויף, וואָס קען דאָ זיין?..."

ביי די טרעפּ האָט ער דערזען אַ מענטשן זיך וואַקלענדיק אויף די פיס, וואָס קלייבט זיך אַרויפגיין.

— איך וועל דיר העלפן...

— נישט נייטיק... איך פאַרשטיי וואָס דו זאָגסט, איך רעדט פּאָר־טוגעזיש, איך קען די טרעפּ, שוין 28 יאָר ווי איך אַרבעט אויף שיפן.

סעראַפין האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס דאַרף זיין איינער פון דער מאַנ־שאַפט, ער האָט אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און צוגעפירט צו די טרעפּ.

שוין אויפן דעק האָט דער מאַן אָנגעקוקט סעראַפינען — ביסט נישט פון מיין מאַנשאַפט, איך קען יעדערן פון מיין מאַנשאַפט, איך בין דער קאַפּיטאַן — ווער ביסטו? וואָס זוכסטו?

— איך וויל אַרבעטן, —

דער קאַפּיטאַן האָט אָפּגעמאָסטן סעראַפינען מיט חשד פון אויבן אַראָפּ.

— אַרבעטן — דערזען סעראַפינס אויסגעאַרבעטע, פאַרהאַרטעוועטע הענט, איז אים סעראַפין געפעלן געוואָרן.

— קום מיט מיר!

סעראַפין איז אים נאָכגעגאַנגען. דער קאַפּיטאַן האָט אַ פייף געטאָן מיט צוויי פינגער אויף די ליפּן צום מאַטראָס וואָס האָט געוואַכט אויפן דעק. דער מאַטראָס איז אין איילעניש צוגעקומען.

— רוף מיך ראַמאָנען! — (ראַמאָן איז דעם קאַפּיטאַנס געהילף, זיין שטעלפאַרטרעטער, בעת ער שיכורט זיך אָן און פאַלט אַוועק שלאָפן אויף אַ גאַנצן טאָג, ער איז אויך זיין איבערזעצער פאַר די שפּאַניש־רעדנדיקע מאַטראָסן, איצט איז ראַמאָן דער קוכער, ווייל די שיף איז געבליבן אָן אַ קוכער).

— פרעג אים וואָס ער וויל — האָט דער קאַפּיטאַן מיט אַ האַרטער שטימע גערעדט צו זיין געהילף אין אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש.

— וואָס ווילסטו?

סעראַפין האָט דערהערט שפּאַניש, האָט ער געקריגן צוטרוי.

— איך וויל אַרבעטן.

— ביסט אַ קוכער?

— יאָ! אַ געהילף, — האָט סעראַפין אינסטינקטיוו אַרויסגערעדט.

— גוט, וועסטו אַרבעטן מיט מיר, איך בין דער הויפּטקוכער, אַז מען קען עסן — קען מען קאָכן...

ראַמאָן, דער קוכער מיט די איילפּלעקן אויף דער כאַקי־בלוזע, האָט איבערגעגעבן דעם קאַפּיטאַן דעם שמועס און געקריגן אַ קורצן ענטפער:

— אָ קיי, אָ קיי!

סעראַפין האָט זיך דערנענטערט צו ראַמאָנען און אים שטיל געזאָגט:

— איך בין זייער מיד, איך בין אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען, דערלויב מיר זיך צולייגן אויף אַ קורצע ווײַלע שלאָפן, וועל איך קומען צו זיך און קענען אַרבעטן.

ראַמאָן האָט אים צוגעפירט און געעפנט אַ טיר צו אַ טונקעלן צימער, וווּ עס זענען געשטאַנען עטלעכע שמאָלע טאַפּטשאַנעס.

— דאָ קענסטו שלאָפן.

די געמיינזאַמע שפּראַך פון צוויי מענטשן וועקט אויף אין זיי אַ צוטרוי איינער צום צווייטן. סעראַפּין איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ טאַפּטשאַן און גלייך איינגעשלאָפן.

אויפן צווייטן טאָג, ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז די שיף אַרויסגעפאָרן פון שפּאַנישן פּאָרט און זיך געלאָזט אין די ווייטע ימען. עס איז סעראַפּינען נישט איינגעפאַלן צו פרעגן וואוהין מען פאָרט. עס איז אים נישט געווען קיין אונטערשייד ווו מען פאָרט און ווו מען וועט אָנקומען, זיין איינציקער געדאַנק איז געווען זיך ראַטעווען פון בירגערקריג, פאַרלאָזן זיין לאַנד.

דער מאַטראָס וואָס האָט אים צוגענומען צו דער אַרבעט איז אַראָפּ־געקומען אין קיך און אים באַפוילן:

— שייל אָפּ די קאַרטאָפל!

— וויפל? — האָט סעראַפּין הכנעהדיק געפרעגט.

— פאַר צוועלף מענטשן, מיר זענען דאָ צוועלף מיטן קאַפּיטאַן.

סעראַפּין האָט זיך פאַרטראַכט.

— די מענטשן עסן אַ סך?

— בעסער מער, דאָ בלייבט קיין מאָל נישט, אויפן וואַסער האָבן מענטשן אַפּעטיט, נעם אַרויס פון דעם הילצערנעם קעסטל עטלעכע שטיקער באַקאַלאַ (געטריקנטע פיש, שטאַרק געזאַלצענע, אַז עס זאָל זיך האַלטן זייער לאַנג). וואַש גוט אָפּ דעם זאַלץ, צעשנייד זיי אויף צוועלף חלקים, נאָך דעם ווי די באַקאַלאַ וועט זיך קאָכן און ווערן ווייך, וועסטו אַריינ־שניידן די קאַרטאָפל אין דינע פענעצער, דאָס וועט זיין דער היינטיקער מעניו...

סעראַפּין איז געווען צופרידן. אויב דאָס איז קאָכן איז ער אַ הויפּט־קוכער...

די פאַראָרדענונג פלעגט זיך טאָג־טעגלעך איבערחזרן. אַ מאָל האָט מען געקאָכט באַקאַלאַ מיט קאַרטאָפל, אַ מאָל מיט רייז, אַ מאָל חזיר־פלייש מיט קאַרטאָפל, דאָס איז געווען דער מעניו צוויי מאָל אַ טאָג. אַז

סעראַפין האָט זיך באַפריינדט מיטן קוכער וואָס גיט די פּראָדוקטן, האָט ער אים געפרעגט פון וואַנען ער שטאַמט.

— איך בין אַ קובאַנער.

— איך האָב אַ פעטער אין קובאַ — האָט זיך סעראַפין דערמאָנט.

— ווו? אין וועלכער פּראָווינץ?

— איך ווייס נישט, איך ווייס נאָר אַז ער איז אין קובאַ, און איז מיין מאַמעס אַ ברודער.

— מיינע עלטערן זענען שפּאַניאָלן, איך בין געבוירן געוואָרן אין קובאַ, ס'איז אַ שיין לאַנד.

— שענער ווי שפּאַניע?

—ביידע זענען שיינע לענדער, שפּאַניע רופט מען די מוטער, קובאַ איז די טאָכטער...

— ווי איז דיין נאָמען?

— ראַמאָן כימענעז.

סעראַפין האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ פרעג געטאָן דעם קוכער: — ווהין פאָרן מיר, צו וועלכן פּאָרט?

— מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אין פאַרשיידענע פּאָרטן, מיר דאַרפן אויסלאָדן בוימל און „סידרע” (עפּלזאַפט). און אָנלאָדן באַוול און צוקער.

— מעג איך דיך פרעגן אין וועלכע פּאָרטן? יאָ, פאַר וואָס נישט, איך האָב נישט קיין סודות, מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אין ניו־אָרלעאַנס, אָבער אַ מאָל שטעלן מיר זיך אָפּ פריער אין מיאַמי, דאָרטן שטייען מיר אַ טאָג, אַ מאָל צוויי טעג. דאָס איז אַ שיינע שטאָט.

סעראַפינען האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: „אויב די שיף שטעלט זיך אָפּ אין מיאַמי, און מען וועט דערלויבן דער מאַנשאַפט אַראָפּצוגיין פון שיף, וועל איך דאָרטן פאַרבלייבן”. דער געדאַנק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיין פּלאַן — „אויב מיר וועלן דערגרייכן די ברעגן אין אַמעריקע און די שטאָט וועט זיין מיאַמי, וועל איך דאָרטן פאַרבלייבן. .”

✶

אויפן זיבעטן טאָג האָט מען פּלוצלינג דערפילט אַ שטילקייט אויף דער שיף. דאָס וואַסער אין פראָנט פון דער שיף און ביי די זייטן האָט

אויפגעהערט זיך צו פאַלדן, זיך אויפצוהויבן און אַריינלאָזן די שיף. די וואָס זענען געשטאַנען אויפן דעק האָבן גלייך דערפילט אַז די שיף איז געבליבן שטיין. דער קאַפּיטאַן איז אַראָפּגעלאָפן אונטן, אין צימער פון די מאָטאָרן. באַלד איז אַ מאַטראָס געקומען אין קיך רופן דעם קוכער און זיין געהילף צו העלפן דעם מאַשיניסט. אַן אומעט איז באַפאַלן די מענטשן אויף דער שיף.

דער מאַשיניסט האָט געריייניקט דעם „וואָלוו לאָס" די מאָטאָרן. שווייס האָט זיך געגאָסן איבער זיין פּנים און איבער די הענט, פון דער אַרבעט און פון זאָרג. און אויף דעם אָפּשרויפן און צוריק איינשרויפן די גווינטן איז אַוועק דער גאַנצער טאָג, אָבער די מאָטאָרן האָבן נישט געאַרבעט. אינעם אַקומולאַטאָר איז נאָך געווען עלעקטריע און די לעמפּלעך האָבן אַלע געברענט.

דער קאַפּיטאַן איז אַרויף אויפן דעק און מיט אַ שפּאַקטיוו באַטראַכט די האָריזאָנטן, ער האָט דערזען פון גאָר ווייט זיך דערנענטערן אַ שיף. ער האָט גלייך אַרויסגעהאָנגען אַ פאָן, אָנצוזאָגן אַז די שיף איז אין אַ צרה. שפּעט אין אָוונט האָט זיך אָפּגעשטעלט די צווייטע שיף אַ פּאָר הונדערט פוס פון דער שטייענדיקער שיף. באַלד האָט מען אַראָפּגעלאָזן אַ קליין שיפל, און דריי מענטשן זענען צוגעשוווּמען און אַרויפגעקלעטערט דורך אַ שטריקלייטער אויפן דעק. איינער פון די דריי איז געווען דער מעכאַניק פון דער אָנגעקומענער שיף. ער האָט גערעדט שפּאַניש און זיך פאַרשטענדיקט מיטן מעכאַניק פון דער שטייענדיקער שיף.

— איצט איז פינצטער. מיר ראָטן דיר דו זאָלסט דאָס לאָזן אויף מאָרגן, מיר וועלן קומען פאַר טאָג און דיר העלפן פאַרריכטן די מאָטאָרן.

דער קאַפּיטאַן פון דער „באַרבאַראַ" האָט געספּקט, ער האָט געוואָלט מען זאָל זיך גלייך שטעלן צו דער אַרבעט. דער מאַשיניסט פון דער ענגלישער שיף האָט זיך אָבער נישט געאיילט און איבערצייגט דעם קאַפּיטאַן, אַז אין דער פרי וועט מען דאָס פאַרריכטן אַ סך גיכער און זיכערער.

די מאַנשאַפט פון דער שטייענדיקער שיף האָט איבערגעלעבט אַן אומרויִקע נאַכט. דאָס שטיין אין מיטן ים וואַרפט אַן אַן אימה, דאָס

וואַסער, די אומענדלעכקייט, שרעקט. דער בלאָער פלאַך פון אומענדלעכן ים איז שוואַרץ געוואָרן אין דער פינצטערניש און וואַרפט אָן אַ שרעק.

באַלד פאַר טאָג זענען צוגעקומען די דריי מענטשן, דער מעכאַניק האָט באַטראַכט דעם אַלטן מאָטאָר, אָנגעטאָן אַ פּאָר הענטשקעס און געזאָגט וואָס מען דאַרף טאָן. צוויי שעה שפּעטער האָבן די מאָטאָרן אָנגעהויבן אַרבעטן און עס איז געוואָרן פריילעכער אויף דער שיף.

דער מאַשיניסט פון דער ענגלישער שיף האָט פאַרשריבן אַלע דאַטן פון דער שטייענדיקער שיף, דער קאַפּיטאַן האָט אונטערגעשריבן, מען האָט זיך פריינדלעך געזעגנט, די מענטשן זענען דורכן שטריקלייטער אַראָפּ צו דעם שיפל און אַוועק צו זייער שיף. עס איז אָבער אויפן שיף פאַרבליבן די שרעק, טאָמער חזרט זיך איבער אָן אָפּשטעל פון די מאָטאָרן, נישט געקוקט אויף דער פאַרזיכערונג פון מאַשיניסט אַז דאָס וועט מער נישט געשען...

די שיף איז עטלעכע טעג געשווומען זייער רויִק. איין פרימאָרגן האָט מען אָנגעזאָגט דער מאַנשאַפט אַז די שיף דערנענטערט זיך צום אַמעריקאַנער ברעג און וועט שטיין צוויי טעג אין מיאַמי. ביים אָנקומען אין מיאַמי וועט מען אויסצאָלן די אַרבעטער דעם לוין. סעראַפין איז געוואָרן אומרויִק, ווי זאָל ער האַנדלען? זאָל ער אָפּנעמען זיין פאַרדינטן געהאַלט און אַראָפּגיין, אָדער בעסער זיך אָפּזאָגן פון זיין פאַרדינסט און גלייך אַראָפּגיין? ער האָט מורא געהאַט טאָמער פאַרלירט ער די געלעגנהייט אַראָפּצוגיין אין דער שטאָט, ער האָט נאָך אַלץ געטראָגן אין געדאַנק די מורא פאַר די געפאַרן אין זיין לאַנד. עס האָט אים אויסגעקוקט אַז עס קומט אים גאָרנישט פאַר דער אַרבעט, ווייל די שיף האָט דאָך אים אַרויסגעראַטעוועט פון אַ געפאַר, האָט ער נישט געוואָרט אָפּצונעמען זיינע פאַרדינסטן, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך אָפּגעטראָגן פון דער שיף פונקט ווי ער איז אַרויפגעגאַנגען.

*

סעראַפין האָט נישט פאַרמאָגט קיין איין אַמעריקאַנער דאָלער. ער האָט געהאַט שפּאַנישע פּעסעטעס וואָס די מאַמע האָט אַריינגענייט אין זיינע הויזן, אָבער ווו וועט ער זיי בייטן, ווו ווייס ער פון אַ באַנק? און

אפשר וועט מען אים אויספרעגן פון וואַנעט ער האָט שפּאַניש געלט? אַלץ האָט ער באַטראַכט אונטער דער מורא און שרעק וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך. סעראַפּין האָט זיך דערפילט איינזאַם און אויף הפקר. אויף דער שיף איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, עס איז אים גאָרנישט געקומען אויפן געדאַנק אַז ער גייט אַראָפּ אין אַ פרעמדער שטאָט, מיט אַ פרעמדער שפּראַך, אָן אַ גראָשן, אַז שוין היינט וועט ער דאַרפן בעטן אָפּצועסן. ווו וועט ער היינטיקע נאַכט שלאָפן? ער דאַרף גיך זוכן אַרבעט, בעטן אַרבעט, ווער וועט אים פאַרשטיין? ווער וועט אים געבן אַרבעט? די ספקות האָבן געפירט צו חרטה, „פאַר וואָס בין איך אַראָפּ פון שיף? איך האָב דאָך געקענט פאָרן ווייטער, איך האָב דאָך געקענט אָפּנעמען מיין פאַרדינט געלט אויף דער שיף"...

אַ קליין שילדל מיט קרומע געשריבענע אותיות, „דאָ רעדט מען שפּאַניש" האָט איבערגעריסן זיינע מחשבות און אַ צינד געטאָן אַ האָפענונג. שפּאַניש, דאָס איז דאָך זיין שפּראַך, דאָס איז דאָך זיין אָפּשטאַם, אָן צו טראַכטן גייט ער אַריין אין קליינעם רעסטאָראַנדל, שטעלט זיך ביי דער טיר און קוקט זיך אַרום. ער זעט איין מענטשן.

— עמעצער רעדט שפּאַניש? — פרעגט ער אומזיכער — איך זוך אַרבעט.

— איך פאַרשטיי נישט, — מאַכט דער מענטש מיט די הענט „אויף ניין". באַלד וועט קומען דער וואָס רעדט שפּאַניש, זאָגט אים דער מענטש אין אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש געמישט מיט גריכיש, און מישט אַריין שפּאַנישע ווערטער וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אויף אַ שיף, אָדער דאָ אין רעסטאָראַן. ער רעדט צו אים מיט וואַרעמקייט, ער באַמיט זיך אים אויפצוקלערן וואָס ער זאָגט אים. סעראַפּין פאַרשטייט אים... ער פאַר־שטייט נאָר נישט, אַז דער וואָס רעדט שפּאַניש וועט באַלד קומען, ער וויל אַוועקגיין, און דער היוכער מאַן גיט אים אַ שלעפּ פאַרן אַרבל און ווייזט אים אָן אויף אַ שטול, סעראַפּין קוקט אים אָן.

— באַלד וועט קומען דער וואָס רעדט שפּאַניש...

— סי, סי, סי, (יאָ, יאָ, יאָ) — מורמלען זיינע ליפּן, ער גיט אַ באַוועג מיטן האַנט אַז ער קען שטיין, מען דאַרף נישט קיין שטול, נאָר דער

הויכער מאַן זעצט אים אַוועק און פאַרשווינדט. ער קומט אַרויס פון קיך מיט אַ טעלער זופּ און אַ פּענעץ ברויט, שטעלט דאָס אַוועק אויף איינעם פון די טישלעך און פירט צו סעראַפינען צום טיש. סעראַפין קוקט אָן דעם הויכן שוואַרץ־חנעוודיקן מענטשן ווי ער וואָלט אים דערקענט. ער דערפילט אין אים אַן אייגענעם. ער דערפילט צו אים אַ טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר דער פריינדשאַפט וואָס ער ווייזט אים אַרויס. עס דוכט זיך אים אַז ער פאַרשטייט אים אַזוי גוט ווי ער וואָלט גערעדט זיין שפּראַך. אין שווערע מאָמענטן אין אַ מענטשנס לעבן, קען מען פאַר אַ פּענעץ ברויט דערגרייכן דאַנקבאַרקייט און פריינדשאַפט אויף אַ גאַנץ לעבן.

סעראַפין עסט פּאַמעלעך. עס איז אים אַ שאָד אויפצועסן די זופּ. ער קוקט זיך אַרום צי זיין נייער פריינד זעט נישט, און ווישט מיט דער האַנט די פייכטקייט פון זיינע אויגן. ווי פיילן יאָגן זיך אין זיין געדאַנק טראַכטע־נישן, ווו וועט ער זיך אַהינטאָן ביי נאַכט? פאַר וואָס האָט ער נישט אָפּגענומען דעם שכר פאַר זיין אַרבעט אויף דער שיף... ער זאָל כאָטש האָבן צו באַצאָלן פאַרן שלאָפן די ערשטע נאַכט? ער דערזעט זיין טאַטן, מאַמען פאַרן אַרויסגיין פון שטוב, „עס איז אפשר בעסער צו לעבן אין געפאַר אין דער היים, ווי אין דער (זיכערער) איינזאַמקייט אין דער פרעמד". ער וויל זיך באַפרייען פון די טראַכטענישן, ער קען זיי אָבער נישט קאָנטראָלירן. דער מענטש האָט נישט דעם כוח צו קאָנטראָלירן זיין געדאַנק, פונקט ווי ער האָט נישט דעם כוח צו קאָנטראָלירן זיין האַרץ.

— גראַסיאַס! זאָגט סעראַפין צום הויכן שוואַרץ־חנעוודיקן יונגן־מאַן, און הייבט זיך אויף אַוועקצוגיין.

— נאָ! — זאָגט דער מאַן מיט אַ פריינדלעכן קול — ער הייסט אים זיצן און וואַרטן. סעראַפינען פעלט גאַרנישט איין אַז דער רעסטאָראַן דאַרף אים האָבן, אַז זיי זוכן אַ מענטשן צו אַרבעטן. אים דוכט זיך אַז דער יונגער־מאַן טוט דאָס אַלץ פאַר זיינעטוועגן...

עס קומט אַריין דער מאַן אויף וועמען ער וואַרט, דער מאַן וואָס רעדט שפּאַניש, אַ מיטלוועקסיקער מיט אַ שטאַרק אָפּגעברענטן פּנים. אפשר איז דאָס דער נאַטירלעכער קאָליר פון זיין פּנים.

— וואָס? קומסט געוויס פון שפּאַניע?

— יאָ! — ענטפערט סעראַפין מיט אַ געצאַמטער פרייד — יאָ! דער מאַן האָט מיך געהייסן וואַרטן — פאַרענטפערט זיך סעראַפין.

— האָסט דאָ עמעצן?

— ניין! קיינעם נישט, איך זוך אַרבעט, וואָס עס זאָל נישט זיין...

— קענסט בלייבן דאָ, וועסט דערווייל אַרבעטן אין קיך, דערנאָך וועסטו זען וואָס צו טאָן, קענסט דאָ שלאָפן... דערציייל מיר וואָס עס טוט זיך אין שפּאַניע, איך האָב דאָרטן מיין פאַמיליע.

סעראַפין האָט דערפילט אַ נאָענטקייט צו דעם מענטשן וואָס רעדט זיין שפּראַך, וואָס רעדט צו אים אַזוי פריינדלעך און האָט זיין פאַמיליע אין שפּאַניע, פונקט אַזוי ווי ער, סעראַפין.

— גלויב מיר, אַז כאָטש איך קום דירעקט פון דאָרטן, ווייס איך נישט וואָס דאָרטן קומט פאָר. מיר וווינען אין אַ דאָרף, איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָרטן קומט פאָר... עס האָבן זיך פאָרמירט צוויי צדדים און מען הרגעט אויס איינער דעם צווייטן, מיין שוואָגער באַרטאָלאָ זאָגט אַז ער קעמפט פאַר אַ בעסערער אָרדענונג אין שפּאַניע... אָבער ווער ווייסט צי די אָרדענונג וועט זיין בעסער? מיין ברודער דינט אין גענעראַל פראַנקאָס אַרמיי. אַלע זענען זיך פון איין פאָלק, און הרגנען זיך אויס איינער דעם צווייטן. עס זענען אָנגעקומען איטאַליענער, פראַנצויזן, טשעכן, און אפילו כודיאָס (יידן), יונגע מענטשן, און אַלע שלאָגן זיך. וואָס האָבן די אַלע צו טאָן אין שפּאַניע און העלפן אויסהרגענען די שפּאַניאָלן, שוין דאָ עטלעכע פון מיין דאָרף געהרגעטע, פון איין צד און פון צווייטן...

פלוצלינג איז סעראַפין פאַרשטומט געוואָרן, עס האָט זיך אַ טראַג געטאָן אַ געדאַנק אין זיין מוח אַז בעסער איז שווייגן, וואָס ווייסטו פון וועלכן צד דער מענטש איז?

צווייטער טייל

סעראַפין מאַטאָס, אַ מיטל־וווקסיקער יונגער־מאַן, מיט ברייטע פּלייצעס און הענט ווי צוויי שווערע צווייגן, איז אַ שווייגנדיקער געשטאַנען און

געוואַשן די טעלערס, געריייניקט די גאָפּל־מעסער און געטראַכט וועגן זיין היים און לאַנד.

סעראַפין האָט געפילט אַן ענגשאַפט אין דער קיך, דער שטיינקויל־אויוון האָט געררויכערט, דער קוימען איז געווען פאַרשטאָפּט און נישט געצויגן. דורך די גלעזערנע שייבלעך פון סופיט, איבער׳ן וואַששיסל, האָט געשלאָגן אַ שטאַרקע היץ פון דער זון, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן הימל.

— צו וואָס בין איך געקומען אַהער? וואָס וועל איך דאָ טאָן? וואַשן טעלערס מיין גאַנץ לעבן?

אַ טיפע בענקשאַפט האָט געגאַגט זיין שטאַרק, יונג האַרץ. זייער אָפט פלעגט סעראַפין אין דעם פליסן פון וואַסער דערזען דעם טייך וואָס איז געפלאָסן נאָענט צום שטעטל. אין דעם בליאַסק פון די געוואַשענע טעלערס פלעגט זיך אָפּשפיגלען זיין מאַמעס פאַרצערט פּנים. פאַר זיינע אויגן פלעגן אויפשווימען זייערע צוויי פערד. אַן אומעט פלעגט אים באַפאַלן ווען ער פלעגט דערזען זיינע גרויסע הינט, מיט וועלכע ער איז צוזאַמען אויפגעוואַקסן, — „טראַכט איר אַ מאָל פון מיר? צי האָט איר מיך אין גאַנצן פאַרגעסן?"

דער שוואָם מיט וועלכן סעראַפין האָט געוואַשן די טעלערס איז געלאָפן אויטאָמאַטיש, ווי זיינע הענט וואָלטן געבוירן געוואָרן פאַר דער אַרבעט. נאָר דער געדאַנק האָט געחלומט וועגן אַ ווייטן לאַנד, וועגן גרינע באַאַרבעטע פעלדער, וועגן אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, וועגן ברידער, וועגן שוועסטער, וועגן אַן אַנדער לעבן ווי דעם, וואָס ער לעבט ביים וואַסערקראַן, ביים טישל מיט די טעלערס. סעראַפין האָט געלעבט אין אַן אַנדער וועלט, ווי די קיך אין וועלכער ער אַרבעט. ווען וואָלט גאָר איינפאַלן, אַז דאָ שטייט אַ מענטש, וואָס טוט זיין אַרבעט אָן אַן איבעררייס, און זיינע געדאַנקען זענען פאַרטראָגן אַזוי ווייט?

אָפט פלעגט אים, פון בענקשאַפט, ווערן ביטער אויפן האַרצן און ער פלעגט דערפילן אַ פייכטקייט אין די אויגן. פלעגט ער אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ נענטער צום וואַסער, וואָס איז געלאָפן פון קראַן, אַז קיינער זאָל די פייכטקייט נישט באַמערקן.

אין די נעכט, אַ וואַכעדיקער, פלעגט ער טראַכטן וועגן זיין היים, וועגן

דאַרף, וועגן די פעלדער, וואָס רינגלען אַרום זיין דאָרף. איין מאָל איז אים איינגעפאַלן אַז אַנשטאָט אין אַן אָרט פון פאַלמעס, פון בלומען, האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון אַ הייסער קיך, און ער האָט באַשלאָסן אַרויסגיין זוכן אַרבעט אויף דער פריי. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי שפּאַניש־ריידנדיקע שכנים, אין האָטעל, ווו ער האָט געוווינט און דערגאַנגען צו אַ מעקסיקאַנער, וואָס האָט באַאַרבעט גערטנער אין מיאַמי־ביטש. זיי זענען דורכגעקומען, אַז פון די גערטנער, וואָס סעראַפין וועט באַאַרבעטן, די וועלכע דער מעקסיקאַנער וועט אים איבער־געבן, אָדער די נייע, וואָס סעראַפין וועט קריגן צו באַאַרבעטן, וועט סעראַפין נעמען פופציק פּראָצענט און דער מעקסיקאַנער פופציק. דערפאַר וועט דער מעקסיקאַנער אים געבן די געצייג, וואָס ער דאַרף צו דער אַרבעט.

סעראַפין האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין גוטער אָפּמאַך, אַז ער זאָל אַרבעטן און דער צווייטער זאָל נעמען אַ העלפט. ער איז אָבער איינגעגאַנגען אויף דעם אָפּמאַך, ווייל ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון פון דער קיך, פון דעם רויך, און פון דער היץ. ער וויל אַרבעטן אויף דער פריי, בייביימער און בלומען, וויפל ער וועט פאַרדינען וועט אים קלעקן, ווייל קיין צו פיל דאַרף ער נישט.

סעראַפין האָט נישט געשפּאָרט קיין אַרבעט. ער האָט זיין אַרבעט געטאָן מיט ווילן, מיט ליבשאַפט. די גערטנער וואָס ער האָט באַאַרבעט זענען געוואָרן שענער, גרינער. די אַרומגעשניטענע צאַמען פון בוגענווילִיע־בלומען וואָס וואַקסן אויף צווייגלעך און פלעכטן זיך איינער אין צווייטן האָבן געקריגן אַן אויסזען פון סקולפּטורן. די בעלי־בתים האָבן אים צוגע־טראָגן טרינקגעלט. אָפט מאָל איז דער טיפּ געווען מער ווי דאָס וואָס דער מעקסיקאַנער האָט אים געצאָלט פאַר דער אַרבעט.

ס׳זענען אָוועק עטלעכע מאָנאַטן. סעראַפין האָט זיך אויסגעלערנט די טערמינען פון גאָרטן־אַרבעט אין ענגליש, איז ער אָוועק צום מעקסיקאַנער, וואָס האָט געוווינט אין אַן אייגן הויז, און אים געזאָגט, אַז ער אַרבעט נישט מער פאַר אים, אַז ער וועט אויף ווייטער אַרבעטן אויף זיין אייגענער רעכענונג.

דער מעקסיקאַנער איז געוואָרן זייער אויפגעבראַכט און זיך צעשריגן:

— איצט אַז איך האָב דיר איבערגעגעבן מיינע קליענטן, וועסט אַרבעטן אויף דיין אייגענעם חשבון?

— איך וועל דיינע קליענטן נישט אָנרירן, איך וועל נאָר אַרבעטן פאַר די, וואָס וועלן מיך רופן. פון היינט אויף ווייטער וועל איך אַרבעטן פאַר מיר...

אין אַ פּאָר טעג אַרום, באַאַרבעטנדיק אַ גאָרטן, וואָס סעראַפין האָט אַליין געקריגן דעם קונה, האָט זיך באַוויזן דער מעקסיקאַנער, זיך אָנגעהויבן קריגן מיט סעראַפינען און אים באַליידיקן, ער איז צוגעלאָפן צו סעראַפינען און מיט אַ פויסט אים אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין דער זייט און אים צעבראָכן אַ ריפּ. סעראַפין איז אַנידערגעפאַלן. דער מעקסיקאַנער איז זיך געלאָזן אַוועקגעאַנגען.

ווען די בעל־הביתטע, וווּ סעראַפין האָט געאַרבעט, האָט דערזען, וואָס עס איז פאָרגעקומען, האָט זי אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל וווּ מען האָט אים פאַרבאַנדאַזשירט און אָנגעזאָגט ער זאָל אַ חודש נישט אַרבעטן, זיך נישט בויגן, און אויב מעגלעך ליגן, נישט אַרומגיין.

די בעל־הביתטע האָט אים אַוועקגעפירט אַהיים. זי האָט זיך פאַרטראַכט אויף דער אָרעמקייט, אין וועלכער ער לעבט. צוריקקומענדיק האָט זי באַזוכט די שכנים פון איר גאַס און זיי אַלעמען דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען. ווען דער מעקסיקאַנער איז געקומען מיט אַ צווייטן געהילף און געוואָלט באַאַרבעטן די גערטנער, האָבן אים אַלע געלאָזט וויסן, אַז זיי האָבן שוין אַ גערטנער און זיי ווילן נישט ער זאָל פאַר זיי מער אַרבעטן.

דער מעקסיקאַנער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות שלאָגנדיק סעראַפינען, וועמען ער האָט אויסגענוצט, און זיך פאַרקליבן פון יענער געגנט.

דער גאָרטן אויף פיין־סטריט, וווּ עס וווינט פרענציס, האָט זיך איינגעקריצט אין סעראַפינס זכרון. ער האָט געטראַכט וועגן די איידעלע שטריכן אויף איר פּנים, וועגן איר פריינדלעכער באַנעמונג צו אים. עס האָט געלעבט אין זיין געדאַנק דער קלאַנג פון איר שטימע, וואָס האָט

געקלונגען ווי דער קלאַנג פון קרישטאָל. ווער איז זי? — האָט ער געוואָלט וויסן. דעם לעצטן מאָל, ווען ער האָט באַאַרבעט איר גאָרטן, האָט זי צו דער שכנה גערעדט אין אַ שפּראַך, וואָס ער האָט קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. אפשר דייטש? אָבער זי האָט פיינט די דייטשן...

פרענציס לערנט אים די ענגלישע נעמען פון בלומען, פון ביימער, פון דער גרויסער שער, מיט וועלכער ער שניידט אַרום די צווייגן. דעם נאָמען פון דער גראַבליע, מיט וועלכער ער נעמט צונויף די אַראָפּ־געפאַלענע, אָפּגעשאָרענע צווייגלעך און בלעטער. פרענציס טרעט נישט אָפּ פון זיין חלום. ער פילט אַ נאָענטקייט צו דעם הויז, צום גאָרטן. מיט ליבשאַפט שניידט ער אַרום די ביימער, באַגיסט די בלומען און דאָס גראָז און גלעט זיי אַלע, מיט זיינע הענט, ווי אַ מאָלער גלעט מיט זיינע אויגן, דאָס בילד וואָס ער מאָלט, זיין שאַפונג.

סעראַפין איז אינספּירירט דורך זיין בענקשאַפט נאָך דער פרוי. ער האָט זיך דערהויבן אין זיינע טראַכטענישן און געפילן, ער איז איידעלער אין זיינע רייד.

ער האָט ליב די ביימער, וואָס ער שניידט אַרום, די בלומען, דאָס גרינע גראָז, וואָס ער שניידט אַרום אין פראָנט פון די הייזער. עס האָט זיך אין גאַנצן געביטן זיין באַנעם צו אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום. ער איז אינעווייניק געוואָרן צאַרטער, נישט געקוקט אויף זיינע דיקע הענט און שטאַרקן גוף.

שטאַרקע, נאַסע ווינטן האָבן געבלאָזן אין די ערשטע טעג פון האַרבסט. עס האָבן אַ גאָס געטאָן שטאַרקע רעגנס און געריסן די בלעטער פון די ביימער, די צווייגן האָבן זיך שטאַרק געוויגט און געריסן די וואָרצלען פון די ביימער. די בלומען האָבן, טרויעריקע, אַראָפּגעלאָזט זייערע נאַסע, איינגעשרומפּענע קעפּ צו דער ערד. סעראַפינען פאַלט איין אַ געדאַנק, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט: „קיין זאַך לעבט נישט אייביק. אַלץ וואָס לעבט, מוז שטאַרבן. די ביימער, די בלומען, די געוויקסן — זיי שטאַרבן איבערן ווינטער, צייטווייליק, און שטייען אויף תּחית־המתים".

ביימער, בלומען, געוויקסן לעבן אַזוי לאַנג ווי די ערד שפּייזט זיי מיט

אירע זאָפטן און די זון באַגיסט זיי מיט שטראַלן. זיי שטאַרבן אין ווינטער און לעבן אויף צוריק, ווי נאָר דער פרילינג קערט זיך אום.

אַלע חיות שטאַרבן, אָדער ווערן אויפגעפרעסן פון אַנדערע חיות, שטאַרקערע. אַ גרויסן טייל פון די חיות איז מקריב דער מענטש זיך צו זעטיקן. דער מענטש לעבט לענגער ווי די מערסטע חיות, ער שטאַרבט איין מאָל — אויף אייביק. דאָס איינציקע אייביקע — איז דער טויט.

דער מענטש האָט, אין זיין פאַנטאַזיע, אויסגעטראַכט אַ לעבן נאָכן טויט. דעקאָרירט יענעם לעבן מיט אַ גן־עדן, ווו די ערלעכע מענטשן וועלן באַלוינט ווערן פאַר זייער גוטסקייט, און אַ גיהנום, ווו די שלעכטע מענטשן וועלן באַשטראָפט ווערן. די פאַנטאַזיע, אָדער פאָעטישע וויזיע פאַרלייכטערט דעם ווייטיק, דעם טרויער, וואָס דער טויט פאַרשאַפט, וואָס דער טויט לאָזט איבער ביי די נאָענטע מיטמענטשן, נאָך אַ לעבן פון מי און זאָרג, פון אַרבעט און שאַפונג, וואָס דער מענטש לאָזט איבער און גייט אַוועק אויף אייביק און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ טויטער מאַסע.

די פאַנטאַזיע פון נאָך אַ וועלט, פון אַ צווייטן לעבן נאָכן טויט, נאָך דעם ווי מען פאַרשיט דעם טויטן גוף מיט צענדליקער פודן ערד איז אַן איינרעדעניש, וואָס עקזיסטירט שוין טויזנטער יאָרן און איז אויפגעקומען צוזאַמען מיטן מאָנאָטעיזם, דעם גלויבן אין איין גאָט.

✶

אַז סעראַפין האָט געאַרבעט אין יענער געגנט, פלעגט ער אַנלייגן וועג און פאַרבייגיין דאָס הויז. אפשר זיצט פרענציס אויף דער וועראַנדע און ער וועט זי זען. ער האָט געפילט אַ נאָענטקייט צו דעם הויז, צום גאָרטן, צו די ביימער און צו די בלומען. ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט געוועזן פאַרכישופט פון דער יונגער פרוי, וואָס באַציט זיך אַזוי פריינדלעך צו אים. אַלץ האָט אים איבערראַשט: ווי שיין זי שרייבט, ווי קען מען אַזוי שרייבן? איר איידעלער אויסזען האָט אים באַצויבערט, זי איז אַן ערנסטע, נאָר ווען זי שמייכלט שיינט איר פנים. „ווען איך זאָל האָבן מוט איר דערציילן ווי איך טראַכט וועגן איר, ווי איך האָב זי ליב. ס'איז נישט גוט צו טראַכטן אַזוי... זי וועט זיך באַליידיקן און מיר בעטן איך זאָל מער נישט קומען״.

אַ געמיש פון ליבשאַפט, רעספּעקט און מורא האָבן געלעבט אין אים, ער זאָל נישט צעשטערן די געלעגנהייט, וואָס ער האָט זי צו זען, צו באַאַרבעטן איר גאָרטן, צו רעדן מיט איר און טראַכטן וועגן איר. דער פּשוטער, ערלעכער בחור האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי העכער פּרענציס שטייט פון אים. עס איז אים קיין מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז ער קען זיך דערנענטערן צו דער שיינער געלערנטער פרוי. נאָר אין געדאַנק האָט ער נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן איר.

סעראַפין האָט אָנגעהויבן צו קומען באַאַרבעטן פּרענציסעס גאָרטן נישט אין די אַרבעטס־קליידער נאָר אין זיין בעסטער העמד, וואָס ער האָט פאַר דעם צוועק געקויפט, אין זיינע יום־טובדיקע הויזן און געפּוצטע שיך. ער האָט געוואָלט איר געפעלן ווערן, ער אַליין האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס ער טוט דאָס.

פּרענציס האָט אים איין מאָל געפרעגט:

— פאַר וואָס קומסטו אין דיינע גוטע קליידער, דו שמירסט זיי אויס, עס איז אַ שאָד.

סעראַפין האָט זיך פאַרלאָרן, ווי מען וואָלט אויפגעדעקט זיינעם אַן אינערלעכן סוד.

— עס מאַכט נישט אויס...

פּרענציס האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאַר אין איר יונגן גערטנער. זי האָט געשמייכלט און מער נישט געפרעגט.

פּרענציס באַוווּנדערט זיינע אָפּגעבריענטע שטאַרקע הענט, זיין ברייטע נאַקעטע פּלייצע. אַז זי דערפילט, אַז איר פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך און זי טראַכט צו פיל פון גערטנער, פלעגט זי אַריינגיין אין שטוב און אָנהייבן ראַמען און פּוצן, צו פאַרטרייבן די געדאַנקען.

אין יענער צייט איז די באַפעלקערונג אין מיאַמי געוועזן אַ צונויפּ־געלאָפענע, מען האָט זיך נישט געקענט. פּרענציס האָט געאַרבעט אין אַ באַנק, וואָס האָט זיך געעפנט. זי באַקאַנט זיך מיט אַ יונגן־מאַן. ער לאַדט זי איין צו אַ „שאָו". דער יונגער־מאַן איז העפלעך, אויסגעבעריש. ער טאַנצט מיט איר אַ גאַנצן אָוונט. נאָר פלוצלינג באַמערקט זי, אַז אַ פרוי גייט זיי נאָך. דער יונגער־מאַן ווערט נערוועז און ביים פאַרענדיקן אַ טאַנץ טראָגט

ער זיך אָפּ. די פרוי לויפט אים נאָך, זי קערט זיך באַלד אום, זוכט אויף פרענציסן, וואָס שטייט אַ צעטומלטע, און איבערראַשטע.

— איר קענט אים, דעם כוליגאַן, דעם אויסוורף? ער איז מיר נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים, ווי אַ הונט. מיך געלאַדן צו טאַנץ־אָוונטן, ביז ער האָט מיך פאַרנאַרט צו אים אַהיים. דערנאָך האָט ער מיר געבעטן איך זאָל אים באָרגן געלט. ער גייט עפּענען אַ ביזנעס, האָט ער מיר דערציילט. ווי נאָך איך האָב אים אַוועקגעגעבן טויזנט דאָלער פון מיינע אָפּגעשפּאָרטע, אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן, איז ער פאַרפאַלן געוואָרן. אַנטשולדיקט וואָס איך באַלעסטיק אייך, ווי אַן אָפּגענאַרטע, פיל איך פאַר מיין פליכט אייך דאָס צו דערציילן.

די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זיך אַוועקגעשאַרט.

פרענציס האָט זיך געשראָקן, אַז דער יונגער־מאַן זאָל איר נישט נאָכגיין און באַפאַלן. אַ צעשראָקענע איז זי אָנגעקומען אַהיים, פאַרמאַכט טיר און טויער און אומרויק געוואַכט לאַנגע שעהען.

★

אויפן ליידיקן פּלאַץ, אַנטקעגן פרענציסעס הויז, בויט זיך אַ נייַ הויז. אין די פאַרנאַכטן קומט אַ מיטלוואָקסיקער יונגער־מאַן באַטראַכטן ווי עס גייט אָן די אַרבעט. ער גייט אַרום די אויפגעבויטע ווענט, ער גייט אַריין אינעווייניק, ער באַטראַכט דעם פּלאַץ, וואָס איז געבליבן פאַרן גאָרטן, שטייט אַ ווײַלע, און גייט אַוועק.

גלייך פון ערשטן מאָל, וואָס פרענציס האָט באַמערקט דעם מאַן, האָט ער זיך איינגעקריצט אין איר זכרון. זיינע באַוועגונגען קוקן איר אויס באַקאַנטע. איז דאָס נישט שלום? איר שול־חבר? זי קוקט זיך צו צו זיין פּראָפיל און איז זיכער, אַז דאָס איז שלום. זי שטרענגט אָן אירע אויגן און באַמערקט דעם אומעטיקן אויסדרוק אויף זיין פּנים. און כאָטש זי האָט אים געזען פון דער ווייטן, איז זי זיכער אַז זיינע אויגן זיינען בלויע.

פרענציס האָט יענעם פאַרנאַכט נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם מאַן. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געשטאַנען פאַר אירע אויגן — אויפן פּלאַץ ווו זי האָט אים געזען פון איר פאָרטאַל. דער יונגער־מאַן מיט דעם שוואַרצן קאָפּ האָר, האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געפּלאָנטערט אין אירע

געדאַנקען און פאַרשאַפּט טעותים ביי דער אַרבעט אין באַנק. פרענציס הייבט אָן טראַכטן, אַז זי איז היפּנאָטיזירט געוואָרן פון אַ מענטשן, וואָס זי קען נישט און ווייס נישט, מיט וועמען זי האָט קיין מאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ווי קען דאָס זיין? — האָט זי געטראַכט.

פרענציס האָט געהאַט אַ דראַנג זיך צו דערנענטערן צו עמעצן. צו עמעצן, וואָס זאָל פאַרלייכטערן איר איינזאַמקייט. עמעצער וואָס זאָל פאַר־בייטן די אַלע, וואָס זי האָט פאַרלאָרן און טראָגט זיי אין איר זכּרון.

— אַז דער מאַן וועט היינט קומען, וועל איך צוגיין זיך באַקענען מיט אים. איך וועל זיך פאָרשטעלן פאַר אים.

— איך בין אייער שכנה, מיין הויז איז אַנטקעגן אייער הויז.

נאָר פאַרנאַכט איז דער מאַן נישט געקומען. נישט דעם צווייטן טאָג, ער איז אָבער געפאַנגען אין פרענציסעס זכּרון, פונקט ווי דעם ערשטן טאָג, פונקט ווי זי האָט אים געזען דעם ערשטן מאָל, אין דער העל־בלויער העמד.

— אפשר קומט ער פריער ווי איך קום אַהיים פון דער אַרבעט?

פרענציס האָט זיך אָנגעהויבן איילן צו קומען פריער. זי האָט געוווּסט פאַר וואָס זי איילט זיך און דאָס נישט געקענט פאַרשטיין. אָבער אָט איז זי אָנגעקומען און דער מאַן שטייט ביי דעם הויז, אויף וועלכן מען האָט היינט געגאָסן דעם דאַך. זי ווייס נישט וואָס צו טאָן? זאָל זי פריער עפענען די טיר פון איר הויז און אַריינגיין אין שטוב, צי זאָל זי גלייך צוגיין און זיך פאָרשטעלן. היינט טראָגט ער אַ ווייס העמד. זיינע שוואַרצע האָר זענען נאָך שוואַרצער. נאָר זי קען זיך נישט דעצידירן. זי שליסט אויף די טיר און גייט אוועקלייגן איר האַנטבייטל. יע! זי גייט זיך פאַר־שטעלן פאַרן שכן, וואָס בויט דאָס הויז אַנטקעגן איר היים. ווען זי קומט אַרויס איז שוין דער יונגער־מאַן נישטאָ. זי זעט ווי ער גייט צום ראָג גאַס.

פרענציס דערפילט זיך אַנטוישט. פאַר וואָס איז זי פריער נישט צוגעגאַנגען צום מאַן? פאַר וואָס איז זי פריער אַריין אין שטוב זיך באַטראַכטן אין שפּיגל? זי ווערט אומרויִק און טראַכט שוין וועגן מאָרגן. מאָרגן וועט זי גלייך ווי זי וועט אים זען צוגיין און זיך פאָרשטעלן. זי קען דאָך אים, זי האָט דאָך אים אַזוי פיל מאָל געזען. שוין טעג ווי זי

טראַכט וועגן אים. מאָרגן וועט זי ריידן מיט אים. אָבער מאָרגן איז ער נישט געקומען. זי איז געשטאַנען ביים פענצטער פון איר היים און אַרויס־געקוקט — אפשר וועט ער נאָך קומען. היינט איז זי געקומען אַהיים פריִער, זי איז געלאָפן אַהיים. מאָרגן וועט זי אים זען. און אַזוי איז געוועז. גלייך ווי זי איז אָנגעקומען אויף מאָרגן, איז אויך אָנגעקומען דער יונגער־מאַן, וואָס בויט זיין הויז אַנטקעגן איר היים.

— מיין נאָמען איז פרענציס, איך וווין אַנטקעגן אייער הויז. איינגענעם אייך צו קענען.

— מיין פאַרגעניגן. מיין נאָמען איז סאַמועל בלום. יע, מיר וועלן זיין שכנים. לויטן אָפּמאַך האָט שוין דאָס הויז געדאַרפט זיין פאַרטיק. אַלץ געדויערט לענגער ווי מען רעכנט און מיין פרוי קומט שוין מאָרגן. מיר וועלן דאַרפן דערווייל דינגען אַ צימער.

פרענציס האָט דערפילט אַ קעלט איבער איר קערפער — אַזוי ענלעך צו שלומען... עס האָט אַ שלאָג געטאָן אַ געדאַנק אין איר מוח, אַ נקמה־געדאַנק. איך האָב פאַר זיי גענוג פּלאַץ אין מיין הויז, נאָר איך דאַרף זיי נישט. איך דאַרף נישט קיין שכנים. איך דאַרף נישט קיין הויז אַנטקעגן מיין הויז. זי האָט זיך קאַלט געזעגנט און איז אַריין אַהיים.

✶

סעראַפין האָט זיך באַוויזן אין טירל פון דעם צאַם, אַרום דעם גרינעם גאָרטן.

פרענציס האָט אים אַ פאַרוווּנדערטע אָנגעקוקט:

— וואָס איז געשען?

— מען זאָגט, אַז עס גייט אַ גרויסער שטורעם אויף דער שטאָט. בין איך געקומען פאַרבינדן די ביימער, דער שטורעם זאָל זיי נישט אַרויס־רייסן, נישט אָפּברעכן די צווייגן. אפשר דאַרף מען פאַרקלאַפּן די פענצטער, פאַרציִען מיט „טייפּ" די שויבן, פאַרקלאַפּן די טירן?

פרענציס האָט דערפילט אַ טיפע פריינדשאַפט אין זיינע פשוטע רייד, אין ענגלישן זשאַרגאָן, מיט אַ שפּאַנישן אַקצענט.

און אַז עס וועט אויסברעכן אַ שטורעם, ווי וועט ער קענען גיין אַהיים? האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק אין איר מוח. „וועט ער דאָ בלייבן" — האָט אַ מורמל געטאָן אַן אינעווייניקסטער ענטפער. זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר אייגענעם געדאַנק און זיך פונאַנדערגעלאַכט. „שוין אַזוי לאַנג נישט געלאַכט... האָט זי זיך דערמאָנט — ווי קען אַ מענטש לאַכן, ווען ער ווייסט נישט פון זיינע עלטערן, ווען ער ווייסט נישט פון זיין משפחה, ווען ער ווייסט נישט ווי די וועלט גייט אָן, ווו זי וועט זיך אָפּשטעלן?"

סעראַפין איז געשטאַנען ביים בריקל פון הויז און געוואָלט פאַרשטיין, וואָס זי לאַכט און וואָס זי איז פּלוצלינג אַזוי אומעטיק געוואָרן. געוואָלט וויסן וואָס זי טראַכט.

— גוט! סעראַפין, — האָט זי אויפן קול צו אים געזאָגט — גוט! בינד אַרום וואָס די ווילסט... שער אַרום, טו וואָס די ווילסט. האָסט געגעסן?

— יע! געגעסן.

— ווילסט אפשר טרינקען?

— אַז איך וועל ענדיקן... אַז איר וועט וועלן...

— איך וויל שוין. איך גיי דיר מאַכן קאַווע.

ס'האָט אָנגעהויבן פּרושען אַ רעגן, באַלד שטאַרקער. עס האָט אַ יאָג געטאָן אַ ווינט און אָנגעהויבן שאָקלען די צווייגן, בויגן דיביימער, רייסן די בלומען, וואַיען אין די גראָזן. עס איז פּלוצלינג געוואָרן פינצטער, נאַכט. סעראַפין איז אַרויפגעלאָפן אויפן בריקל זיך אויסצובאַהאַלטן פון שלאַקס־רעגן. וואָס האָט אָנגעהויבן גיסן, ווי מיט צעבערס.

פרענציס האָט געעפנט די טיר מיטן טעפל קאַווע אין האַנט.

— וואָס שטייסטו דאָ, פאַר וואָס גייסטו נישט אַריין אין שטוב? — זי האָט געעפנט די טיר. — קום אַריין! קום... פאַר וואָס שטייסטו אין אַזאַ רעגן אויפן בריקל, אין דרויסן, ביסט דאָך אַ קלוגער...

— אויפן בריקל רעגנט נישט אַזוי שטאַרק...

פרענציס האָט געבראַכט אַ האַנטוך און אים אַרומגעווישט דאָס פּנים, די הענט. זי האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט איבער איר לייב.

— טו אויס דאָס העמד. הענג עס אויף אויפן שטול, וועט עס זיך אויסטריקענען.

— איך דאַרף ארויסגיין אין דרויסן... מען דאַרף פאַרבינדן די צווייגן, מען דאַרף פאַרמאַכן דאָס טירל, איך האָב פאַרגעסן.

— גיי נישט! ס'איז אַ געפאַר.

זי האָט אים געהאָלפן אויסטאָן דאָס נאַסע העמד, געווישט די נאַסע הויזן.

— טו אויס די שיך.

סעראַפין האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. אירע הענט האָבן אים געגלעט מיטן האַנטוך, געוואַרעמט זיין לייב... אויסטאָן די שיך?

— זעץ זיך! — זי האָט אים אויסגעטאָן די שיך און געווישט די פיס.

סעראַפין האָט זיך פאַרלאָרן. ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז פרענציס זאָל זיך אַזוי דערנענטערן צו אים...

די קליינע ראַדיאָ וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טישל האָט נאָכאַנאַנד גערעדט: „דער ווינט טראָגט זיך אויף הונדערט און צען מייל. מען ווייסט נישט וואָס פאַר אַ ריכטונג דער ציקלאָן וועט נעמען. אויב ער וועט פאַרבייגיין מיאַמי, וועט ער צעשטערן זייער אַ סך. דער וואַסער־פּנים פון די קאַנאַלן וועט זיך אויפהייבן זעקס פוס איבער די ברעגן. עס איז אָבער מעגלעך, אַז דער ווינט זאָל זיך אָוועקטראָגן צום ים און אויסמיידן מיאַמי!"

סעראַפין האָט פאַרהערט די לעצטע ווערטער — זיי נישט פאַרשטאַנען און געוואָרן זייער באַזאָרגט און צעשראָקן. פרענציס האָט אָבער אַ זאָג געטאָן:

— ס'וועט גאָרנישט זיין. ס'וועט רעגענען, דער ווינט וועט בלאָזן און פאַרבייגיין אָן שאָדן...

— הלוואי זאָלסטו זיין גערעכט. ס'ווערט שוין שפּעט, איך דאַרף זיך שוין קלייבן. ער האָט האַסטיק אַ טראַט געטאָן צו דער טיר און זי פאַרזיכטיק אַ ביסל געעפנט. אין דרויסן איז געווען פינצטער.

— וווּ דאַרפסטו זיך קלייבן? דו נאַרישער בחור — זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים.

— וווּ דאַרפסטו גיין? אין אַזאַ זאַווערוכע, אין אַזאַ גוס רעגן? ווילסט אומקומען?

ער האָט זי אָנגעקוקט ווי ער וואָלט נישט גלויבן אירע רייד. ער איז אָן אַ העמד, אָן שיך, געשטאַנען ווי צוגעשמידט.

— איך האָב געוואָרט אויף אַ שטורעם... האָט זי שטיל געמורמלט. זי האָט זיך דערנענטערט צו אים, אַרויפגעלייגט איר רעכטע האַנט אויף זיין נאַקעטער פּלייצע, זיך צוגעדריקט און אים אַ קוש געטאָן.

דריטער טייל

סעראַפּין האָט דעמאָלט געוווינט אין אַ צימער ביי אַ שפּאַנישער פאַמיליע, גאָר אַראָפּ אויף זיבעצנטער גאַס, נאָכן בריק. אין אַ צווייטן צימער, אין דעם זעלבן הילצערנעם הויז, האָט געוווינט אַ שפּאַניש מיידל, וואָס האָט געאַרבעט ביי אַ משפּחה וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט אין „דאַון־טאַון" מיאַמי. דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן פאַרפירן שמועסן מיט סעראַפּינען, ער איז איר געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך אינטערעסירט מיט זיין אַרבעט, אים פאַרגעשלאָגן שפּאַנישע מאַכלים, וואָס זי האָט געקאָכט פאַר אירע בעלי־בתים, און אָפט אים געבראַכט צו פאַרזוכן.

דאָס מיידל פלעגט זיך זעצן אויף איינעם פון די וויגשטולן וואָס זענען געשטאַנען אויפן פאָרטאַל און וואַרטן אויף סעראַפּינען, ביז ער וועט זיך אומקערן פון דער אַרבעט. זי פלעגט אים פריינדלעך איינלאַדן ער זאָל זיך זעצן לעבן איר. סעראַפּין האָט זי אַ סך מאָל באַטראַכט מיט תאוותדיקע אויגן, דאָס מיידל איז געווען אַ בילד־שיינע, דער אָפּגעזדעקטער אויסשניט פון איר האַלדז האָט געהאַט אַ מאַטן גלאַנץ פון בורשטין, ער האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון אירע אויסגעפורעמטע קליינע בריסט ווי צוויי עפּל, ער האָט באַטראַכט אירע שוואַרצע געקרייזלטע האָר „זי איז אינגאַנצן שפּאַניש" האָט ער געטראַכט צו זיך, זי האָט דערפילט זיינע בליקן און צעעפנט אירע שוואַרצע אויגן וואָס האָבן געלעכערט זיין האַרץ און פאַנטאַזיע. סעראַפּין האָט אַ טראַט געטאָן פאָרויס און געמורמלט: „ביסט אַ שיינע, אַראַסעלי, ביסט מיר געפעלן, און דו רעדסט מיין שפּראַך".

אַראַסעלי האָט זיך אַ הייב געטאָן פון וויגשטול און זיך צוגעטוליעט צו סעראַפינען.

— ביסט היינט אַזוי שיין, האָסט זיך אויסגעפוצט, ווו גייסטו? נעם מיך אין „סינעמאַ".

סעראַפין האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט זיך אויסגעפוצט צו גיין צו פרענציסן.

— ניין! איך מוז אַוועקגיין, איך האָב אָפּגערעדט מיט אַ קליענט...

אַראַסעלי האָט אים אַ ציִ געטאָן צו דער טיר פון איר צימער און אַריינגעשושקעט: — די בעלי־בתּים זענען אַוועקגעפאָרן צו אַ קרוב, זיי וועלן קומען מאָרגן.

זי האָט אים אַריינגעצויגן אין צימער, אַרומגענומען און באַשאָטן מיט קושן.

וואָס מער אַראַסעלי האָט אים געקושט, אַלץ קעלטער איז סעראַפין געוואָרן.

— איך מוז אַוועקגיין.

ער האָט זיך באַפרייט פון אירע הענט און אַרויס פון הויז.

אַראַסעלי האָט זיך מער נישט געזעצט אויף די וויגשטולן, זי האָט מער נישט געוואַרט אויף סעראַפינען, זי האָט, אַ טיף באַליידיקטע, אויסגעמיטן רעדן צו אים. סעראַפין האָט זיך אַריבערגעצויגן צו פרענציסן און מער קיין מאָל נישט געזען דאָס שיינע, שפּאַנישע מיידל.

✶

פרענציס (פרומעלע) איז געבוירן געוואָרן אין אַ יידישער שטאָט אין פוילן. זי האָט דאָרטן געלערנט אין אַ העברעיִשער גימנאַזיע. די לופט אין פוילן איז געווען אָנגעפילט מיט שינאה צו יידן. נישט געווען קיין אויסזיכטן צו קענען אָנקומען אין אוניווערסיטעט. איר מומע זיסל, דעם טאַטנס שוועסטער, וואָס האָט מיט יאָרן פריער זיך אַריבערגעצויגן קיין דייטשלאַנד, האָט אַריבערגענומען פרומעלען קיין בערלין — האָט זי געוווינט ביי דער מומען און געלערנט אין אַ מיטלשול און געפלאַנט

צו ווערן דאָקטאָר פילאָזאָפיע. די פּאָליטישע שטורעמס אין דייטשלאַנד און איבער גאַנץ אייראָפּע האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די ייִדן אין דייטשלאַנד און די מומע האָט אָנגעהויבן טראַכטן און אויסאַרבעטן פּלענער פאַר איר גרעסטער און פעיִקער פּלימעניצע. זי האָט גלייך אָוועקגעשריבן אַ בריוו צו איר ברודער און אים אויפגעקלערט אַז עס רוקן זיך אָן שווערע צייטן, אַז עס וואָלט געווען אַ פּלאַן אַוועקשיקן פרומעלען קיין אַמעריקע, צו זייער שוועסטער. זי האָט צו דער זעלבער צייט אָנגעשריבן אַ בריוו צו איר שוועסטער אין ניו־יאָרק און איר געבעטן ווי אַמשנעלסטן אויס־אַרבעטן „אַרויספאָדערונגס־פּאַפּירן" פאַר פרומעלען. אַזוי ווי זי איז אַ געבוירענע אין פּוילן האָט זי געמוזט האָבן אַזעלכע פּאַפּירן. די מומע זיסל, וואָס האָט אין דייטשלאַנד זיך גערופן זינאַ, האָט נישט גערוט, זי האָט באַזוכט דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט און זיך באַקאַנט מיט די עמיגראַציע־געזעצן. נאָכן מיישב זיין זיך מיט איר מאַן וואָס איז אין דייטשלאַנד געווען אַ פאַבריקאַנט פון באַרימטן פּערפיום „ליבערען", איז זי צוריקגעגאַנגען אין קאָנסולאַט און אָנגעבאָטן איינצולייגן אויפן נאָמען פון פרומעלען וויפל געלט ס'איז נייטיק. איר מאַן האָט איר אויפגעקלערט אַז ס'איז אויף יעדער אופן אַ גוטער פּלאַן אַרויסצופירן דאָס געלט פון דייטשלאַנד.

— זייט אַזוי גוט און קומט אַריבער די קומענדע וואָך, וועל איך אייך געננוי אינפאָרמירן וועגן אַלע אייערע פראַגעס.

זינאַן איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ס'איז נישט פּאַסיק צו רופן איר פּלימעניצע פרומע, זי וועט איר פון היינט אויף ווייטער רופן פרענציס, און זינאַ איז אַ מענטש וואָס ביי איר איז גערעדט און געטאָן. אַריינ־קומענדיק אין הויז, האָט זי מיט אַ צוגעגרייטן קול אויסגערופן: „פרענציס!" פרומע האָט געהערט אַז די מומע שרייט, זי האָט אָבער נישט געוווּסט וועמען מען רופט.

— וואָס ענטפערסטו נישט?

— טאַנטע, וועמען האָט איר גערופן?

— דיך! דו הייסט פרענציס, נישטאָ מער קיין פרומע, דאָ אין בערלין און אין אמעריקע רופט מען דיך פרענציס.

פרומע האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען.

— גוט, זאָל זיין פרענציס... אַז איר ווילט.

אַ וואָך שפּעטער, ווען זינאַ האָט זיך געקליבן גיין אין קאָנסולאַט, איז אָנגעקומען אַ דיקער בריוו פון דער שוועסטער פון ניו־יאָרק מיט „אַרויספּאָדערונגס־פּאַפּירן" פאַר פרומען אַריינצופאָרן קיין אַמעריקע. זינאַ איז געוואָרן צעטומלט — די פּאַפּירן זענען געקומען אויפן נאָמען פון פרומע קירזנער און זי האָט איר דערוויייל געביטן דעם נאָמען. זי האָט זיך גלייך באַרויִקט און אַ זאָג געטאָן צו איר פּלימעניצע — דיינע פּאַפּירן אַריינצופאָרן קיין אַמעריקע זענען אָנגעקומען אויף דיין פריערדיקן נאָמען, פרומע, אָבער איך וועל דיך רופן פרענציס.

— רופט מיך ווי איר ווילט...

דער פעטער פון אַמעריקע האָט זי אַרויסגעפּאָדערט אַלס זיין איינציקע יורשטע — ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. איצט איז אָבער אויפגעשוווּמען די פראַגע, צי זינאַ דאַרף איר מיטגעבן געלט — ווייל זייערע קינדער לעבן אין פּאַריז, איז אפשר בעסער אַריבערצופירן געלט קיין פראַנקרייך אויפן נאָמען פון זייערע אייגענע קינדער.

✶

ווען פרענציס איז אָנגעקומען צו איר מומען אין ניו־יאָרק, איז די מומע שוין געווען אַן אלמנה. איר מאַן איז פּלוצלינג געשטאָרבן, און איבערגעלאָזט אַ גרויסע קליידער־פאַבריק. גלייך ווי ער איז געשטאָרבן, האָט די מומע אַריינגעגעבן אַן אַנאָנס אין אַ פּאָר צייטונגען און אָנגעבאָטן די פאַבריק. עס האָבן זיך אָפּגערופן קונים פון כל המינים. די מומע האָט זיך קיין מאָל נישט געמישט און אַפילו נישט געקענט די פאַבריק, האָט זי אויסגעקליבן דעם קונה וואָס האָט אָנגעבאָטן באַצאָלן אין מזומן. זי האָט נישט געוואָלט קיין קאָמפּליצירטע טראַנזאַקציעס, זי האָט געוואָלט פאַרקויפן די פאַבריק און מער וועגן דעם נישט דאַרפן טראַכטן און נישט וויסן. כאָטש דער אַדוואָקאַט וואָס האָט פאַר אַ סך יאָרן געאַרבעט פאַר איר מאַן האָט איר פאַרזיכערט אַז ער וועט איר געלט פאַרזיכערן לויט אַלע געזעצלעכע כללים, עס האָט אים ווי געטאָן אַוועקצוגעבן אַ גוטגייענדיקע

פאַבריק פאַר אַ העלפט פון פרייז — די מומע איז אָבער געווען איבער־ראַשט, לויט איר באַגריף, פאַר דער סומע פון צוואַנציק טויזנט דאָלאַר וואָס דער קונה האָט אָנגעבאָטן אין מזומן. צוואַנציק טויזנט דאָלאַר איז טאַקע געווען אַ גרויסע סומע, אַ גרויסער באַטרעף.

דער אַדוואָקאַט האָט דורכגעפירט די טראַנזאַקציע און די מומע וואָס האָט געירשנט אויך אַ סומע געלט אין אַ פּאָר בענק און אַ גרויסע פאַר־זיכערונגס־„פּאָליס", האָט זיך באַרויִקט פון דעם מאַנס טויט, און אָנגעהויבן טראַכטן און אויסשטעלן אַ פּלאַן פאַר איר ווייטערדיקן לעבן. זי האָט באַשלאָסן אַריבערפאָרן קיין מיאַמי וואָס איז געווען איר חלום אין די קאַלטע ניו־יאָרקער ווינטער־מאָנאַטן. איר מאַן האָט אַלע מאָל געפּלאַנט צו פאָרן דאָרטן אויף וואַקאַציע, ער איז אָבער שטענדיק געווען פאַריאָגט, פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן און קיין מאָל נישט באַוויזן זיינע אויסגעחלומטע פּלענער צו פאַרווירקלעכן. זיין הויפּט־חלום איז געווען די פאַבריק וואָס ער האָט מיט זיין ענערגיע אויפגעבויט. גערטרוד האָט דעם חלום פון אַלע אירע שווערע ווינטערס פאַרווירקלעכט, נאָר שוין אָן איר מאַן.

★

פרענציס האָט נישט געקענט פאַרשטיין דער מומעס האַנדלונגען. זי, וואָס האָט דעם פעטער נישט געקענט, פילט אין דעם הויז דעם פעטערס אָנוועזנהייט. אין ווינקל פון זאַל שטייט דער שרייבטיש, דער שטול אויף וועלכן מאַקס איז געזעסן אין די ביינאַכטן, אויפן ווינקל פון שרייבטיש שטייט אַ בילד פון באַלד נאָך זייער חתונה, די מומע מיט איר יונגן מאַן, מיט אַ הויכן שטערן, קלוגע שמייכלענדיקע אויגן, אַ קאָפּ שוואַרצע האָר. ווי קען די מומע רופן אין טעלעפאָן דעם הויכן דזשעק, מיטן נאַרישן פּנים און זיך וויצלען מיט אים און רעדן מיט אים וועגן גיין צו אַ טאַנצאָוונט? פרענציסן טוט וויי די פאַרגעסעניש. זי קען דאָס נישט באַגרייפן. ווי אַזוי קען אַ מענטש פאַרגעסן אַזוי גיך איר באַגלייטער במשך 35 יאָר? אין דער זעלבער צייט וואָס זי טראַכט וועגן איר מומען, וועגן דעם פעטער, וואָס

זי שטעלט זיך פאָר פאַר אַן אינטערעסאַנטן מענטשן, און עס טוט איר ווײ וואָס עס איז איר נישט געווען באַשערט אים צו באַגעגענען, הערט זי נישט אויף צו טראַכטן וועגן איר טאַטן, איר מאַמען און זייער גורל אין נאַצישן אויפברויז. זי הערט נישט אויף צו טראַכטן וועגן איר מומען, און פעטער, וואָס האָבן געטראַכט ווי אַזוי זי אַרויסצוראַטעווען און האָבן פאַרגעסן אַן זיך אַליין. די צייטונגען דערציילן נאָר וועגן די זיגן פון די נאַצישע אַרמייען. ווי זיי פאַרכאַפּן לאַנד נאָך לאַנד, ס'קומען אָבער נישט אַן קיין בריוו. זי האָט שוין לאַנג נישט געהערט פון איר משפחה, זי ווייס נישט, צי זיי האָבן באַוויזן זיך אַרויסצוראַטעווען פון נאַצי־דייטשלאַנד, זי ווייסט נישט וואָס ס'איז געוואָרן מיט איר טאַטע־מאַמע אין פּוילן. זי טראָגט אַ פול האַרץ מיט דאַנקען צו איר מומען וואָס האָט איר געהאָלפן זיך אַרויסראַטעווען און אַריבערקומען קיין אַמעריקע. אויף איר פּנים איז אויסגעגאָסן אַן אומעט, אַ טיפער טרויער, פון די אַלע צופאַלן וואָס באַגלייטן זי. עס שרעקט איר דער גורל פון איר משפחה וואָס איז פאַרבליבן אין פּוילן און אין דייטשלאַנד, דער טויט פון איר פעטער האָט אויף איר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק.

פרענציס קען נישט פאַרטראָגן וואָס איר מומע רעדט אַ שלעכטן ענגליש, כאָטש זי איז שוין אין אַמעריקע אַזוי פיל יאָרן. זי מישט יידישע ווערטער אין ענגליש און ענגלישע אין יידיש — זי קען נישטביידע שפּראַכן, פרענציס פילט זיך אומבאַקוועם — נאָר זי האָט דאָס קיין מאָל נישט געזאָגט...

פרענציס רעדט אַ פּערפעקטן ענגליש, מיט אַ דייטשן אַקצענט, זי רעדט דייטש ווי אַ געבוירענע אין יענעם לאַנד, זי רעדט פּויליש וואָס זי האָט געלערנט אין אירע יוגנט־יאָרן, זי רעדט אַ פּערפעקטן העברעיש, נאָר יידיש איז איר מוטערשפּראַך, זי האָט אַ ידיעה אין די ליטעראַטורן פון די שפּראַכן וואָס זי באַנוצט, איז נישט קיין ווונדער וואָס איר מומעס אָרעמע שפּראַך גרילצט איר אין די אויערן...

די מומע טראַכט נישט וועגן איר שפּראַך, עס ציט זי צו לעבן. דזשעק, דער הויכער מיטן גלאַטן פּנים ווי פון חלב, קוקט אויס יונג,

כאָטש ער איז עלטער פון דער מומען. ער נעמט אַרויס די מומען צו טאַנצאָוונטן, צו פאַרשטעלונגען און פאַרשאַפט איר פאַרגעניגן.

סעראַפין האָט נאָך יענער נאַכט, נאָך יענעם שטורעם... זיך נישט באַוויזן פאַר אַ סך טעג. ער האָט זיך געפילט שולדיק, און אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס. ער גייט נישט אַרומשניידן און אָפּראַמען פרענציסעס גאָרטן נאָך יענע רעגנס און ווינטן, ביז ער האָט איין טאָג דערפילט אַ בענקשאַפט, עס האָט אים אָנגעהויבן ציען צו יענעם הויז, צו דעם מיידל. איין פאַרנאַכט, האָט סעראַפין, אַ נישט זיכערער, זיך דערנענטערט צו פרענציסעס הויז און געוואַרט אפשר וועט זי אַרויסקומען, עס האָט אים געפעלט מוט אָנצוקלאַפּן אין טיר. וואָס וועט ער איר זאָגן? וואָס וועט פרענציס אים זאָגן?

טראַכטנדיק, האָט ער זיך דערנענטערט צו דער טיר און אָנגעקלאַפּט.

— וווּ ביסטו געווען? — האָט פרענציס אים געפרעגט עפענענדיק די טיר, — איך בין געווען אומרויִק, שוין מער ווי אַ וואָך ווי דו ביסט נישט געקומען. — קום אַריין, דערצייל מיר...

אָנשטאָט אָן ענטפער האָט סעראַפין זי אָנגעקוקט מיט ליבשאַפט, זיין פנים האָט געשמייכלט.

— ווילסט מיר נישט ענטפערן? ווילסט מיר נישט דערציילן ווּוּ דו ביסט געווען?

— יע! איך וויל, נאָר איך בין אַ שעמעוודיקער.

פרענציס האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— דו ביסט נישט קיין שעמעוודיקער, — טראָגסט אַ ניי העמד, נייע הויזן, אַ, נייע שיך... זאָלסט זיי נוצן געזונטערהייט, היינט ביסטו נישט געקומען אַרומשניידן דעם גאָרטן, עס איז שוין צו שפּעט. באַלד וועט שוין ווערן פינצטער, — וועסט עסן מיט מיר?

סעראַפין האָט זי אָנגעקוקט.

— אויב איר ווילט?

— אויב איך וויל... ביסט דאָך געקומען מיר עפּעס דערציילן, וואָס שווייגסטו?

— יע! איך וויל דערציילן, איך ווייס נישט צי איך דאַרף אייך

דערציילן, אפשר איז דאָס נישט ריכטיק פון מיר, נישט שיין — האָט ער גע׳רעדט אומזיכער, ווי אַ פאַרשעמט קינד.

— דערצייל!

— וואָלט איר, — סעראַפין האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעקוקט פרענציסן — וואָלט איר חתונה געהאַט מיט מיר?

אַ געדאַנק האָט אַ ברי געטאָן אין איר מוח.

— איך בין אַ ייִדישע, איך האָב געמיינט אַז דו ווייסט דאָס, מיר קענען נאָר הייראַטן דורכן געריכט, איך וועל קיין מאָל נישט גיין אין אַ קלויסטער, איך בין אַ ייִדישע.

— איך בין אַ קריסט, איך וואָלט קיין מאָל נישט געביטן מיין גלויבן, איך וועל דאָס קיין מאָל נישט טאָן, איך קען דאָס נישט טאָן מיין מאַמען, מיר קענען זיך אָבער אָפּשרייבן אין געריכט, און גע׳זעצלעך זיין מאַן און ווייב.

— יע! האָט פרענציס געענטפערט.

ביידע האָבן זיך פאַרטראַכט אויף דעם באַשלוס וואָס זיי האָבן אָנגענומען. יעדער איינער פאַר זיך איז געווען זיכער אַז זייער גלויבן וועט נישט זיין קיין שטער, די געפילן האָבן זיי געצויגן איינער צום צווייטן ווי אַ מאַגנעט.

סעראַפין האָט פאַרטריבן דעם געדאַנק וואָס איז אויפגעשוווּמען אין זיין מוח — ער האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט וואָס זיין מאַמע האָט אים אַ מאָל דערציילט וועגן דער „אינקוויזיציע" — אַז די קריסטלעכע קירך האָט די ייִדן וואָס האָבן געלעבט און שפּאַניע געצוווּנגען זיך צו שמדן. און די וואָס האָבן נישט געוואָלט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן האָט מען געפּייניקט און אָפּט פאַרברענט.

— איך ווייס ווער עס זענען די ייִדן. איך האָב אַ סך געהערט וועגן דער „אינקוויזיציע", איך שעם זיך פאַר דיר.

— טראַכט נישט וועגן קיין אומעטיקע זאַכן. די מענטשלעכע היסטאָריע איז פול מיט שענדלעכע האַנדלונגען, זע וואָס פאַר אַ חיהשע טאַטן עס קומען איצט פאָר אין דער וועלט.

— דו ביסט אַ קלוגע — האָט סעראַפּין זי אָנגעקוקט און מיט אַ ווייכן קול גערעדט.

— ווען מיר מאָרגן גיין זיך אָפּשרייבן אין געריכט?...

פּרענציס האָט זיך געשטעלט מאַכן אָונטברויט.

— ווען זאָל איך מאָרגן קומען? וויפל דעם זייגער ווען מיר גיין אין געריכט? איך האָב צוגעזאָגט מאָרגן קומען אויף דזשיימס סטריט אַרומשניידן אַ גאָרטן... וועל איך גיין איבערמאָרגן.

סעראַפּין האָט געשוויגן.

★

אויף דער גרויסער אַלטמאָדישער קאָמאָד מיט די ברייטע שופלאָדן שטייען פאָטאָגראַפיעס איינגעפאַסטע אין בראָנדזענע און טאָוולנע רעמלעך פון פאַרשיידענע מאָסן. פון איין זייט שטייען סעראַפינס דערמאָנונגען, אָן אָפּגעריבן, צעקנייטשט בילדל ווי ער פירט אָן אַקער־אייזן מיט אַ פּאָר פערד איבער אַ לאַנגן זאַגאָן פאַרטריקנטע ערד נאָכן קאַלטן ווינטער. אויף נאָך אַ בילד זעט מען אַ הילצערנעם קלויסטער מיט אַ הויכן שפּיץ. סעראַפּין דערזעט אין זיין דמיון דעם גאָלדן־גלאַנציקן צלם אויפן שפּיץ פון קלויסטער, אין פראָנט פון קלויסטער שטייען זיין מאַמע מיט זיין שוועסטער. סעראַפּין וויל זיך דערמאָנען ווער עס האָט געמאַכט די פאָטאָ־גראַפיע, ער דערמאָנט זיך אָן זיין קוזין וואָס האָט געוווינט אין זעלבן דאָרף, וואָס איז געווען אַ ליבהאָבער פון פאָטאָגראַפיעס. „בילדער פאַר־לענגערן דאָס לעבן פון מענטשן, מען קוקט אויף זיי נאָך דעם ווי דער מענטש איז שוין נישטאָ". ער האָט געקענט די מלאכה פון פאָטאָגראַפירן. זיינע בילדער פלעגן אַרויסקומען לעבעדיקע, ער האָט ליב געהאַט פאָטאָ־גראַפישע אַפּאַראַטן, ער וויל וויסן ווו איז זיין קוזין? זיין שוועסטער טערעסאַ האָט אים זייער ליב געהאַט און פלעגט זיך טרעפן מיט אים ביים אַרויספאָר פון דאָרף ווו דעם קוזינס משפחה האָט געוווינט. ער האָט איין מאָל געזען אַרויסגיין פון שייער זיין שוועסטער, די מאַמע האָט פאַרזאָגט טערעסאַן נישט צו טראַכטן וועגן קוזין, מען טאָר מיט קיין קוזין נישט חתונה האָבן, די קינדער ווערן געבוירן מיט פעלערן, אַפּט הינטערשטעליקע.

אויף איין פאָטאָגראַפיע שטייט סעראַפין מיט ביידע הינט „וואָסקאַ" און „רעמא", מען פילט ווי זיי שאַרן זיך צו סעראַפינען, ביידע ווילן שטיין ביי זיין זייט, האָבן זיי אים אַריינגענומען אין מיטן. סעראַפין האָט ליב דאָס בילד, עס ווייעט פון אים מיט היים, מיט דאָרפישער גאַס. נישטאָ אויף דער פאָטאָגראַפיע זייער הויז, אָבער סעראַפין זעט עס אין זיין דמיון אָן אַ זייט פון דער גאַס, ער דערזעט די צוויי גרויסע שטיינער, דאָס בריקל, דעם אַרויפגאַנג צו זייער היים, ער דערזעט זיין טאַטן, זיין מאַמען, ער זעט יעדן ווינקל פון זייער היים, זיין ברודער, זיין שוועסטער, ער דערזעט אַלע הייזער פון דאָרף, אַלע מענטשן, ער נעמט דאָס בילד אין זיינע הענט און גלעט און פילט אַ וואַרעמקייט צוזאַמען מיט אַ דינעם ווייטיק אין זיין ברייטן ברוסטקאַסטן. ער דרייט זיך אָפּ פון די בילדער, ער קען מער נישט קוקן, ער דערפילט אַ געזאַלצענע פייכטקייט אין די ווינקלען פון זיינע שוואַרצע אויגן.

אויפן צווייטן זייט פון דעם קאָמאָד שטייען אַנדערע בילדער, פרענציסעס טאַטע מיט אַ היטל אויפן קאָפּ, אַ קורצע שוואַרצע באָרד. פרענציס קוקט אַריין אין איר טאַטנס קלוגע אויגן און דערזעט איר היים, דערזעט אַ שבתדיקן טיש אין אַ פרייטיק צו נאַכט, זי דערזעט דאָס הויכע צעמענטענע בריקל מיט די דריי טרעפּלעך אַריינצוגיין אין איר היים. דאָרף מען דורכגיין די שניטקראָם. זי דערפילט דעם ריח פון שניט־סחורה.

זי דערהערט אַ באַקאַנטן ניגון, וואָס האָט זיך אין די פרייטיק צו נאַכטן געטראָגן פון איר היים איבערן גאַנצן שטעטל, „יה רבון עלם ועלמיא"... זי פאַרמאַכט די אויגן און חלומט, זי דערזעט די בילדער וואָס זענען אויסגעשטעלט אויפן קאָמאָד און אויפגעהאַנגען אויפן וואַנט, דער פעטער מיט דער מומען זיינאַ, אירע חברטעס אין דער „תרבות"־שולע. דאָס בילד פון „מחזור", פון לעצטן יאָר אין דער תרבות־שולע. דאָס בילד מאַכט זי אומרויק, זי לעבט איבער יענע יאָרן, יענע געפילן. מרדכי דער לערער, זי ווייסט אַז צו אים האָט זי געפילט איר ערשטע מיידלישע ליבשאַפט — מיט איר גאַנצן יוגנטלעכן פייער — נאָר קיין מאָל דאָס אים נישט געזאָגט, און קיין מאָל אים נישט פאַרגעסן, זי וואָלט דאָס אים אַ מאָל געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט זיך אַרומגעפירט מיט דער לערערקע

קאַצמאַן, זי פלעגט קומען צו אים אין צימער אויפן אַלטן מאַרק. זי געדענקט די פענצטערלעך מיט די פאַרצויגענע פאַרהאַנגלעך, זיי פלעגן אַוועקגיין שפּאַצירן אויף די פאַרשנייטע, פאַרטריקנטע גרודעס, איבער די פעלדער, און זיך שלעפּן ביזן ייִדישן בית־עולם. וואָס ס׳האָט זיי אַהין געצויגן האָט זי קיין מאָל נישט געוווסט, זיי האָבן דאָך דאָרטן קיינעם נישט געהאַט. זיי זענען דאָך נישט געווען קיין שטעטלשע.ביידע זענען זיי געווען פון אַנדערע שטעטלעך.

פרענציס קוקט אויפן בילד פון „מחזור״ פון דער „תרבות״־שולע. זי געדענקט יעדן איינעמס נאָמען, „ווו זענען זיי אַלע?״ זי דערמאָנט זיך אַ שלל מיט עפּיזאָדן. הינטער די בילדער שטייט אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע, די גאַנצע משפחה אויף אַ חתונה ביי אירן אַ קוזין וואָס האָט זי אַ סך מאָל אַרומגענומען און געקושט, דער קוזין האָט זי ליב געהאַט, ער האָט זי געוואָלט מיטן גאַנצן כּוח פון זיין יוגנטלעכער תאווה, יעדער באַריר פון זיין לייב האָט אין איר געצונדן פאַרלאַנגען, ער איז געווען עלטער פון איר. עס ווערט איר ענג אין האַרצן, זי בלייבט שטיין אַ פאַרגליווערטע:

„ווי קען מען צוריקגיין צו יענע טעג״?

פרענציס האָט ליב זיך אַוועקשטעלן אַנטקעגן די בילדער אויף דער קאָמאָד און זיך פאַרטראַכטן, און זיך אַוועקטראָגן צו פאַרגאַנגענע טעג, צו נישט־פאַרגעסענע נאָענטע מענטשן.

אין די צוויי ווינקלען אויף דעם אַלטמאָדישן קאָמאָד שטייען, צעשיידטע, צוויי אָפּשטאַמען, וואָס וועלן זיך קיין מאָל נישט צונויפוואַקסן. קיין מאָל נישט צונויפשמעלצן . . .

אָפּגעזונדערטע שטייען זיי, די דערמאָנונגען פון צוויי לעבנס, ווי די וואָרצלען פון צוויי באַזונדערע שטאַמען. זיי קענען זיך פאַרפלעכטן אָבער קיין מאָל נישט צונויפוואַקסן.

סעראַפין האָט מיטגעבראַכט מיט זיינע זאַכן אַ קליינעם, שטאַרק אָפּגענוצטן לעדערנעם טשעמאָדאַנטשיק, ער האָט געפּרוווט דאָס אַריינשטופּן אין א שופלאָד פון דעם קאָמאָד וואָס פרענציס האָט אים אָנגעוויזן אַז ער קען דאָרטן האַלטן זיינע וועש, אָבער דער טשעמאָדאַנטשיק איז נישט אַריינגעגאַנגען, ער איז געווען צו הויך. נאָכן פּרוּוון אַ פּאָר מאָל און ווערן

מיד און נערוועיש האָט ער זיך אַרומגעקוקט זוכנדיק אַן אָרט. זיינע אויגן זיינע געפאַלן אויפן טאַפּטשאַן וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט אין שלאָפצימער. סעראַפין האָט אַ שטויס געטאָן דאָס פעקל אונטערן טאַפּטשאַן און זיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט נישט פון דרויסן דורכן פענצטער.

— וואָס האָסטו דאָרטן? — האָט פרענציס אים געפרעגט זייער ווייך, זי איז נישט געווען זיכער צי זי דאַרף פרעגן אויף אַ זאַך וואָס מען האָט איר נישט געזאָגט.

סעראַפין איז געוואָרן צעטומלט, ווי ער וואָלט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

— אַ טשעמאָדאַנטשיק, איך האָב דאָרטן... איך האָב דאָרטן געלט, האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, ווי אַ סוד.

— פאַרבאַהאַלטסטו דאָס אונטערן טאַפּטשאַן? עמעצער וועט זיך אַריינקריגן אין הויז בעת מיר גייען אַוועק און דאָס אַרויסגנבענען, איך האָב געמיינט אַז דו האָסט אַן „אַקאַונט" אין באַנק?

— וואָס איז דאָס? ווי מאַכט מען דאָס? איך האָב קיין מאָל נישט געהערט וועגן דעם.

— ווער האַלט עס געלט אין אַ קאַשיק אונטערן טאַפּטשאַן? איך וועל דיך נעמען אין באַנק וווּ איך האַלט מיין געלט. ווועסטו דאָרט אַריינלייגן דיין געלט.

— וויפל נעמען זיי דערפאַר? זיי היטן דאָס געלט? און אויב מען גנבעט צו דאָס געלט?

— אַ באַנק איז שטאַרק פאַרזיכערט, אַ באַנק איז אַ פאַראַנטוואָרט־לעכע אינסטיטוציע, דו וועסט שוין זען ווי דאָס אַרבעט, זיי צאָלן פראָצענטער פאַרן געלט, וואָס מען האַלט ביי זיי.

סעראַפין האָט אַ פאַרוווּנדערטער צעעפנט זיינע שוואַרצע אויגן און געמורמלט:

— זיי היטן דאָס געלט און צאָלן נאָך צו? אַ שיינע מעשה.

— און אַז דו וועסט וועלן קויפן אַ בנין (בילדינג) וועלן זיי דיר באָרגן געלט. דו וועסט נישט דאַרפן באָרגן קיין געלט, איך האָב געזען

פון מיין מומען אַ סומע געלט, און די קענסט דאָס נוצן ווען דו וועסט וועלן.

סעראַפּין איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, ער האָט געקוקט אויפן טאַפּטשאַן און פאַרשטאַנען אַז עס איז אַן אומזין דאָרטן צו פאַרבאַהאַלטן דאָס געלט.

— קענען מיר אַוועקטראָגן איצט דעם טשעמאָדאַנטשיק מיטן געלט?

— די באַנק איז אָפן ביז דריי דעם זייגער, מיר וועלן גיין מאָרגן אין דער פרי.

— מען דאַרף דאָס איבערציילן, איך ווייס נישט וויפל דאָרטן איז פאַראַן...

— וועסט דאָס איבערציילן אין באַנק, איך וועל דיר העלפן.

סעראַפּין איז יענעם פאַרנאַכט נישט אַרויסגעגאַנגען פון הויז, ער האָט געהיט דעם טאַפּטשאַן.

אויף מאָרגן גלייך אין דער פרי האָט סעראַפּין אַן אומרויִקער דערמאָנט פּרענציסן אַז זיי דאַרפן גיין אין באַנק.

פּרענציס האָט אַוועקגעפירט איר מאַן אין דער „באַרנעט" באַנק, דער דירעקטאָר דאָרטן איז געווען מיסטער ליבערמאַן. ער האָט פּרענציסן אויפגענומען פריינדלעך און גערעדט מיט איר אַ פּאָר ווערטער אין יידיש, ליבערמאַן איז געווען אַ יידישער מענטש און מיטגעאַרבעט אין „קרן קימת לישראל".

ליבערמאַן האָט געקוקט אויף פּרענציסן, זי איז אים געפעלן געוואָרן. כאָטש ער האָט זי שוין געזען אַ סך מאָל אין באַנק, האָט ער זי דאָס מאָל באַטראַכט מיט מער אויפמערקזאַמקייט, ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר באַגלייטער.

— איר גייט דאָך געוויס אין טעמפּל, פאַר וואָס זאָלט איר נישט קומען אין דער נייער געביידע וואָס מיר האָבן אויסגעבויט אויף וואַשינגטאָן עוועניי און דריטע גאַס, אַ פּרעכטיקע געביידע, איך וועל הייסן מען זאָל אייך אַרויסשיקן אַן איינלאַדונג.

אַ בלאַסקייט האָט באַגאָסן פּרענציסעס פּנים, איר גאַנץ לעבן, אַלע אירע האַנדלונגען פאַר די לעצטע טעג האָבן זיך אַ טראָג געטאָן פאַרביי

איר דמיון, זי האָט פאַרלאָרן דעם לשון און גאָרנישט געענטפערט. ליבערמאַן, אַ קלוגער מענטש, האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז ער האָט אָנגערירט אַן אָנגעווייטיקטן ענין. אַ שאַרפער געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן אין פּרענציסעס מוח: „איך בין דאָ געוועזן, אין דער באַנק אַ סך מאָל, פאַר וואָס האָט מיר ליבערמאַן דאָס פריער נישט אָנגעבאָטן, איצט איז שוין צו שפּעט".

— נו, לאָמיר הערן דעם ציל פון אייער באַזוך — האָט ליבערמאַן רויִק געפרעגט.

— מיין מאַן וויל עפענען אַן „אַקאַונט".

— גיב מיר דיין נאָמען — האָט ליבערמאַן אָנגעקוקט דעם שטאַרק אָפּגעברענטן פנים פון פּרענציסעס באַגלייטער.

סעראַפּין האָט אָנגעקוקט דעם דירעקטאָר און זיך אויסגעדרייט צו פּרענציסן.

— ניין! נישט אויף מיין נאָמען, אויף דיין נאָמען!

אַלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט.

— עפן אַן אַקאַונט אויף דיין נאָמען, ס'איז דיין געלט, דו האָסט עס פאַרדינט מיט דיין שווערער אַרבעט.

— ניין! אויף דיין נאָמען.

— וואָס איז ער דיינער — דער יונגער־מאַן?

— ער איז מיין מאַן, מיר האָבן געהייראַט.

טאָ עפנט עס אויףביידע נעמען — האָט ליבערמאַן געראַטן.

פּרענציסן האָט אַ האַק געטאָן אין האַרצן, „מיין ירושה", האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

— ניין! אויף דיין אַקאַונט, אַז איך וועל דאַרפן געלט וועל איך דיך בעטן.

ליבערמאַן האָט אָנגעקוקט פּרענציסן מיט פאַרשנדיקע אויגן.

— דיין מאַן רעדט יידיש?

— ניין! ער רעדט שפּאַניש, ער איז אַ שפּאַניאָל, אַ קריסט.

— ווי איז זיין נאָמען?

— סעראַפּין מאַטאָס.

ליבערמאַן האָט רויִק אויפגענומען די ידיעה, עס איז אָבער געווען קענטיק אַז ער איז אומרויִק. ער האָט געעפנט אַן אַקאַונט אויףביידע נעמען.

סעראַפּין איז אַוועק אָנקוקן אַ בנין וואָס ער קלייבט זיך צו קויפן. עס טונקלט זיך דער פאַרנאַכט, עס פאַלט צו דער אָוונט, פרענציס זיצט אין וויגשטול און דרעמלט. עס איז שבת צו נאַכט, זי דערפילט אַ גלעט איבער איר האַנט, זי דערהערט דעם טאַטנס שטימע: „גוט וואָך! גוט וואָך, אַ גוטע וואָך אייך אַלעמען, וואָס קאָסכטו עפּעס, חוה?״

— פּעלצלעך קאַרטאָפל, איך האָב אַ שמאַלץ־הערינג.

— אַ גוטער איינפאַל.

פרענציס דערפילט אַז דער צימער איז אָנגעפילט מיט מענטשן. די גאַנצע משפחה, מיט אַלע וועמען זי טראָגט אין איר זכרון, מיט אַלע נאָך וועמען זי בענקט.

סעראַפּין קומט אַריין און צינדט אָן די עלעקטריע. ער דערזעט פרענציסן אַ דרעמלענדיקע.

— וואָס זיצסטו אין דער פינצטער?

— עס איז ליכטיק...

— איך האָב אָנגעצונדן די ליכט.

— עס איז מיר געווען ליכטיק, איך האָב געהאַט געסט...

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

— דער נעכטן. וואָס קען אַ מענטש חלומען וועגן מאָרגן? ווער ווייסט וועמענס מאָרגן איז; וועגן מאָרגן חלומען מיר אין דער וואָר, וואַכיקע. אין שלאָף חלומען מיר וועגן נעכטן. ווו ביסטו געווען?

— געווען אָנקוקן דעם בילדינג, צוריקגייענדיק בין איך פאַרביי־געגאַנגען דעם קלויסטער אויף לינקאָלן ראָוד, האָט מיך אַ צי געטאָן אַריינצוגיין...

אַ מאָדנע געפיל באַהערשט פרענציסן. אין קלויסטער? — טראַכט זי צו זיך — עס גיבן זיך אַ טראָג אין איר דמיון איבערגעלעבטע שרעק אין די קינדער־יאָרן. אין קלויסטער? — חזרט זי איבער די פראַגע אין איר דמיון — און די אַלע געשטאַלטן וואָס האָבן זי אין דמיון באַזוכט,

וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי מיטן קלויסטער? דער חלום ברענגט אָפּט אַרויס דערמאָנונגען וואָס ליגן פאַרגעסענע אין הינטערגעוויסן במשך יאָרן; ווען איך וואָלט געהאַט קינדער, וואָלט סעראַפּין זיי אויך גענומען אין קלויסטער. אויב דער צופאַל האָט אַזוי דערפירט, איז בעסער אָן קינדער... אפשר איז דאָ געווען מיין טאַטע? איך וואָלט נישט געוואָלט ער זאָל קומען. ער קען זיך דערוויסן אַז איך האָב אַ גויישן מאַן... בעסער זאָל ער נישט קומען, בעסער זאָל ער נישט וויסן...

פּרענציס עפנט אויף ברייטער אירע אויגן, קוקט זיך אַרום און כאַפּט זיך אַז זי מישט אויס צוויי צושטאַנדן, אַז זי איז וואַך און מישט אַריין אין אירע געדאַנקען דעם חלום וואָס זי האָט געהאַט.

סעראַפּין דערפילט אַז די אָנגעצונדענע ליכט האָט צעשטערט אַ חלום. ער ווייסט אָבער נישט דעם רושם וואָס עס האָט געמאַכט זיין באַזוך אין קלויסטער. דאָס איז דאָך פאַר אים אַזוי פּשוט, אַזוי איינפאַך. ער דערנענטערט זיך צו פּרענציסן.

— וואָס טראַכסטו?

— אַ מענטש האָט אַזוי פיל צו טראַכטן. וואָס איך טראַכט? איך וועל דיר דערציילן, דאָס זענען טראַכטענישן וועגן אַ פאַרגאַנגענער וועלט. קיין פאַרגעניגן וועט עס דיר נישט פאַרשאַפן. די וועלט איז דיר פרעמד. איך האָב געהאַט אַ מאַמען, אַ טאַטן, מומעס, פעטערס, אַ ברודער. מיין מומע האָט מיך געשטויסן צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד. אַמאָל פיל איך, אַז זיי האָבן געוווסט וואָס עס רוקט זיך אָן אויף דייטשלאַנד, אויף אייראָפּע, און דאָך זענען זיי אַלע געבליבן און אומגעקומען. נישט געקוקט אויף אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען וואָס עס קומט אָן. אַ סך יידן האָבן געגלויבט אין דער קולטור־מדרגה פון דייטשן פאָלק. איך האָב איצט געטראַכט וועגן אַ שול־חבר וועלכן איך האָב ליב געהאַט, איך האָב דאָס אים קיינמאָל נישט געזאָגט, זיך קינדעריש געשעמט, און איצט קומט ער מיר אַלע מאָל אויפן זינען.

באַלד נאָכן פאַרענדיקן די שול איז ער אַוועק אויף „הכשרה" קיין גראָכאָוו, אַ ציוניסטישע פאַרם, נאָכן אָפּאַרבעטן אַ צייט האָט ער געקריגן אַ סערטיפיקאַט און איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע. ער האָט זיך

געראַטעוועט פון חורבן. עס איז מיר איינגעפאַלן אים אָנצושרייבן אַ פּאָר שורות, איך געדענק זיין אַדרעס. איך טראָג זיין אַדרעס אין מיין זכרון, דעם נאָמען פון קיבוץ אין וועלכן ער לעבט אַלע יאָרן. אָבער... צו וואָס?... צו וואָס אויפרייסן וווּנדן...

— פאַרוואָס האָסטו מיך געפרעגט וואָס איך טראַכט? און צו וואָס דערצייל איך דיר דאָס אַלץ? דאָס אַלץ איז דאָך דיר פרעמד. דו האָסט דיינע דערמאָנונגען. אונדזערע לעבנס זענען דאָך אַזוי פאַרשידן; אונדזער עפּאָכע איז דאָך אַזאַ טרויעריקע, אַזאַ אַכזריותדיקע, עס איז דאָך בעסער נישט צו טראַכטן, נישט רייסן די וווּנדן, נאָר ווער קען דאָס באַוויַיזן?

סעראַפּין האָט זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפקע, צוגעקומען צו פרענציסן, זי אָנגעקוקט מיט אומעטיקע אויגן, געטראַכט אַ ווײַלע און געזאָגט:

— מען דאַרף זיי דערמאָנען, זיי זענען דאָך אונדזער בלוט און פלייש. אפשר איז אונדז געווען באַשערט זיך צו ראַטעווען, מיר זאָלן זיי דערמאָנען. עס איז דאָך נאָר אַ צופאַל וואָס מיר זענען געבליבן לעבן און זיי זענען אומגעקומען. עס האָט דאָך געקענט זיין פאַרקערט. איך זאָג „אונדז" — איך בין דאָך אַ טייל פון דיר.

פרענציס האָט אַ שמייכל געטאָן.

— זייער שיין פון דיר. איך בין דיך אָבער מקנא. דו דערהאַלטסט בריוו פון דיין משפחה וואָס לעבט אין דיין לאַנד. איך האָב נישט פון וועמען צו קריגן אַ בריוו. אַלע זענען אומגעקומען. איך אַליין בין געבליבן פון אַ גאַנצער משפחה. טאָמער האָב איך געהאַט מיין מומען אין אַמעריקע, איז זי געשטאָרבן און איך האָב זי גערשנט.

סעראַפּין האָט זיך פאַרטראַכט אויף זיין פרויס רייד, ער האָט זיי פאַרשטאַנען.

— דיינע רייד טוען מיר וויי. איך האָב דיך ליב. מיר פאַלט קיין מאָל נישט איין צו טראַכטן וועגן דעם אַלץ וואָס דו לעבסט איבער.

— אָבער אַז דו גייסט פאַרביי דעם קלויסטער ציט דיך אַריינצוגיין. אַז דו ווילסט עסן וואָס דיין מאַמע האָט געקאָכט אין יום־טובים, גייסטו אין אַ שפּאַנישן רעסטאָראַן. וויפל מאָל פאַרשטייען מיר נישט איינער

דעם צווייטן, ווייל אונדזערע שפראַכן זענען פאַרשידענע. כּל־זמן דער דראַנג פון איינעם צום צווייטן איז געווען די קראַפט וואָס האָט אונדז פאַרבונדן — האָבן מיר פאַרגעסן די אַלע אונטערשיידן — אָבער איצט, איך טראָג אין מיין זכּרון דעם זכר פון די אַלע צווישן וועלכע איך בין אויפגעוואַקסן. זיי רינגלען מיך אַרום און ציען מיך צו מיין אָפּשטאַם. דו דערמאָנסט זיך אויך געוויס די מענטשן צווישן וועלכע דו ביסט אויפגע־וואַקסן.

— יע! — האָט סעראַפין באַוועגט דעם קאָפּ צושטימענדיק — אָבער די אונטערשידן האָבן זיך שוין אָפּגעמעקט...

— נישט ביי מיר.

— פאַרוואָס גייסטו נישט אין סינאַגאָגע אויף וואַשינגטאָן עוועניו?

— ווייל עס גייט נישט אין רעליגיעזן געפיל. עס איז דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון דערמאָנונגען, פון טראַדיציעס. עס איז די וועלט אין וועלכער דער מענטש לעבט און טראַכט. דער צונויפּבונד פון צוויי מענטשן איז דאָך זייער בשותּפותדיקער אָפּשטאַם, די דערמאָנונגען וואָס זיי טראָגן אין זייער געדאַנק און וואָס זענען זיי נאָענט. די אַריינגעזאַפּטע טראַדיציעס אין זייערע היימען. איך האָב ליב צו באַטראַכטן דיינע פאָטאָגראַפיעס; איך האָב ליב צו זען דיך, אַ יונגן מאַן, ווי דו אַקערסט. איך האָב אָבער מורא פאַר פערד. איך קוק אויף דעם קלויסטער. אויף דיין בילד און עס שווימט אויף אין מיין געדאַנק מיין שרעק און מיין מאַמעס שרעק פאַרן „גרינעם דאָנערשטיק"... פון קלויסטער האָט זיך געטראָגן שׂנאה צו מיין פאָלק, צו מיין גלויבן. איך האָב דאָס געפיל ווי מיר וואָלטן געווען צווייגן פון צוויי פאַרשידענעביימער, וואָס קענען זיך קיינמאָל נישט צוזאַמענוואַקסן. מיר זענען צוויי גוטע מענטשן וואָס האָבן צונויפגעשמאָלצן זייערע לעבנס אין אַ מאָמענט פון סעקסועלן דראַנג פון איינעם צום צווייטן, וואָס זענען אָבער געבליבן צוויי באַזונדערע וועלטן, מיט באַזונדערע חלומות וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט און זייער היינט, נישט געקוקט אויף זייער גוטן ווילן און ליבשאַפט איינער צום צווייטן.

ביידע האָבן געשוויגן. אַ שטילקייט האָט געראַנען פון אומעטיקן בין־השמשות. פרענציס האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון וויגשטול. איר

שאָטן האָט זיך אונטער דער טונקעלער ליכט באַוועגט איבער דער וואַנט. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, צוגעגאַנגען צו דער באַלדווין־פּיאַנאָ וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון דער פאָדערשטער וואַנט, אַנטקעגן פענצטער.

זינט די מומע גערטרוד איז געשטאָרבן, איז די פּיאַנאָ געשטאַנען אַ פאַרמאַכטע. אַ שטומע. שוין אַ לאַנגע צייט ווי פרענציס האָט נישט געשפּילט. איצט האָט זי אויפגעהויבן דעם דעקל און אין דעם מאָמענט האָט אַ געדאַנק אַ בריי געטאָן איר מוח: „איך וועל שפּילן פאַר די אומגעקומענע געסט". עפּעס האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן אין איר נשמה — „פאַר די אומגעבראַכטע". ווי האָט אַ פאָלק געקענט נאָכגיין נאָך אַ משוגענעם פּסיכאָפּאַט און שטעלן פאַר זיין ציל אומצוברענגען אַ צווייט פאָלק, וואָס האָט אים געהאָלפן גרויס ווערן — אַ גאַנץ פאָלק איז אַריינגעפאַלן אין משוגעת. עס איז דאָך נישט מעגלעך צו פאַרשטיין, צו גלייבן". זי האָט אַ שאַר געטאָן אירע לאַנגע פינגער. אירע פינגער האָבן זיך באַהעפט מיט די ווייסע קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ, פרענציס האָט נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געשפּילט, זי האָט פאַרכּישופט דעם אומעטיקן בין־השמשות.

סעראַפין איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער. פּלוצלינג האָט ער מיט אַ האַרבער שטימע אַרויסגערעדט:

— פאַרוואָס האָט מען זיי אומגעבראַכט? איין טיגער דעם צווייטן וועט נישט אומברענגען. ער פּרוווט דאָס נישט אַפילו ווען ער איז טויט הונגעריק און זוכט שפּייז. דאָס זעלבע דער וואָלף, דער לייב, די היענע. די פאַרפוילטע פליישפרעסערס וועלן נישט אומברענגען זייער גלייכן. ווי אַזוי קען דאָס זיין, אַז אַ פאָלק, וועמען דער קרבן האָט אין משך פון דורות פאַרגעשטעלט ווי דאָס פאַרגעשריטנסטע קולטור־פאָלק, ווי קען דאָס זיין אַז דאָס פאָלק זאָל אַזוי פאַלן? קען דאָס זיין אַז דער מענטש זאָל פאַלן נידעריקער ווי די חיה? ווי קענען מיר טראַכטן וועגן אַן איבערמענטש? ווי קענען מיר טראַכטן וועגן אַ בעסערער וועלט? דער גלויבן אין מענטש איז דאָך דורך די אכזריות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה צעשטערט געוואָרן.

פרענציס האָט ווייטער געפירט אירע פינגער איבער די קלאַווישן און געפילט אַז דאָס צימער איז פול מיט געשטאַלטן, מיט אַלע וועמען

זי טראָגט אין איר זכרון, נאָך ווען זי בענקט און ווען זי באַוויינט. זי האָט דערפילט אַז די קלאַווישן זענען אַריינגעוואַקסן אין איר האַרץ, ווי די פּיאַנאָ וואָלט זיך אין פלאַמיקן פייער פאַרוואַנדלט אויסצושפּילן איר צער איבער אַלע נאָענטע. טרערן האָבן אָפּגעקלונגען אויף די ווייסע קלאַווישן. דער פאַרנאַכט האָט געוויינט.

✶

פרענציס איז אויפגעשטאַנען אין יענעם פרימאָרגן מיט אַ פאַרלאַנג זיך אָוועקצוטראָגן איבער די גאַסן פון דער צעוואָרפענער שטאָט צווישן קאַנאַלן און אינדזלען. אַ געדאַנק האָט געעגבערט איר מוח. זי האָט געוואָלט פאַרשטיין צי האָט זי אויסגעקליבן איר וועג אין לעבן, צי איז אַלץ אין לעבן אַ צופאַל. דאָס גאַנצע לעבן פון מענטש איז אַ קייט פון צופאַלן.

פרענציס האָט זיך געצויגן פון איין ווינקל גאַס צום צווייטן. „ווּ האָב איך צו גיין ? ווּ האָב איך מיין היים ?״

וואָס עלטער פרענציס איז געוואָרן, אַלץ קלאָרער זענען אויפגעשוווּמען אין זכרון אירע קינדעריאָרן. אַלץ נענטער האָט זי דערפילט אירע יוגנט־יאָרן, איר היים, אירע חברים. אַלץ מער האָבן זיי געוועקט אין איר אַ בענקשאַפט נאָך יענער צייט. זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז זי האָט אָפּגעלעבט אַן איינזאַם לעבן, אַז זי האָט נישט מיט וועמען זיך צו טיילן מיט אירע דערמאָנונגען, זי האָט נישט קיינעם וואָס קען פאַרשטיין איר פאַרגאַנגענהייט, אַז אַן אומעטיקע איינזאַמקייט האָט זי באַגלייט איר גאַנץ לעבן.

פלוצלינג האָט זי דערהערט קלאַנגען, ווי זיי וואָלטן זיך טראָגן אויפן פאַרנאַכטיקן טראַפּיקאַלן ווינטל. פרענציס האָט דערהערט אַ ניגון. זי האָט אָנגעשטרענגט איר געהער און צו זיך געטראַכט : „דאָס איז דאָך דער כּל נדרי ניגון״...

פרענציסעס מוח האָט נישט גערוט. זי האָט זיך געהוידעט אויפן ווּיגשטול און געטראַכט : „איך קען נישט פאַרשטיין ווּ האָבן ייִדן

גענומען אַזויפיל מוט, אַזויפיל עקשנות. ווי אַזוי האָבן זיי געקענט פירן אַ לעבן אין די ראַמען פון אַ צווייט פאָלק, פון אַ צווייטן גלויבן, מיט אַן אַנדער שטייגער לעבן. ווי האָט אַ קליינע מינדערהייט געקענט אויסהאַלטן דעם דרוק פון דער אַרומיקער מערהייט, די שׂנאה פון דער רעליגיעזער קריסטלעכער היעראַרכיע קעגן דער מינדערהייט; איך קען דאָס נישט פאַרשטיין, איך קען דאָס נישט פאַרשטיין".

„ייִדן האָבן געהאַט זייערע אייגענע לעבנס־פאָרמען מיט אַ בית־מדרש און שול; מיט שחיטה, אַנדערע קליידונג, געגעסן אַנדערע מאכלים. זיי האָבן געפירט אינגאַנצן אַן אַנדער לעבן אין די ראַמען פון אַ צווייט פאָלק, וואָס איז געווען דער הערשער, די מלוכה. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען? איך קען דאָס נישט פאַרשטיין".

„ווי אַזוי האָבן מיר געקענט אָנהאַלטן אַן אייגענעם רוטאָג פאַר הונדערטער יאָרן, מיט יום־טובים וואָס פאַלן אויס אין זייערע וואָכעדיקע טעג; ווען די שטעטלעך האָבן אויסגעקוקט ווי פוסטע, מיט פאַרמאַכטע ייִדישע קראָמען, אָן קיין שום באַוועגונג. די עלטערע האָבן שפּאַצירט אויפן שול־באַרג און די ייִנגערע איבערן שאָסיי. ווי קען איך דאָס פאַרשטיין? פּויערים האָבן זיך געשעמט דורכפאָרן שבת דורכן שטעטל מיט די פולע וועגענער היי".

„אַז עס איז אין אַ מאַרקטאָג געקומען צו פאָרן אויפן מאַרק די איינציקע משומדתטע, האָבן טאַטעס געפירט זייערע קינדער ווייזן די משומדתטע וואָס איז געזעסן אויפן פויערישן וואָגן מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ".

פרענציס האָט נישט געקענט רוען. זי האָט געפילט ווי זי וואָלט פאַרראַטן יענע ייִדן וואָס האָבן אויסגעהאַלטן הונדערטער יאָרן פון אָפּגעזונדערטן ייִדישן לעבן.

✶

סעראַפין האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז זיין ווייב לעבט איבער שווערע טעג. אַ טרויער איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פנים. אַן אומעט האָט זיך געפילט אין איר קול, אין אירע באַוועגונגען.

— קום, פרענציס, עס איז אַזאַ שיינער, קילער פאַרנאַכט, לאָמיר

אַראָפּגיין צום ים, וועלן מיר זען מענטשן. עס זענען אָנגעקומען אַ סך טוריסטן.

פרענציס גייט ביי דער זייט פון איר מאַן. שוין פינף און דרייסיק יאָר ווי זיי זענען צוזאַמען. נאָר פּלוצלינג פון דער העלער הויט, שווימט אויף אין איר געדאַנק די „יודען־שטראַסע" אין בערלין. זי גייט מיט איר מומען אין שיפס־קאַנטאָר, ווי עס וואָלט געשען ערשט איצטער. די איבערלעבונגען פון אַ מענטש לעבן אין זיין אונטערבאַוווסטזיין שטענדיק. עס דאַרף זיך נאָר עפענען אַ פענצטערל און זיי קומען אַרויס און דו לעבסט זיי איבער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל.

פאַרבייגייענדיק דעם קלויסטער האָט זיך סעראַפין דערמאָנט ווי ער גייט מיט זיין פאָטער זונטיק אין דאָרפישן קלויסטער. זיין פנים שמייכלט און ער טראַכט צו זיך — קיינער קען נישט אוועקגיין פון זיין נעכטן. פּלוצלינג שווימט אויף אין זיין זכרון די נאַכט ווען ער איז אַרויס פון דאָרף גיין צו דער פאַרשטשטאָט זיך אַרויסצוראַטעווען פון זיין צעשטער־רעמטן היימלאַנד.

— פרענציס, וואָס טראַכטו?

— פון אַמאָל...

— אַלע טראַכטן מיר פון אַמאָל. דער היינט לעבט דאָך פאַר אונדזערע אויגן... דער מאָרגן? ווער ווייסט ווען מאָרגן ס'איז? דער אַמאָל איז איינגעקריצט אין אונדזער זכרון מיט זיינע גוטע און ביטערע טעג, ביזן סוף פון אונדזערע טעג.

✶

די טעג אויף די עלטערע יאָרן שלעפּן זיך ווי בליי. די צוויי מענטשן האָבן זיך באַצויגן פריינדלעך איינער צום צווייטן. מיט ליבשאַפט. סעראַפין האָט מיט זיין אַרבעט, מיט זיין מוט, מיט זיין חוש פאַרן ווערט פון הייזער און מיט פרענציסעס ירושה אָנגעזאַמלט אַ פאַרמעגן. די צייט האָט אָבער נישט אָפּגעווישט די אונטערשיידן פון זייער אָפּשטאַם. פאַרקערט, זיי זענען נאָך שאַרפער געוואָרן.

פרענציס האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך צו דערנענטערן, זיך חברן

מיט ייִדן. האָט אָבער סעראַפּין נישט פאַרשטאַנען גוט ענגליש און אַוודאי נישט קיין ייִדיש. דער אונטערשיד אין דער קולטור־מדרגה צווישן סעראַ־פינען און פרענציסן איז געווען אַ שטער זיך צוצופּאַסן צו אַ באַשטימטער גרופּע. זענען זיי געבליבן אויפן ראַנד פון לעבן וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער שטאָט. נישט געקוקט אויף איר פאַרלאַנג זיך צו דערנענטערן צו ייִדיש לעבן, איז זי אָבער געווען אַזוי ווייט פון ייִדיש לעבן און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט דאָס צו דערגרייכן. זי האָט מיט ליבשאַפט זיך צוגעקוקט ווי עס קומט אויף אַ ייִדישער ייִשוב. זי האָט געהאַט אַ וואַרעם געפיל פאַר ייִדן און ייִדיש לעבן.

*

אויף דער הילצערנער, טונקל־גרינער באַנק, מיט דער צעטריקנטער פאַרב פון די הייסע, זוניקע שטראַלן, אַנטקעגן דער געמויערטער, נידעריקער וואַנט וואָס טיילט אָפּ די גאַס פון זאַמדיקן ים־ברעג, פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, זיצן צוויי אַלטע מענטשן, צוויי ווייסע טויבנקעפּ. עס איז זיי אומעטיק אין רייכן קאָנדאָמיניום, זיצן זיי דאָ און קוקן צו די ווייטן, צו די האָריזאָנטן וואָס גיסן זיך צונויף פון הימלישן און ימיקן בלוי.

ווען די גאָלדן־ראָזע פלאָרידיאַנער זון פאַרגייט הינטער די האָריזאָנטן, טראָגן זיך זייערע געדאַנקען אַוועק ווייטער, אַ סך ווייטער ווי די האָרי־זאָנטן. סעראַפּין טראַכט פון זיין היים אין שפּאַניע, פון גרינע פעלדער, פון ווייַנטרויבן אויףביימלעך, פון זיינע קינדער־יאָרן. פרענציס טראַכט פון איר היימשטאָט, פון נאַצי־חורבן, וואָס האָט פאַרשניטן אַלע אירע נאָענטע. צוויי מענטשן וואָס האָבן פאַרבונדן זייערע לעבנס און זענען פאַרבליבן — צוויי באַזונדערע וועלטן.

די ווייסע טויבנקעפּ קוקן צו די זעלבע האָריזאָנטן און זעען צוויי באַזונדערע וועלטן וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט צונויפגעשמאָלצן...

— איך וויל דיך עפּעס בעטן — זאָגט פרענציס מיט אַן אויסגעלאָשן קול.

— בעט וואָס דו ווילסט, נישטאָ קיין זאַך וואָס איך וועל פאַר דיר נישט טאָן.

— איך וויל דיך בעטן, אַז איך וועל שטאַרבן זאָל מען מיך באַערדיקן אויף אַ ייִדישן בית־עולם.

— מיר האָבן דאָך צוויי פּלעצער — האָט סעראַפּין אינסטינקטיוו אַרויסגערעדט.

— איך ווייס, איך וויל אָבער ליגן אויף אַ ייִדישן בית־הקברות. איך וויל זיין נעענטער צו מיינע אייגענע, צו מיינע אומגעבראַכטע קרובים. שוין לאַנג ווי איך קלייב זיך דיר דאָס זאָגן. איך האָב דיר נישט געוואָלט וויי טאָן...

— ווּעסט מיך לאָזן אַליין?

— דו ביסט נישט אַליין. דו האָסט ברידער, שוועסטער, דו באַקומסט בריוו. איך האָב נישט פון וועמען... נאָר דער בית־הקברות קען מיך פאַראייניקן מיט מיינע באַענטע. גיי אין טעמפּל אויף וואַשינגטאָן עווענױ, זאָג אַז איך האָב קיינמאָל נישט פאַרלייקנט און נישט פאַרלאָזט מיין שטאַם. נאָר אַ צופאַל האָט מיך צייטווייליק אָפּגעטיילט פון זיי.

★

אויף די האַלב רונדע צעמענטענע טרעפּ פון דער גרויסער שול, אין ווינקל פון צוויי ברייטע גאַסן, זיצט אַ גראָ־ווייסע פרוי. איר בלאַס ייִדיש פּנים רעפלעקטירט אַ טיפע פאַרטראַכטקייט.

עס דערנענטערט זיך צום טעמפּל אַ זקן. ער שטרענגט שאַרף אָן זיינע אויגן, ער קוקט אויף דער גראָ־ווייסער פרוי, אויף איר רייכער קליידונג. פון זיין מויל גליטשן זיך אַרויס ווערטער: פרענציס! וואָס טוט איר דאָ? אויף די צעמענטענע טרעפּ צום טעמפּל?

— געקומען זיך צוטוליען צום קאַלטן שטיין אויף וועלכן ס׳טרעטן ייִדישע פיס. יע, מר ליבערמאַן, איר האָט מיך דערקענט. ס׳זענען אַוועק אַ סך יאָרן, נישט געהאַט קיין מוט... אייך איז באַקאַנט מיין פאַרטעותט לעבן.

מר ליבערמאַן קוקט זי אָן און קלייבט זיך עפּעס פרעגן, נאָר פרענציס פאַרלויפט אים דעם וועג און זאָגט: — מיין מאַן איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָב איך זיך נישט וווּ אַהינצוטאָן, ס׳איז אומעטיק אין

גרויסן קאָנדאָמיניום. קיין קינדער האָב איך נישט, קיין פריינד האָב איך נישט... אַלע נאָענטע זענען אומגעקומען, קיין נייע פריינד האָב איך נישט באַוויזן צו שאַפן, ס׳האָט מיך אַלע מאָל געצויגן צו ייִדן, נאָר מיין מאַן האָט נישט פאַרשטאַנען קיין ייִדיש, קיין ענגליש האָט ער אויך נישט געקענט, איז מען געבליבן אָפּגעריסן. אַ מענטש טאָר זיך נישט אָפּרייסן פון זיין שטאַם. איך גלויב נישט אַז מיין גלויבן איז אַ בעסערער פון מיין מאַנס, אַ סך מאָל ספק איך אין מיין גאָט, וואָס האָט געלאָזן אומברענגען זיין פאָלק. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין גלויביקע. ווען כ׳וואָלט געווען אַ גלויביקע, וואָלט איך אפשר נישט חתונה געהאַט מיט מיין מאַן... אָפּשטאַם איז מער ווי גלויבן; די סביבה אין וועלכער דו ביסט אויפגעוואָקסן און אפשר די ליידן, די נסיונות וואָס דו ביסט אַדורכגעגאַנגען אין דיין לעבן צוליב דיין אָנגעהעריקייט צו דיין פאָלק, פאַרבינדן דיך שטאַרקער מיט דיין שטאַם. אַ מענטש קען זיך נישט אָפּרייסן פון זיין שטאַם, פון זיין וואָרצל. דו קענסט אָנווייזן אויף טויזנטער וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן, דו ווייסט אָבער נישט די פוסטקייט אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. אפשר זענען דאָס מענטשן וואָס האָבן נישט אַריינגעזאַפּט דעם זאַפּט פון זייער אָפּשטאַם?

— אָבער וואָס טוסטו דאָ, אויף די צעמענטענע טרעפּ פון טעמפּל?

— איך טוליע זיך צו די קאַלטע שטיינער־פעדעם פון מיין אָפּשטאַם. זייער שווער צו דערקלערן וואָס אַ מענטש וועלכער האָט זיך דערווייטערט פון זיין סביבה און זיך צו קיין צווייטער נישט צוגעקלעפּט, פילט ביים סוף פון זיין שווערן וועג. שוין שפּעט. איצט קאָן איך נאָר מאַכן דעם סך־הכּל...

— איר ווילט, מר ליבערמאַן, איך זאָל אייך צופירן?

— נישט נייטיק, איך וועל זיך אַליין דערשלעפּן, עס איז שוין נישט ווייט... אַ שאָד, פּרענציס, אַ שאָד...

מיין מאַמעס צירונג

ווען מיין באָבע פרומע־חנה האָט חתונה געהאַט מיט מיין זיידן ר׳ אָשר מרדכיס, האָט דער עלטער־זיידע, ר׳ מרדכי, איינגעקויפט פאַר דער שנור אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ דיקער גאָלדענער קייט, וואָס איז אַראָפּ־געהאַנגען פון איר האַלדז איבער דעם שוואַרצן סאַמעטענעם קלייד ווי אַ זוניקער שטראַל.

מיין עלטער־זיידע איז געווען רייך. דאָס הויז, וווּ ער האָט געהאַט די אכסניה מיטן גרויסן הויף, שטאַלן און די צוויי מויערן ביי דער זייט פון דער אכסניה זענען געווען אַ ירושה. דער פראָנט פון דער אכסניה און פון די אַנדערע הייזער זענען אַלע אַרויסגעגאַנגען צום נייעם מאַרק. אויסער דער אכסניה האָט ער אויך געפירט האָלץ־געשעפטן וואָס ער פלעגט מיט פליטן שיקן איבער דער באַברע קיין דאַנציג.

בעת מיין מאַמע האָט חתונה געהאַט האָט מיין זיידע אָשר איר געגעבן אַ חתונה־מתנה דעם זעלבן זייגער מיט דער גאָלדענער קייט.

דער זייגער מיט דער גאָלדענער קייט, אַ גרויסע גאָלדענע שפּילקע מיט אַריינגעזעצטע דימענטן, אין דער פאָרעם פון אַ צווייגל, און אַ פּאָר גאָלדענע דיקע אוירינגלעך, זענען געלעגן אין אַ גרויסער זילבערנער צוקער־פּושקע וואָס איז געווען באַהאַלטן אויפן אויוון. אַז עס פלעגט זיין אַ חתונה, אַ שטייגער ווי ביי מיין שוועסטערקינד דבורקע — אויף וועלכער מיר זענען געפאָרן אויף אַ גאַנצער וואָך קיין וואָלקאָוויסק — צי אַ יום־טוב אויף צו גיין אין שול אַריין, פלעגט מען אַראָפּנעמען די זילבערנע פּושקע פון אויוון און מיין מאַמע פלעגט אָנטאָן דאָס צירונג, און דערביי דערמאָנען די געלעגנהייטן ביי וועלכע איר מאַמע האָט דאָס זעלבע צירונג געטראָגן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים נאָכן אַרומוואַלגערן זיך היימלאָזע אין ביאַליסטאָק און געווינט

ביי דער מומע חנה אין אויבערשטיבל, איז די צייט געווען זייער אַ ביטערע: די פויערים זענען נישט געקומען אין שטעטל אין די מאַרקטעג, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן. די דייטשישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט ביי זיי אַלץ רעקוויזירט — צוגענומען די פערד, די בהמות, די תּבואה, און געלאָזן די פויערים אָן מיטלען אויף צו באַאַרבעטן די ערד. — האָט די אַכסניא געפּוסטעוועט, און דאָ איז אונטערגעקומען די חגא „שוויענטי יאַן" ווען מען דאַרף צאָלן דירה־געלט (אין די שטעטלעך פלעגט מען יענע יאָרן צאָלן דירה־געלט אויפן יאָר) און קיין געלט איז נישט געווען. דער רוסישער רובל האָט פאַרלאָרן יעדן ווערט, צו די פּוילישע זלאָטעס האָט מען נאָך קיין צוטרוי נישט געהאַט. האָבן די בעלי־בתים געפּאָדערט דאָלאַרן. האָט מיין טאַטע געהאַט נאָר איין אויסוועג — פאַרזעצן דער מאַמעס צירונג. דער געדאַנק אַליין האָט פאַרשאַפט גרויס האַרצווייטיק.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פלעגן אויף די ירידן קומען דייטשישע חזירניקעס (קצבים) פון די גרענעץ־שטעט און איינקויפן חזירים. עס פלעגן אַראָפּקומען פערד־הענדלערס סיי פון די נאָענטע שטעטלעך, סיי אויך פון דייטשלאַנד. זיי פלעגן זוכן ספּעציעלע פערד, צוויי פון זעלבן קאָליר (מאַשטש), רייטפערד פון פריצים אָדער ענלעכע צו אַראַבישע פערד. נישט ווייט פון שטעטל האָט טאַקע אַ פריץ געהאָדעוועט ספּעציעלע רייטפערד. אין זיינע שטאַלן האָט ער אויפגעהאַנגען שפּיגלען, די פערד פלעגן אַריינ־קוקן אין זיי און זיך געפּוצט... אָבער מ׳פלעגט זיי במילא פּוצן טאָג־טעגלעך, קעמען זייערע גזשיוועס, זיי לערנען זיי זאָלן האַלטן די העלדזער הויך. פלעגן אין דעם הויף (פאָלוואַרעק) אַראָפּקומען די וואָס האָדעווען ראַסאָווע פערד, אָנצוקוקן די שטאַלן און זיך לערנען ווי צו האָדעווען פערד. צו די ירידן פלעגן קומען די גלעזער פון די הוטעס, מיט זייערע גרויסע בוידן, גרויסע צוגעדעקטע וועגענער, מיט קיילעכדיקע דעכער. עס פלעגן אויך אַראָפּקומען קאָרטן־שפּילערס מיט גלאַנציקע זשאַקעטן, און קעשענע־גנבים. און אַז די אַלע פלעגן קומען, האָט די אַכסניא געשוויבלט ווי אין אַ בינשטאָק. מיין טאַטע, ר׳ יצחק, פלעגט אין אַזאַ ווינטער צונויפקלייבן די הונדערט רובל דירה־געלט און זיי אַריינטראָגן

מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים צו דיאַדי דעם בעל־הבית, און דיאַדי פּלעגט צונעמען די אַפּותיקא מיט אַ ברייטן שמייכל.

— ר׳ דיאַדי, ציילט איבער. געלט דאַרף מען ציילן. — פּלעגט מיין טאַטע אים זאָגן.

— נישט נייטיק — האָט ער געענטפערט. דו קאָנסט ציילן, מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן. וואָס איך וויל דיר יאָ זאָגן איז, אַז דעם קומענדיקן „שוויענטיאַן״ וועסטו מיר דאַרפן העכערן אַ צענערל.

— מען וועט שוין זען. זאָל נאָר גאָט געבן אַ געזונט יאָר.

זייט עס איז אויפגעשטאַנען דאָס נייע פּוילן האָט זיך אויף די ירידן אויסגעגאָסן אַ בייז אויג. די דייטשישע קצבים קומען נישט, די פערד־הענדלערס קומען נישט, די אַכסניאַ פּוסטעוועט, און מיין טאַטע האָט נישט מיט וואָס צו צאָלן דירה־געלט, און דיאַדי, דער בעל־הבית, שמייכלט נישט, ער מאַכט אַ בייז פּנים, וואָס וואַרפט אָן אַן אימה.

ווי לאַנג קען מען אָפּציען אַזאַ חוב, בפרט נאָך אַז דער בעל־בית וווינט ביי דער זייט, אינעם זעלבן מויער, און דאָס איז זיין גאַנצע הכנסה. האָט זיך אָנגעהויבן אַ טראַכטעניש, ביי וועמען קאָן מען בעטן?... ביז מ׳האָט באַשלאָסן צו לייען ביים טאַטנס ברודער, ביים פעטער יאָסל. ווער איז שוין נענטער ווי אַ ברודער?

מיין טאַטע איז געווען אַן אָפּגעהאַרציקער מענטש, האָט ליב געהאַט דערציילן אַ וויץ, מעשיות. דער עיקר האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיינע פינף יאָר אין דער רוסישער אַרמיי, ווו ער האָט געשפּילט אין דער „מוזיקאַנטסקער קאָמאַנדע״ אין סאַראַטאָוו אויפן קאַטאָק.

מיין פעטער יאָסל איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערער מענטש: אַ פאַרשלאָסענער, אַ שווייגער. אַ רענדל אַ וואָרט. אַז ער פלעגט דאַרפן באַצאָלן אַ דאָרפסגייער פאַר סחורה, עטלעכע רובל מיט אַ גראָשן, האָט ער געזוכט דעם גראָשן און נישט געלאָזט דעם ייִדן אָוועקגיין. זיין איבערגעטריבענע פּינקטלעכקייט איז געווען, זעט אויס, פון קאַרגשאַפט. עס איז געלעגן אויף מיין פעטער יאָסל אַ שווערער יאָך: דאָס חתונה מאַכן די טעכטער, און דאָס האָט אים געמאַכט צו זיין אויסגערעכנט אויף אַ גראָשן.

מיין פעטער האָט ליב געהאַט צו קאָרמען דעם אינדיק, וואָס מיר פלעגן שטענדיק פאַשען פאַר די געסט אין דער אַכסניא. ער פלעגט אַרויפנעמען דעם אינדיק אויף די קני׳ און אים קאָרמענען מיט פּיר־קאַנטיקע שטיקלעך ברויט, וואָס ר׳האָט אָנגעשניטן, און הנאה געהאַט וואָס ער פאַרנוצט דאָס ברויט וואָס ער האָט נישט געקאָנט צעקייען מיט זיינע ציין.

ער פלעגט שלאָפן אויף אַ סאָפקע אין דער גרויסער עסשטוב, פלעגט צאָלן פאַר נאַכטלעגער, אָבער טיי האָט ער געטרונקען אומזיסט, וויפל ער האָט געוואָלט.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אַמפּערנישן: ווער וועט דאָס בעטן ביי יאָסלען — דער ברודער צי די שוועגערין?ביידע האָבן גוט געקענט זיין כאַראַקטער...

— איך נישט — האָט מיין טאַטע געטענהט — מיר וועט ער איינס און צוויי אָפּזאָגן. ער וועט מיר ווידער דערציילן די מעשה מיט זיינע זיבן טעכטער. ס׳איז נישט פאַר מיר.

מען האָט זיך אַזוי לאַנג געשפּאַרט, ביז עס איז אויסגעפאַלן דער גורל אויף מיין מאַמען. מיין מאַמע דאַרף דאָס בעטן ביי מיין פעטער אַ הלוואה.

דערווייל איז ער געקומען, ווי אַלע מאָל, איינקויפן חזיר־האָר און פערדן־האָר ביי די דאָרפסגייער; און מיין טאַטע האָט ביי אַ געלעגנהייט אים דערציילט און אויסדערציילט די גאַנצע לאַגע און אים אַ פרעג געטאָן וועגן אַ הלוואה, האָט דער ברודער זיינער אים געענטפערט:

— יאָ. איך וועל דיר באָרגן, נאָר דו וועסט מיר דאַרפן געבן אַ משכון.

— וואָס קאָן איך דיר געבן פאַר אַ משכון? קיין שטוב האָב איך דאָך נישט...

— ווען דו האָסט אַ שטוב וואָלסטו דאָך נישט געדאַרפט צאָלן קיין דירה־געלט.

— אָבער דו האָסט אַ צוויי־שטאָקיקע מויער, מיט אַ קראָם, מיט אַ

שפייכלער, מיט אַ הויף, מיט אַ שטאַל, מיט צוויי בהמות, מיט אַן ערשטן שטאָק פאַר די טעכטער און פאַר די זין.

— וואָס עפּעס רעכנסטו מיר אויס וואָס איך האָב? איך בעט דאָך ביי דיר גאָרנישט. ביידע ברידער האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— איז וואָס ווילסטו פאַר אַ משכּון?

מיין פעטער יאָסל האָט געשוויגן.

— דו קלערסט, אַז איך דאַרף דיר זאָגן וואָס פאַר אַ משכּון דו דאַרפסט מיר געבן? אַליין האָסטו נישט קיין שכל, אַז דאָס דאַרף זיין צום ווינציקסטן ווערט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די הלוואה?

— דאַרפסט שוין נישט זאָגן. איך ווייס שוין גוט וואָס און וויפל דאָס דאַרף זיין. איך וועל דיר געבן לאהס צירונג (מיין מאַמעס). איך וועל דיר נאָך צוגעבן מיין גאָלדענעם זייגער, מיין שווערס דרשה־געשאַנק, און די גרויסע זילבערנע פּושקע. עס וועט שוין זיין גענוג, מער נאָך ווי דו ווילסט.

מיין טאַטנס קול איז געווען פול מיט צער, מיט ווייטיק.

— איך האָב נישט גענוג געלט ביי זיך. וועסט די צירונג מיר דאַרפן ברענגען, און איך וועל דיר געבן דאָס געלט.

מיין פעטער יאָסלען איז זיכער אַריינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז פּירנדיק קען ער די צירונג פאַרלירן, אָדער מען קען אים באַפאַלן און דאָס צונעמען. נאָך וואָס דאַרף ער זיין פאַראַנטוואָרטלעך?

— מען דאַרף דאָס דיר צופירן? — האָט מיין טאַטע אים געפרעגט מיט אַ צעפּיינט געמיט.

מיין פעטער יאָסל איז אַרויס זוכן די דאַרפסגייער און איינהאַנדלען ביי זיי וואָס עס וועט זיך מאַכן.

יענער נאָכמיטאָג איז ביי אונדז געווען אַן אומעט־קער.

פאַרנאַכט איז מיין פעטער יאָסל אַוועק צום באַן מיט עטלעכע פּעקלעך סחורה. ער האָט נישט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט מכּוח דער הלוואה. ער האָט געוווסט, אַז מען וועט אים דאָס צירונג ברענגען אַהיים.

אַז איך האָב די פּושקע מיטן צירונג אַרויפגעשטעלט אויפן טיש, האָט דאָס מיין מאַמע גענומען צו זיך.

— עפן דאָס נישט... נעם דאָס אַזוי ווי דאָס איז. אויב עס וועט זיין באַשערט, וועסטו, לאה, דאָס האָבן צוריק — האָט מיין טאַטע שטיל געזאָגט.

מיין מאַמע האָט נישט געהערט זיינע רייד. זי איז געווען פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן, אין אַנדערע צייטן. זי האָט געעפנט די זילבערנע צוקער־פושקע, אַרויסגענומען פון איר די גאָלדענע קייט מיטן זייגער, זיי געהאַלטן מיט די פינגער און דערזען די קייט אויף איר מאַמעס האַלדז... די קייט מיטן זייגער האָט געטראָגן מיין מאַמע, די קייט מיטן זייגער האָב איך געטראָגן צו מיין חופה. ווער וועט איצט טראָגן מיין ירושה? פאַרשטערט וועלן איצט זיין מיינע יום־טובים... זי האָט זיך דערמאָנט אָן די שמחות, אָן די יום־טובים, אויף וועלכע זי האָט צירונג געטראָגן, זי האָט דערזען די ווייסע שול אויפן שולבאַרג, זי האָט דערזען דעם רויטן פלושענעם טעפּעך אויף וועלכן זי איז געגאַנגען צו דער חופה, און אַ קוואַל פון טרערן האָט באַנעצט די קייט, דעם זייגער און די זילבערנע צוקער־פושקע, — דעם שטאָלץ פון דער משפחה, די ירושה־קייט פון מאַמעס און באָבעס.

אין אַ דינסטיק האָט מיין מאַמע אַוועקגעפירט דאָס צירונג צום פעטער יאָסל. דער פעטער האָט איר אויפגעקלערט, אַז שטאָט־געלט זאָל זי בעסער אַהיים פירן אַ זעקל צוקער און אַ פעקל סאַכאַרין, וועט זי אויסשלאָגן די הוצאות און נאָך פאַרדינען. אויף די אַ אַרטיקלען איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער מאַנגל. די עצה האָט זיך מיין מאַמען געלייגט אויפן שכל, און זי האָט איינגעקויפט, טאַקע ביים פעטער, אַ זעקל צוקער און אַ פעקל סאַכאַרין. דער פעטער האָט צום פאַרקויף זיכער נישט צוגעלייגט.

מיין פעטער האָט זיך דערוווּסט ווען עס פאָרט אַרויס אַ פורמאַן און מיט אים אָפּגערעדט, אַז באַלד פאַר טאָג, די ערשטע זאַך קומט ער נעמען מיין מאַמען מיטן זעקל צוקער און פעקל סאַכאַרין. וועט מען דאָס לייגן אונטערן געזעס, קיינער זאָל דאָס נישט זען, ווייל כאָטש ס'איז נישט געווען פאַרווערט צו האַנדלען מיט דער סחורה איז אָבער בעסער אַז קיין בייז אויג זאָל דאָס נישט זען.

אַ קאַלטער פאַרטאָג. דער פורמאַן איז געקומען, גענומען די מאַמע

מיט דער סחורה, געפאָרן אויפנעמען נאָך אַ פּאָר פּאַסאַזשירן און מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער רייזע. אָבער דאָס מאָל איז דער פורמאַן נישט געפאָרן מיטן שאָסיי. ער האָט זיך באַטראַכט, אַז ער וועט בעסער פאַרקירצן דעם וועג, פאָרנדיק מיט זייטיקע סטעזשקעס. עס וועט זיין אַ סך נענטער, און גוט צום פאָרן, ווייל דער שניי האָט אויסגעגלייכט אַלע לעכער. ער וועט זיך אַריבערכאַפּן איבערן פאַרפראָרענעם טייך און ער איז שוין אין דעם היים.

דער פאַרפרוירענער שניי האָט געטרעשטשעט אונטערן שליטן. דאָס פערד האָט דעם טרוקענעם שניי געבראָכן מיט די פיס און זיך געטראָגן פאָרויס. אַ קאַלטער ווינט האָט זיך געטראָגן איבערן פרייען פעלד און דורכגענומען די פּאַסאַזשירן.

דער פורמאַן האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער בורקע־קעשענע אַ פלעשל נייינציקער, אַ גוטן זופּ געטאָן און פאַרביסן מיט די ליפּן. עס האָט זיך געפילט, אַז פון נעכטיקן מאַיאָון פרילינגסטאָג האָט דאָס אייז פאַרלוירן די העפטיקייט. ס'איז אָבער קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז דער נעכטיקער זוניקער טאָג וועט אָפּווייקן דאָס אייז און דאָס אייז וועט זיך שפּאַלטן.

שוין נאָענט צום ברעג, ווען אַלע האָבן שוין געטראַכט פון זייערע היימען, האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער טרעשטש. דאָס אייז האָט זיך אַ וויג געטאָן און אַלע האָבן דערפילט דאָס אייזיקע וואַסער אונטער זיך. דער פורמאַן האָט אַ ווילדן געשריי געטאָן:

— מיר טרינקען זיך!

מיין מאַמע האָט פון גרויס שרעק אויסגעשריגן:

— מיר קומען אום! אַזאַ פינצטער מזל, דאָס גאַנצע לעבן מיינס...

דער פורמאַן איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער געפּרוווט שלעפּן דאָס פערד, אָבער דאָס צעבראָכענע אייז האָט נישט געלאָזט.

— ראַטעוועט זיך! זיצט נישט, שפּרינגט אַריין אין וואַסער און גייט צום ברעג, עס איז נאָענט, עס איז פּליטקע.

מיין מאַמע האָט נישט געקאָנט אַרויסגיין פון שליטן. דער פורמאַן האָט איר געהאָלפן אַרויסקריכן.

— מיין צוקער, די סאַכאַרין. וואָס פון מיין צירונג איז געוואָרן...

אַלץ פאַרלוירן. ווײ איז צו מיר און מײן מזל, מײן צירונג איז בײ מײן שוואָגער און דער צוקער מיט סאַכאַרין האָבן פאַרזיסט דאָס וואַסער פון דער באַברע און מיר פאַרביטערט מײן לעבן — האָט מײן מאַמע ביטער געוויינט.

★

מײן טאַטע, ר׳ יצחק, האָט געוואָלט פאַרשטײן ווי אַזוי און פאַר וואָס דאָס איז געשען? פאַר וואָס האָט דאָס אײז אײנגעבראָכן פונקט ווען זײן ווײב לאה איז געפאָרן מיטן זעקל צוקער און ב־יסל סאַכאַרין. פאַר וואָס זענען זײערע לעבנס געשטעלט געוואָרן אין געפאַר. ווען דאָס אײז ברעכט אײן אַ פאָר אַרשין טיפער ווערן זײ אַלע דערטרונקען. וואָס וועט איצט זײן מיטן דירה־געלט? ער גײט דרײ מאָל אין טאָג אין בית־מדרש, פאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק — עפּעס שטימט נישט דער חשבון.

יענעם פרימאָרגן איז דער טאַטע נישט געגאַנגען צום ערשטן מנין, ווי ער איז געוווען געווינט צו טאָן. זײן ווײב האָט אין קאַלטן וואַסער זיך פאַרקילט, ליגט זי מיט הויכן פיבער אין בעט און קרעכצט פון ווײטיק און פון צער.

ר׳ יצחקן האָבן געמאַטערט ספקות: צי איז גאָר אין גאַנצן פאַראַן אַ סדר אין דער וועלט, צי גיט גאָר עמעצער אַכטונג אויף די לעבעדיקע באַשעפענישן? אפשר איז גאָר די וועלט הפקר? דו זעסט דאָך מיט דײנע אויגן, אַז די רשעים לעבן ווי די קעניגן און די צדיקים בראָט מען און מען ברענט. די רשעים האָבן דאָך דאָ דעם גן־עדן — צו וואָס דאַרפן זײ וואַרטן אויף עולם־הבא? און די צדיקים קאָנען זיך נישט דערוואַרטן... זײן מענטשלעך האַרץ האָט פּראָטעסטירט קעגן די אומרעכטן וואָס דער גורל באַגײט קעגן אָרנטלעכע מענטשן.

שפּעטער האָט דער טאַטע אָנגעטאָן די תפילין, זיך אײנגעדעקט מיטן טלית און שטיל געוויינט. מײן טאַטע האָט נישט געהאַט קײן מוט זיך קעגנצושטעלן די געוווינהײטן וואָס דער מלמד און זײן טאַטע האָבן אײנגעפלאַנצט אין אים, כאָטש ער האָט געפילט אַז דער סדר־העולם איז נישט קײן ריכטיקער.

טרויעריקע זענען געווען יענע טעג. פון דער מאַמעס צירונג איז גאָרנישט געוואָרן. קיין דירה־געלט איז נישטאָ מיט וואָס צו באַצאָלן. די בייע געזעצן פון דער פוילישער מלוכה האָבן פאַרערגערט די לאַגע. די צייט איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער.

מען האָט מיין ברודער אָפּגעגעבן, מיט קראַנקע לונגען, פאַר אַ סאָלדאַט אין דער פוילישער אַרמיי. מיין מאַמעס אַ ברודער, משה לייזער וואָלף, האָט געשיקט אויף אַ שיפסקאַרטע, האָט מיין ברודער געשמוגלט די דייטשישע גרענעץ און אַוועק קיין אַרגענטינע. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך פאַרלאָזט די היים. איך האָב מער קיין מאָל נישט געהערט וועגן דעם צירונג, און קיין מאָל דאָס צירונג נישט געזען.

מיר צעשיידן זיך

(זכרון בלעטלעך פון אַ נישט־געשריבענעם טאָגבוך)

צוויי ברידער זענען מיר געווען; ער איז געווען עלטער פון מיר מיט זיבן יאָר. מען האָט אים, מיט קראַנקע לונגען, צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט אין דער פוילישער אַרמיי, האָט ער באַשלאָסן עוקר צו זיין, אַוועק פון פוילן. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן אים אַרויסצובאַגלייטן אין אַ נאָענט שטעטל אַריין, פון וואַנען דער „מאַכער" זאָל אים „שוואַרצן" די גרענעץ קיין דייטשלאַנד, און פון דאָרט זאָל ער אָפּפאָרן מיט אַ שיף קיין אַרגענטינע.

דער מאַכער — מ׳האָט אים גערופן ראובן — האָט אָפּגערעדט מיט אונדזער טאַטן, אַז מיין ברודער זאָל צו אים אָנקומען ביי נאַכט, כּדי קיינער זאָל נישט באַמערקן אַז ס׳איז געקומען איז שטעטל אַריין אַ פרעמדער. וואָרעם אַלע שכנים האָבן געוווּסט, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט אַריבערפירן די גרענעץ...

אין די שטעטלעך איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע מחלוקת צווישן די אָרעמע יונגע־לייט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו גיין דינען, מיט די, וואָס האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצוטראָגן. ס׳איז געווען בעסער אַרויסצוגיין פון שטעטל פאַר נאַכט, כּדי קיינער זאָל אונדז נישט באַמערקן.

און אַזוי האָבן מיר געטאָן.

די יונגע־לייט, וואָס האָבן געדאַרפט גיין דינען, האָבן יענעם שבת געמאַכט אַ טומל אין בית־מדרש, נישט געלאָזט דאַווענען, און געפאָדערט געלט פון די בעלי־בתים, וועמענס זין עס האָבן זיך איבערגעפּעקלט איבערן גרענעץ. אַ פּאָר יונגע־לייט „נאָוואָבראַנצעס" האָבן געמסרט עטלעכע אַנטלאָפענע, אָבער יענע זענען שוין געווען אויף דער צווייטער זייט.

אַ פאַרוואָלקנטער הימל איז געהאַנגען איבערן אַלטן מאַרק און טרויעריק

געמאַכט דאָס יידישע געמיט. קיינער האָט נישט געוווּסט וווּהין די צייט פירט, נאָר געפילט האָבן אַלע אַז מען קאָן נישט דערוואַרטן קיין גוטס...
און דאָ איז צוגעקומען דער ערשטער פּריזיוו אין דער פּוילישער אַרמיי, האָט די מורא אָוועקצושיקן די קינדער צווישן די שונאים נאָך מער פּאַראומערט.

וואָס איז בעסער? — האָבן זיך יידן געפרעגט, — אָוועקגעבן די קינדער אין דער אַרמיי, אָדער אָוועקשיקן זיי אין דער ווייטער וועלט אַריין אויף אייביק, זיי מער קיין מאָל נישט זען? דער גורל פון יידישע טאַטע־מאַמע האָט זיך צעטיילט: אַ טייל איז אַוועק דינען אין דער אַרמיי און אַ טייל איז אַוועק ווו נאָר מען האָט געקענט אָוועקפאָרן כּדי זיך דערפון צו ראַטעווען.

אונדזער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַגענער: — אָוועקשיקן אַ קינד אין דער גרויסער וועלט? איך האָב דאָך נישט מער ווי צוויי קינדער. טאַטע און מאַמע האָבן געפילט, אַז זיי צעשיידן זיך מיט זייער קינד אויף אייביק.

ביים דאַווענען פלעגט זיך מיין טאַטע איבערדעקן מיטן טלית און אויסגיסן דאָס האַרץ ביי דער מזרח־וואַנט, ווו ר׳האָט געהאַט די צווייטע „שטאָט" לעבן אָרון־קודש, גלייך נאָכן רב. אין שטוב האָט געהערשט אַ שווערער אומעט, ווי מען וואָלט עמעצן אַרויסבאַגלייט, חס וחלילה, צו אייביקער רו. אָבער נישט מיין טאַטע־מאַמע דעצידירן דעם גורל פון זייער קינד, — די צייט האָט דעצידירט. נישט געווען קיין אַנדער ברירה.

איך האָב געהערט ווי מיין טאַטע קלערט אויף זיין געדאַנק: „...און גיין דינען צווישן די שונאים... אַ מענטש איז שטענדיק צווישן פייער און וואַסער. מען ווייסט קיין מאָל נישט ווו עס איז בעסער... דאָ קען מען דאָך אַלץ איינס נישט לעבן. אפשר וועט דעם קינד באַשערט זיין אַ רויִקער לעבן".

יאַנקל דער רופא האָט אַרויסגייענדיק פון הויף, ווו ער האָט געוווּינט, דערזען ווי מיין טאַטע, איטשע אַשערס, גייט מיטן טלית אונטערן אָרעם.

— ר׳ יצחק, ר׳ יצחק! נו, ער האָט זיך צוגעשטעלט?

יאַנקל דער רופא איז געווען זיכער, אַז מען וועט ווידל איטשע אַשרס

נישט נעמען פֿאַר קיין סאָלדאַט, און ער האָט דאָס טאַקע מיין טאַטן פֿאַרזיכערט.

ר׳ יצחק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, דערזען דעם רופא, און אים געענטפֿערט: —

— יע, ר׳ יעקב, ר׳האָט זיך צוגעשטעלט און זיי האָבן אים צוגענומען...

די ווערטער האָבן געקלונגען ווי איין לאַנגער קרעכץ. די לאַנגע פֿינגער פֿון זיינע בלאַסע אָדערדיקע הענט האָבן זיך געטרייסלט ווי אין קאָנוווּלסיעס.

— אַט דעם קראַנקן יינגל האָט מען צוגענומען פֿאַר אַ סאָלדאַט?! ער וועט דאָס נישט אַריבערטראָגן, שונאי ישראל, אַט האָסטו דיר דאָס נייע פּוילן, וואָס מען קאָן שוין פֿון זיי דערוואַרטן!

— יע, ר׳ יעקב, זיי האָבן אים צוגענומען...

— שיק אים אַוועק! ער טאָר נישט אַריינפֿאַלן אין זייערע הענט. ער איז אַ קראַנקער מענטש, ער וועט דאָס נישט אַריבערטראָגן.

יאַנקל דער רופא, מיט דעם בלאַסן געגאָלטן פּנים, און מיט ווייסע שיטערע האָר אויפֿן קאָפּ, איז איצט שוין געגאַנגען ביים זייט פֿון שווייגנדיקן ר׳ יצחקן, מיט דער בלאָנד־גרויער באָרד, מיטן חסידישן היטל אויפֿן הויכן שטערן, און מיט נאַסע בלויע אויגן.

— שיק אים אַוועק, שיק אים אַוועק ווּהין די אויגן וועלן טראָגן. אַ רחמנות אויף אַ יונג לעבן.

ביידע זענען אַריין אין בית־מדרש־געסל אויפֿן ווינקל פֿון נייעם מאַרק, אַנטקעגן מאַניע צוקערטס אַפּטייק.

✶

מיר זענען אַרויס פֿון שטעטל אין אַ האַרבסטיקן פֿאַרוואָלקנטן זונטיק פֿאַר נאַכט. די זון האָט זיך שוין פֿון לאַנג געהאַט באַהאַלטן הינטערן קאַפּליצע־באַרג, און די שווערע וואָלקנס אויפֿן הימל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און נידעריקער, ווי זיי וואָלטן געצילט צו דערשטיקן דאָס שטעטל און עס דערטרינקען אין טאָל. עס האָט אַ גאָס געטאָן אַ געדיכטער

רעגן, אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער. דאָס וואַסער האָט זיך אויס־געמישט מיטן ליים, געקראָגן די ליימיקע פאַרב און זיך געטראָגן באַרג אַראָפּ צום שאָסיי, צו דער דאָלקער וואַסערמיל. דאָס ליימיקע וואַסער האָט זיך צעגאָסן איבערן פלאַך פוןברייטן וועג, ביז צו די ראַנדן פון די פעלדער.

מיר זענען דערגאַנגען צום בית־הקברות. אונדזערע פיס האָבן זיך געגליטשט אין דער בלאָטע. און דאָ האָט דער רעגן זיך נאָך מער פאַר־שטאַרקט. די אויסגעטראָטענע רינעס, וואָס די רעדער פון וועגענער האָבן אויסגעגראָבן, זענען געוואָרן קאַלוזשעס. מיר זענען צוגעקומען צו אַ ליימיק בערגל. מיר שטעלן אַ טראָט און גליטשן זיך צוריק. אַ דיקע שוואַרצע פינצטערניש האָט פאַרוויקלט דעם אָרום. מיר שלייכן נאָענט לעבן דער וואַנט פון בית־הקברות. איך דערפיל אַ נאָענטקייט צו די, וואָס רוען אויף דער צווייטער זייט וואַנט. עס טוט מיר ווי פאַר זיי, וואָס זיי דאַרפן ליגן אונטער דער שווערער משא ערד און וואַסער. איך דערמאָן זיך די מעשׂיות וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט וועגן מיין זיידן. וועגן זיין שפּאַקולן־פּושקע, אויסגעאַרבעט פון אַ קנאָכן־ביין, מיט אַן אַריינגעשטעלטן זייגער. וועגן דער טאַבאַק־פּושקע, וואָס איז געלעגן אין דעם הילצערנעם קאָמאָד, איך דערזע מיין זיידן מיטן בלאַסן פּנים און ברייטער גראָער באָרד, כאָטש איך האָב אים נישט געקענט און קיין מאָל נישט געזען. ער איז געשטאָרבן נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן. איך דערזע ביילקע האַצקל משהקעס, וואָס האָט באַזאָרגט די אָרעמע־לייט מיט האָלץ אויף ווינטער פון איר מאַנס טאַרטאַק, מיט מצות אויף פּסח און מיט גרויפּן און מעל אַ גאַנץ יאָר, פון איר מאַנס פאַראָוועס מיל. ס׳גייט זיי נאָך דער אַלטער ר׳ גדליה קאַמינעצקי, וועמען איך האָב געקענט נאָר פון די ווונדערלעכע לעגענדעס וואָס מיין טאַטע האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן אָט דער ערלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט גזאָרגט מער פאַר די אָרעמע ווי פאַר זיין אייגענער משפּחה. ר׳ גדליה, דער רב פלעגט נישט נעמען קיין געלט אין זיין האַנט. די שׂכירות, די מתנה פאַר אַ דין־תורה, דאָס געלט פאַר די הייוון, וואָס איז געווען אַ טייל פון רבס שׂכירות, האָט מען גאַדאַרפט געבן דער רביצין...

איך דערהער אַ פאַרשטיקטן קרעכץ, וואָס פייפט אַרויס פון מיין ברודערס קראַנקע לונגען, ווי אַ וואָרענונג־סיגנאַל פאַר אַ געפאַר... מיר ווייסן, אַז מיר גייען שוין אַ לאַנגע צייט, נאָר ס׳איז נאָך ווייט צו אונדזער ציל.

עס פינקלען צעזייטע פייערלעך פון די דערפער, וואָס ליגן פון ביידע זייטן וועג. עס דערטראָגט זיך צו אונדז אַן אויסגעצויגן, דערשראָקן הינטיש בילן, וואָס וואַרפט אָן אַן אימה. איך זע פייערלעך פון דער ווייטן, דאָס איז אָבער נישט טרעסטינע, וווהין מיר גייען, עס איז אַ דאָרף ביים זייט פון וועג. איך וויל פרעגן מיין ברודער צי ער האָט גוט איינגעוויקלט דאָס געלט וואָס ער פירט צו באַצאָלן פאַר דער שיפסקאַרטע. דעם „מאַכער" האָט שוין דער טאַטע באַצאָלט פאַרויס, ווי עס פירט זיך אין דעם האַנדל, נאָר איך האָב מורא צו פרעגן.

ס׳איז שוין שפּעט. ס׳לעשן זיך שוין אויס די צעוואָרפענע פייערלעך און ס׳באַפאַלט אַן אומעט, ווי עס וואָלט זיך אויסלעשן דאָס לעבן אַרום אונדז. מיר זענען אַזוי אויסגעווייקט, אַז מיר פילן נישט אַז עס האָט אויפגעהערט רעגענען. ס׳איז אָבער געוואָרן לייכטער צו גיין.

אין דער פינצטערניש ווערט פאַרשאַרפט דיין זעקראַפט; פון דער ווייטן דערזע איך אַ גרויסע מאַסע וואָס דערנענטערט זיך צו אונדז. עס באַפאַלט מיך אַ טויטשרעק, איך דערפיל אַ געפאַר. איך וויל דעם ברודער נישט זאָגן וואָס איך זע. אפשר זעט ער אויך די שוואַרצע מאַסע וואָס רוקט זיך אָן אויף אונדז, און וויל אויך נישט זאָגן? אין אַזעלכע מאָמענטן אַרבעט שטאַרק די פאַנטאַזיע ביי מענטשן. אַלץ וואַקסט אויס. אַ בוים ווערט אַ העלפאַנד, אַ שטיין ווערט אַן אָקס. די נאַסע האָר אויף אונדזערע קעפּ זענען געשטאַנען ווי שפּילקעס.

ווען די גרויסע שוואַרצע מאַסע האָט זיך דערנענטערט, האָבן מיר דערהערט דאָס טאָפּטשען פון פיס אין בלאָטע, דערזען אַ גרויסן פערדישן קאָפּ און אַ מענטש מיט אַן איבערגעדעקטן רעגנמאַנטל איבערן קאָפּ און אַרום פערד.

די איבערגעלעבטע שרעק איז אויף לאַנגע יאָרן געבליבן הענגען אין מיין זכרון. אין יאָרן אַרום פלעג איך חלומען, אַז די פינצטערניש פון

דער נאַכט האָט געוואָלט מיך מיט מיין ברודער פאַרשלינגען. יעדן מאָל, וואָס איך פלעג אין חלום דערזען יענע גרויסע שוואַרצע מאַסע וואָס רוקט זיך אויף אונדז, פלעג איך וועלן אַנטלויפן... אָבער די פיס — ווי אין יענער ליימיקער מאַסע — זענען נישט געלאָפן.

— דו ווייסט, — זאָגט מיין ברודער, — מיר זענען שוין נאָענט צו טרעסטינע, זעסט די מצבות? זיי זענען פון טרעסטינער בית־עולם, דאָ ליגט אונדזער זיידע פון טאַטנס צד, ר׳ חיים לייב.

עס גיט אַ שלאָג אַ געדאַנק אין מיין קינדערשן דמיון: „דו ביסט אַ נאָמען נאָך דעם זיידן. מע רופט דיך אשר חיים. מיטן צוגעבן דיר דעם נאָמען, גלייבט די מאַמע, האָט מען דיך געראַטעוועט פון סקאַרלאַטין״.

איך נוץ אויס דעם מאָמענט וואָס מיין ברודער רעדט צו מיר און גיב אים אַ פרעג:

— דאָס געלט... ס׳האָט זיך נישט פאַרנעצט?

מיין ברודער שטעלט זיך אָפּ, רוקט אַרונטער די האַנט אונטערן אויס־געוווייקטן העמד, שוויגט אַ ווײַלע — איך האָב דערפילט ווי מיין האַרץ קלאַפּט שטאַרקער, און ער זאָגט:

— ס׳איז דאָ... נאָס, אין גאַנצן אויסגעווייקט געוואָרן. לאָמיר שוין דערגיין, וועלן מיר זען.

גייען מיר שוין פאַרביי דעם פלומפּ וואָס שטייט אויפן שטעטלשן מאַרק, אין אַפּטייק ברענט אַ לאָמפּ, אַ קוקאַווקע־זייגער הענגט אויפן וואַנט — שוין נאָך עלף. מיר געפינען די גאַס, ראַובנס הויז, און קלאַפּן אָן.

— ווער איז דאָס?

מיין ברודער ענטפערט און רופט אָן דעם טאַטנס נאָמען. מען עפנט די טיר.

— איר וועט דאַרפן בענטשן גומל. איר זייט ניצול געוואָרן פון אַ מבול. איבער די גאַסן האָט געשטראָמט דאָס וואַסער ווי אַ טייך.

מיין ברודער קוקט אויף מיר מיט רחמנות, און זאָגט צו ראובנען:

— איך ווייס נישט ווו מיר האָבן גענומען מוט און כּוח צו דערגיין... דאָס וואַסער איז דורכגעגאַנגען דורך אונדזערע ביינער.

— איך וועל מאַכן פייער אין אויוון, וועט איר זיך אויסטריקענען.

מיר טוען אויס די העמדער און טריקענען זיי ביים פייער. די הויזן טריקענען זיך אויף אונדז. ראובן פאַרציט די פאַרהענגלעך אויף די פענצטער. די נאַסע הונדערט דאָלער לייגט מיין ברודער אַריין אין אַ סידור, יעדן באַנקנאָט צווישן באַזונדערע בלעטער, עס זאָל זיך שנעלער אויסטריקענען, און פאַר אונדז, אין נאָך נאַסע בגדים, גרייט מען געלעגערס — מיין ברודער אויף אַ סאָפקע, און פאַר מיר אויף דריי שטולן פאַר־שפרייט מיט קאָלדרעס. איך בין געווען אַ „דראַבנער", און די דריי שטולן זענען געווען גענוג לאַנג און ברייט. איך געדענק נישט צי דאָס געלעגער איז געווען האַרט צי ווייך — אַ טויט־מידער בין איך גלייך איינגעשלאָפן. אַרום זעקס פאַר טאָג האָט מיך אויפגעוועקט אַ ייִנגל אין מיין עלטער. מיין ברודער איז שוין נישט געווען. איך האָב דערפילט אַ בענקשאַפט נאָך מיין איינציקן ברודער, דערפילט טיף אין דער קינדערשער נשמה, אַז די נאַכטיקע פינצטערניש און דער כליושטש רעגן האָבן אונדז צעשיידט אויף אייביק. דער פרימאָרגן אין אַ פרעמד שטעטל, אין אַ געמיט פון עלנטקייט, בענקשאַפט און אומעט, האָט אויף מיר געלאָזן אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. פון הינטערן זובאַלער באַרג רייסט זיך די זון פאַר אַ וואָכעדיקן מאָנטיק, מענטשן הייבן אָן צו טראַכטן וועגן פרנסה.

טרעסטינע איז געווען אַנדערש געבויט ווי מיין שטעטל. דוכט זיך, אַז נאָר איין צוויי־שטאָקיקע מויער איז דאָרט געווען; צעוואָרפן אויף אַ גרעסערן שטח אַ סך הילצערנע צעפרוכניעטע האַלב־איינגעפאַלענע הייז־קעס, וואָס האָבן באַשטעטיקט די אָרעמקייט פון שטעטל מיט אַ צאָל בערשטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין קליינע פאַבריקלעך.

צוויי ייִדן מיט פאַרשיידענע בערד — איינע אַ געלע, די צווייטע אַ העלגראָע — עפענען זייערע בערשטערייען. דאָס קומען זיי פון בית־המדרש, וווּ זיי האָבן געדאַוונט מיטן ערשטן מנין. עס שאַרן זיך אַריין עטלעכע ייִדן פון פאַרשיידענע מאָסן און קאָלירן, פון פאַרשיידענעם עלטער. זיבן אין דער פרי שטעלט מען זיך צו דער אַרבעט פאַר אַ לאַנגן טאָג...

צוויי ייִדן שטעלן גיכע טריט, זיי גייען צום מאַרקטאָג אין גאַניאָנדז.

אפשר וועט מען איינהאַנדלען אַ ביסל חזיר־האָר, פערדן־האָר, און אפשר אַ פעלעכל פון אַ פוקס אָדער אַ טכויר. אויב ס׳וועט זיך מאַכן אַ מאָרדער, וועט דאָס זיין אַ נס מן השמיים. עס איז פערצן וויאָרסט, וועט מען זיך צוכאַפּן צופוס. אַ פורמאַנקע איז טייער, אפשר אויף צוריק וועלן זיי פאָרן, אויב מען וועט עפּעס איינקויפן. גייענדיק רעדט מען וועגן שטעטלשער פּאָליטיק און מען טראַכט וועגן די קינדער; מען טראַכט וועגן פרנסה.

פון אַ זייטיק געסל האָט אַ ייִד אַרויסגעטריבן צוויי בהמות און זיי געיאָגט צו דער סטאַדע. אין שטאָל איז געבליבן אַ ציג און פּאָר בענק־שאַפט געמעקעט. עס איז אַ שיינער בלאָער פרימאָרגן — נאָכן נעכטיקן גוס רעגן.

מיט דעם ייִנגל, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט, האָב איך יאָרן שפּעטער געשפּילט אין פוטבאָל. זיין דרוזשינע האָט זעלטן ביי אונדז געוווּנען. מיר האָבן צוזאַמען געשפּילט קעגן אַ מיליטערישער דרוזשינע פון אָסאָוויעץ. ער האָט מיך אַרויסגעפירט אויפן וועג וואָס איז געגאַנגען צו מיין שטעטל. מיר האָבן דאָרט געוואַרט ביז עס איז אַרויסגעפאָרן דער ערשטער פערדהענדלער. האָט אים מיין באַגלייטער מיט אויסגעשפּרייטע קינדערשע הענט אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— ר׳ מאָטל! מיין טאַטע האָט אייך געבעטן איר זאָלט מיטנעמען דעם ייִנגל קיין גאָניאָנדז.

— גיי אַרויף! — האָט ר׳ מאָטל אַ כריפּע געטאָן.

אַ צעשראָקענער שטופּ איך מיך פאַרביי לעבן אַ גרויס פערד און כאַפּ זיך אַרויף אויפן וואָגן.

— אַ דאַנק, ר׳ מאָטל! — האָט מיין יונגער באַגלייטער אַ געשריי געטאָן, און איבערגעשראָקן די פערד.

מאָטל דער פערדהענדלער האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע, אויס־געוויקט אין „זעקס און ניינציקער״, שטיל געכריפּעט צו די פערד, זיי זאָלן זיך נישט דערשרעקן און צעטראָגן דעם וואָגן.

— נווו־ו־ו, געפאָרן... יאַזדאַ...

דער וואָגן, מיט צוויי פערד צוגעבונדן מיט ציימלעך צום געשפּאַנטן פערד, איינער פון יעדער זייט, און דריי פערד פון הינטן, האָט זיך געלאָזן

געריגט פון אָרט... די ערד איז נאָך געווען צעווייקט פון ביינאַכטיקן מבול און די רעדער האָבן זיך געגליטשט פון איין זייט צום צווייטן. אויפן דעק פון וואָגן ליגט אַ מענטש און שלאָפט. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז דאָס איז נישט קיין גלייכע פיגור — אַ גרויסער האָרב האָט אַרויס־געסטאַרטשעט איבער דער פלייצע...

— ווי רופט מען דיך, אַ — רעדט צו מיר מאָטל דער פערדהענדלער.

— ווי רופט מען דיין טאַטן? אַ? אַ, דו ביסט איטשע אַשרס אַ זון? מיט דיין טאַטן האָב איך געלערנט אין איין חדר... געהאַט אַ גראָבן קאָפּ אויף חומש און רש״י. אויף סוסים בין איך מער מבין...

איך זיץ אַן אומעטיקער און טראַכט, צי מיין ברודער איז אַריבער בשלום די גרענעץ און ווי וועט ער דערפאָרן מיט דער שיף צום ווייטן פרעמדן לאַנד, ווו און ווען וועל איך זיך טרעפן מיט אים נאָך אַ מאָל... עס שווימט אויף אין מיין געדאַנק דער ביינאַכט, עס דוכט זיך מיר אַז עס כליאַפּעט אויף מיר דער רעגן. איך גיב אַ קוק אויף מיינע שיך און דערשרעק זיך — זיי זענען אין גאַנצן אָפּגעפּאַרבט מיט ליים... עס גיט מיר אַ צי אין האַרצן, איך בין הונגעריק, איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אין דער היים.

די פערד קוקן מיך אָן מיט זייערע גרויסע ברוינע אויגן. דער האָרבאַטער קוקט מיך אָן, מאָטל שטעלט אָפּ די פור, נעמט אַרויס פון אַ לייוונטענער טאָרבע אַ גרויסן קוכן געפילט מיט פלייש. ער ברעכט אָפּ אַ שטיקל און גיט מיר. ער גיט אַ שטיק דעם האָרבאַטן, וואָס שלאָפט זיצנדיק אין וואָגן, און שלינגט גרויסע ביסנס. איך עס פּאַמעלעך, עס איז מיר אַ שאָד יעדער ביסן. פּלוצלינג קריגט דער האָרבאַטער לשון און גיט מיך אַ פרעג: — האָסט קרובים אין טרעסטינע? איך דערשרעק זיך, איך דאַרף גאָרנישט זאָגן... אפשר פאָרשט ער ביי מיר? — גייט מיר דורך אַ געדאַנק.

— יע, איך האָב דאָרטן אַ פעטער, בעל פאָרך...

— איך קען אים, ער אַרבעט ביי אַווראַמל יאַמטשוקס אין אייזן־געשעפט.

ס׳ווערט מיר לייכטער, איך בין אַרויס גוט...

פון מיזרח־זייט גייט אויף אַ גרויסע גאָלדן־פייערדיקע זון, נאָך דער מבול־נאַכט. פאַר וואָס האָט דאָס נעכטן אַזוי געכליאַפּעט און געשטעלט אין געפאַר אונדזערע לעבנס? דאָס ערשטע מאָל וואָס עס קומט אויף אין מיין קינדערשן מוח דער געדאַנק, אַז מיר זענען נישט די בעלי־בתּים פון אונדזער גורל, אַז מיר קאָנען נישט אויסקלייבן, אַז אַן אַנדער כּוח פירט מיט אונדז. איך טראַכט וועגן מיין ברודער און ווינטש אים אין האַרצן אַ גוטן מזל, אָבער מיינע ווונטשן און מיין גוטער ווילן האָבן נישט געהאָלפן — ער האָט זיין גאַנץ לעבן געקרענקט און געוועזן געצוווּנגען צוליב פאַרשיידענע אומשטענדן צו זיין אַ לערער — די ביטערסטע פּרנסה.

איך קוק אַריין אין די פערדישע אויגן און טראַכט: „אייער גורל איז נישט אָפּהענגיק פון אייער ווילן. אויב איר וועט אַריינפאַלן צו אַ פורמאַן, וועט איר עסן האָבער, מען וועט אייך פּוצן אייער פעל. דער פורמאַן וועט אייך גלעטן, אין די נעכט וועט איר שטיין אין אַ וואַרעמער שטאַל. אויב ס׳וועט אייך קויפן אַ פּויער, וועט איר אַקערן די ערד און זיך פּאַשען אויפן פעלד. אַלץ איז צופאַל, גורל, קיינער ווייסט נישט וואָס ס׳וועט אים זיין באַשערט, אפילו נישט אַ פערד".

די גאָלדן־פייערדיקע זון האָט זיך אויפגעהויבן העכער אין די הימלען און באַלייכט די אָפּגעוואַשענע וועלט אַרום. די פּויערישע הייזער, מיט שטרויענע דעכער, שטייען באַלויכטענע פון זוניקן ליכט. דער האָריזאָנט אַרום גלאַנצט מיט העלער בלויקייט. נישטאָ קיין פּיצל וואָלקן, עס איז אַ נייע וועלט...

צווישן די צוויי שטעטלעך, איבער די פעלדער וויאַרסט וואָס טיילן זיי אָפּ, ליגן זעקס דערפער, אַ פּאָר גאַנץ גרויסע דערפער. צווישן איין דאָרף און צווייטן — גרויסע אומענדלעכע פעלדער מיט נישט־אָפּגעשניטענער תּבואה. אַ רעגנבויגן פון קאָלירן באַצויבערט די אויגן. די קאָרן־זאַנגען און די גערשטן־זאַנגען אונטערשיידן זיך איינער פון צווייטן, און דאָ אין מיטן האָט אַ פּויער פאַרזייט זאַגאָנעס קאַרטאָפל, וואָס ציען זיך ווייט אַרויף אויפן באַרג, קוקן אויס ווי גרינע טעפּיכער. ווייט צום האָריזאָנט ליגט אַ צעגרינטער סאָסנעוואַלד, לעבן אַ ווייס־געפאַרבט הויז — פּרוכט־

סעדער. אַ סטאַדע בהמות פּאַשעט זיך אויף אַ גרין פעלד. וואָס פאַר אַ שיינע וועלט!... איך זיץ אַ פּאַרכישופטער.

מאָטל פאָרט אַרויף אויפן שפּיציקן דאָלקער באַרג. איך דערפיל מיין שטעטל. איך טראַכט: — וויפל שוסטערס זענען פאַראַן אין שטעטל? — עטלעכע; עטלעכע שניידערס, צוויי בלעכערס. אַרקע דער בלעכער, אַ קורצינק גראָב ייִדעלע, ענלעך צו אַ סטעמפּע, מיט אַ הויכן שטערן, און שיע דער בלעכער, וואָס ווינט נאָך שמעון דעם שערער, באַרג אַראָפּ צום טייך.

די עטלעכע שפּייזקראָמען שמעקן מיטן ריח פון הערינג, פון גאַזע. די דריי שניטקראָמען מיט די הויכע צעמענטענע בריקלעך שמעקן מיטן ריח פון שניט־סחורה. אַ פּאָר רייכע תּבואה־סוחרים, האָלץ־סוחרים, דער פּאַדריאַטשיק וואָס שטעלט צו פליש פאַרן מיליטער אין דער נאָענטער פעסטונג און דער בעל־הבית פון טאַרטאַק און פּאַראָוויע מיל. די ציגלנע מויערלעך האָבן געגלאַנצט, די הילצערנע הייזער — אָפּגעפּאַרבטע, די ברוקירטע גאַסן — אָפּגעקערטע. אין די היימען האָט געשמעקט, אפילו ביי די אָרעמע־לייט.

מיר פאָרן אַריין אין שטעטל. פון דאָלאַסטאַוער גאַס קומען אָן פויערישע פורן און שטעלן זיך אויס אויפן מאַרק. אויפן אַלטן מאַרק שטייען שוין צוגעבונדן צו די צאַמען צעשראָקענע בהמות. פערד. עס איז אַ לעבעדיקע, ליכטיקע וועלט. איך גיב אַ טראַכט: „ווען עס וואָלט היינט אַזוי געכליאַפּעט, וואָלט זיך צעשטערט אַ מאַרקטאָג, אויף וועלכן ייִדן וואַרטן אַ גאַנצע וואָך".

אין דער היים גייען מיר אַנטקעגן מיינע פאַרטרויערטע טאַטע־מאַמע. זיי וואַרטן אָפּצונעמען דעם לעצטן לעבעדיקן גרוס פון זייער בכור. מיר קוקן זיך אָן און שווייגן... מיין מאַמע ווישט אירע אויגן און שעפּטשעט צו זיך: „אַרויסבאַגלייט אויף אייביק..." נישט מיין טאַטע־מאַמע, נישט איך, האָבן מיין ברודער שוין קיין מאָל מער נישט געזען.

מיט יאָרן שפּעטער האָבן מיין טאַטע־מאַמע איבערגעלעבט נאָך אַ מאָל ענלעכע טעג פון אַרויסבאַגלייטן זייער זון. דאָס מאָל — דעם צווייטן.

מיין מאַמע האָט טרויעריק איבערגעחזרט איין פראַגע: „ווער וועט

אונדז אַרויסבאַגלייטן? ווער? איך וועל דיך שוין מער קיין מאָל נישט זען..."

מיר גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון ווי אכזריותדיק מיר האַנדלען קעגן אונדזערע נאָענטסטע, בעת מיר זענען עגאָיסטיש און ראַטעווען זיך...

איך האָב געעפנט די אויגן. די דיקע פיגור פון מיין מאַמען איז אַן איינגעבויגענע געשטאַנען לעבן מיין אייזערנעם בעט, מיט די צוויי אויס־געמאָלטע לאַנדשאַפטן צוקאָפּנס און צופסנס, און פאַרשטיקטערהייט געוויינט.

עס זענען אַוועק אַזוי פיל יאָרן, אויסגעשטאַנען אַזוי פיל נסיונות אין לעבן, דורכגעלעבט פון דער ווייטן דעם חורבן, דעם אומקום פון אַ דריטל פון מיין פאָלק. נאָר יענע טרויעריקע שעהען, דאָס איבערלאָזן טאַטע־מאַמע אויף הפקר, זענען טיף איינגעגראָבן אין מיין האַרצן אויף אייביק.

מיין טאַטע האָט געוווּסט, אַז איך גלייב נישט אַז ער וועט מיט זיינע תפילות און תעניתים מאַנטיק און דאָנערשטיק ברענגען משיחן, אָדער אַ פאַרבעסערונג אין דער ביטערער, אויסזיכטלאָזער לאַגע פון די ייִדן אין דעם נייעם באַפרייטן פוילן. ער האָט געוווּסט, אַז איך חבר זיך מיט רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין שטעטל, און שטעל איין אַ סך מאָל אין קאָן מיין פרייהייט און לעבן. ער האָט אָבער נישט געגלייבט, אַז ער איז בכוח מיך אַרויפצופירן אויפן „דרך־הישר".

פאַרן אַרויסגיין פון שטוב האָט מיין טאַטע מיט מיר געהאַט אַ קורצן שמועס. זיין קול, זיין גאַנצער שטאַרקער גוף האָבן געציטערט פון צער:

— אשר! מיר וועלן דיך שוין מער נישט זען. זאָג אונדז צו, אַז דו וועסט זיין אַ ייִד, אַ ייִד אויף דיין אופן. דאָס וועט אונדז העלפן פאַרענדיקן אונדזערע יאָרן מיט דער האָפענונג, אַז מיר האָבן געלאָזן יורשים פאַר דער ייִדישער ירושה וואָס מיר האָבן געירשנט...

מיין זיידע ר׳ אשר מרדכיס

(שטריכן פון אַ לעבן)

דעם שטאַרקסטן רושם, אַלס קינד פון פינף יאָר, האָט אויף מיר געמאַכט מיין זיידנס שפּאַקולן־פּושקע, וואָס איך האָב איין מאָל געפונען אין אַלטמאָדישן שרייבטיש, אויף וועלכן מיין זיידע פלעגט פירן די חשבונות פון זיינע געשעפטן.

מיין זיידע פלעגט פאָרן אויף די גרויסע ירידן אין לייבציג. כּדי נישט צו ספקן אין דער כּשרות פון די עסנס, האָט ער געקראָגן קבלה אויף שחיטה און פלעגט אַליין שעכטן די עופות וואָס ער האָט געגעסן.

די שפּאַקולן־פּושקע איז געווען פּאַלירט. גלאַט ווי מאַרמאָר. ס'איז אָבער געווען קענטיק, אַז דאָס איז אויסגעאַרבעט פון אַ ביין, פון אַן איינפאַכן ביין. דער זיידע האָט אויסגעאַרבעט פון אַ גרויסן, בהמהשן קנאָכן אַ פּושקע פאַר אַ פּאָר ברילן און פּלאַץ פאַר אַ קיילעכדיקן זילבערנעם זייגער. איך האָב מיין זיידען נישט געקענט. איך בין שוין געקומען צו שפּעט. אַ פּאָר יאָר פאַר מיין געבוירן ווערן, איז מיין זיידע אַוועק אין דער אייביקייט. דערפאַר טראָג איך זיין נאָמען.

די ביינערנע פּושקע האָט געוועקט מיין קינדערשע פאַנטאַזיע. — „ווי אַזוי האָט מען געקענט אין אַ ביין אַריינפּאַסן די צוויי אינטערעסאַנטע חפצים" — מער פון אַלץ האָט מיך געוווּנדערט דאָס טירעלע מיט די צוויי מעשענע זאַוויאַסקעס, וואָס האָבן געעפנט און פאַרמאַכט דאָס טירעלע פון די ברילן. נאָך אַ גרעסערער ווונדער איז געווען דער אַריינגעפּאַסטער קיילעכדיקער זייגער אין הינטערשטן טייל פון דער פּושקע. איך פלעג דאָס בגניבה אַרויסנעמען פון שופלאָד פון אַלטן שרייבטיש, ווו די פּושקע איז געלעגן און עס באַטראַכטן פון אַלע זייטן מיט גרויס דרך־ארץ, אַריינלייגן צוריק, אַזוי ווי דאָס איז געלעגן, קיינער זאָל נישט באַמערקן וואָס איך טו דאָרטן. איך האָב געפילט אַ דרך־ארץ צו דער

פּושקע און איר חכמהדיקער אויסאַרבעטונג. ווי האָט עס מיין זיידע געקענט מאַכן? מיט וועלכע געצייג? ווי איז דאָס מעגלעך פון אַ ביין אויסצואַרבעטן אַזאַ שיינע, גלאַנציקע, גלאַטע כּלי?

איין טאָג איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן ווי אַזוי דער זיידע האָט אויסגעבויערט דעם ביין און אַריינגעשטעלט אין אים זיינע צוויי באַליבטע און נויטבאַדערפטיקע כּלים. איך האָב אין אַ צווייטן שופלאָד פון אַלטמאָדישן שרייבטיש, וועלכן ער ווייסט פון וויפל יאָרן, געפונען אַ קעסטעלע דלאָטקעס, קלייניקע און גרעסערע, זעגעלעך. דער אוצר האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ רושם, אַז איך האָב זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

איין מאָל האָט מיך דער טאַטע געכאַפּט ביי דער האַנט. איך האָב זיך דערשראָקן. איך בין געווען זיכער אַז ער וועט שרייען אויף מיר. איך האָב געפילט אַז עפּעס ריר איך דאָ אָן אַ זאַך, וואָס איר באַשעפער איז נישטאָ. נאָר איך האָב געהאַט אַ טעות — מיין טאַטע האָט מיך מיט ליבשאַפט אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים און געזאָגט: — דאָס האָט געמאַכט דיין זיידע אשר מרדכיס, דיין מאַמעס טאַטע. דו ביסט אַ נאָמען נאָך דיין זיידן. ער איז געשטאָרבן איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן. דו ווייסט פון וואָס דיין זיידע האָט געמאַכט די ברילן־פּושקע?

איך האָב אים אָנגעקוקט. מיין טאַטע האָט גערעדט שטיל, מיט יראת־הכּבוד:

— פון אַ ביין האָט ער עס געמאַכט; ער האָט אויך געמאַכט אַ שמעקטאַביק־פּושקע פאַרן רב.

איך בין געווען איבערראַשט פון מיין טאַטנס באַנעמונג צו מיר. איך האָב געפילט אַז מיין טאַטע טיילט זיך מיט מיר מיטן אָנדענק פון אַ וויכטיקער זאַך און פון אַ מענטשן וואָס האָט מיט מיר אַ נאָענטן שייכות, אַז איך טראָג זיין נאָמען. — ווו איז ער, מיין זיידע? — איך האָב דערפילט אַ בענקשאַפט צו יענעם מענטשן וואָס האָט געקענט אויסאַרבעטן פון אַ ביין אַזאַ וווּנדערלעכע כּלי.

— ווי — האָב איך געפרעגט, — ווי אַזוי האָט ער דאָס געמאַכט?

— פון אַ ביין, פון אַ פּראָסטן ביין. נישט נאָר דאָס, דיין זיידע האָט אויך געמאַכט אַ לוח אויף הונדערט יאָר אין פיר שפּראַכן...

איך האָב געפילט אַז מיין טאַטע טראַכט אויך וועגן יענעם מענטש.

— ווו איז מיין זיידע?

— דיין זיידע איז באַערדיקט דאָרט ווו אַלע געשטאָרבענע, אַז דו וועסט אויסוואַקסן וועסטו דאָס פאַרשטיין. איצט דאַרפסטו וועגן דעם נישט טראַכטן.

אָט די עצה נישט צו טראַכטן וועגן מיין זיידן האָט געהאַט אַ פאַר־קערטע ווירקונג. מיין זיידע איז אַזוי אַריינגעוואַקסן אין מיין געדאַנק, אַז איך האָב פון אים נישט אויפגעהערט צו טראַכטן.

מיט אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער, ערב דעם אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער חזן רב נחום איז געשטאָרבן, איז מיין מאַמע געווען אין ביאַליסטאָק. זי איז געפאָרן מיט מיין ברודער צום דאָקטער. האָט מיך מיין טאַטע מיטגענומען צו דער לוויה ביזן בית־הקברות און איך האָב מיט מיינע אויגן געזען, ווי מען האָט נחום דעם חזן אַראָפּגעלאָזט אין גרוב און פאַרשאָטן מיט אַ סך ערד. האָב איך צו זיך געטראַכט — פון דאַנען וועט ער שוין קיין מאָל נישט אַרויסגיין...

— טאַטע, האָסט מיר געזאָגט אַז מיין זיידע איז געשטאָרבן און איך טראָג זיין נאָמען — איך האָב אויפגעהויבן די אויגן צו מיין טאַטן און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— קום אשרקע, וועל איך דיר ווייזן — ער האָט מיך צוגעפירט צו מיין זיידנס קבר.

— דאָ איז באַערדיקט דיין זיידע.

איך בין שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען מיין טאַטן. ער האָט מיך געהאַלטן פאַר דער האַנט. מיין קינדערשער מוח האָט נישט גערוט, איך האָב געוואָלט פאַרשטיין וואָס איז „געשטאָרבן". קומענדיק אַהיים האָב איך געפרעגט מיין טאַטן „וואָס איז געשטאָרבן" און פאַר וואָס פאַרשיט מען דעם מת מיט אַזוי פיל ערד.

מיין טאַטע האָט געוואָלט אויסמיידן די פראַגע דורך נישט ענטפערן. נאָר זעענדיק אַז איך לאָז אים נישט אָפּ, אַז איך חזר איבער מיין פראַגע אויף פאַרשידענע אופנים, האָט ער מיר אויפגעקלערט וועגן תחית־המתים,

אַז יידן וואַרטן אויף משיח, אַז ווען ער וועט קומען, משיח, וועלן אַלע יידן גיין קיין ארץ־ישראל.

— טאַטע, די מתים אויך?

— יע!

דאָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין געדאַנק. איך האָב אַ סך מאָל געחלומט ווי די מתים, איינגעבויגענע, מיט געלע פנימער, מיט אויס־געלאָשענע אויגן, גייען נאָך משיחן קיין ארץ־ישראל.

מיט פופציק יאָר שפּעטער האָב איך אין יד־ושם געזען ווי משיח פירט די לעבעדיקע יידן צו די טויט־לאַגערן, צו די קאַלכאויוונס. ניין, איך האָב געזען די יידן. משיחן האָב איך נישט געזען...

נישט געקומען משיח. די קברים פון אונדזערע באָבעס און זיידעס זענען פאַרבליבן אויף פוילישער ערד. מיר קענען צו זיי נישט קומען, קומען זיי צו אונדז אין חלום און קלאָגן זיך אויף זייער עלנטקייט.

מיט זיבעציק יאָר צוריק האָט מיר מיין טאַטע מגלה געווען דעם סוד פון טויט. טראַכט איך נאָך היינט פון יענעם בית־קברות און וועגן מיין זיידן.

קינדער־יאָרן

מיין טאַטע האָט מיך געלייגט שלאָפן. ער האָט אָנגעוואָרעמט די פּוכענע פּערענע ביים קאַכלאָוון אויוון און מיך צוגעדעקט. אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט האָט מיך אַרומגענומען. זעקס יאָר בין איך דאַן אַלט געווען.

עס איז געווען שפּעט ביי נאַכט. אין דרויסן האָט געוויִעט אַ קאַלטער ווינט און געטראָגן דעם שניי פון איין אָרט אויפן צווייטן. פון צייט צו צייט האָט מען געהערט אין שטוב דאָס הוזשען פון ווינט. אין שטוב איז געווען וואַרעם און ליכטיק. דער פּערצענער לאָמפּ אויף אַ מאַרמאָרנעם פּוס האָט באַלויכטן דעם גרויסן צימער.

מיין טאַטע האָט געוואַרט אויף די פורמאַנעס וואָס האָבן באַדאַרפט קומען פון דער פעסטונג אָסאָוויעץ, ווו עס קומט אָן די באַן אַרום צען ביי נאַכט פון ביאַליסטאָק. די פורמאַנעס ברענגען אַ מאָל אַ גאַסט וואָס קומט אין שטעטל איינקויפן אָדער פאַרקויפן. ביי אונדז איז דאַן געווען די איינציקע אַכסניה אין שטעטל. וואַיאַזשאָרן פלעגן מערסטנס קומען פון וואַרשע. זיי זענען געקומען פאַרקויפן שיך, גאַלאַנטעריע, קאַלאָשן, סוועדערס און אַנדערע אַרטיקלען; פון לאָדזש זענען פאַרקויפערס געקומען מיט שניט־סחורה אויף דאַמען־קליידער, באַצוג אויף קישנס, ליילעכער און צודעקן, ס׳פלעגן אויך קומען פאַרקויפערס פון ביאַליסטאָק און פון אַנדערע שטעט.

די איינקויפערס פלעגן מערסטנס קומען זונטיק ביי נאַכט. ווייל מאָנטיק איז געווען דער מאַרקטאָג. די מערסטע קויפערס־פאַרקויפערס פלעגן קומען מיט אייגענע פורן, כדי צוריקנעמען מיט זיך די איינגע־קויפטע סחורה: קעלבער, שעפסן, חזיר־האָר, פערדישע ווײַדלהאָר (אויף באַרשטן). אַנדערע פלעגן אויפן מאַרק ביי די פּויערים איינקויפן ליינעג־מעל פון וועלכן מען שלאָגט אויס דעם בעסטן בוימל; אַנדערע פלעגן

איינקױפן רױכװאַרג, דאָס איז אין רוסלאַנד אין יענער צייט געװען אַ רייכער האַנדל, װאָס איז געלעגן אין יידישע הענט.

פלוצלינג, פון דער העלער הויט, האָב איך גערופן מיין טאַטן, װאָס איז געזעסן מיט אַ ספר אין פאָדערשטן צימער — דער אַריינגאַנג צו אונדזער אַכסניה.

— װאָס װילסטו? שלאָף, עס איז שוין שפעט ביי נאַכט — האָט זיך מיין טאַטע אָנגערופן.

— טאַטע, װיפל שעה איז פאַראַן אין אַ טאָג?

— אין אַ טאָג זענען פאַראַן צװעלף שעה, אין דער נאַכט זענען פאַראַן נאָך 12 שעה.

— פיר און צװאַנציק שעה אין אַ טאָג און אַ נאַכט?

— יע! שלאָף, צו װאָס דאַרפסטו דאָס װיסן?

— און װיפל מינוטן זענען פאַראַן אין אַ שעה?

— אין אַ שעה זענען פאַראַן זעכציק מינוט.

— טאַטע — האָב איך אים אין אַ פאָר מינוט אַרום גערופן — אין אַ טאָג און אַ נאַכט זענען פאַראַן 1440 מינוט.

איצט איז שוין מיין טאַטע אַריינגעקומען אין שלאָפצימער, מיר אַ טאַפ געטאָן דעם קאָפ און געפרעגט:

— װער האָט עס דיר געזאָגט?

— קיינער נישט, איך האָב אַליין אויסגערעכנט...

— און װיפל טעג זענען פאַראַן אין אַ װאָך?

— זיבן טעג. אין אַ װאָך זענען פאַראַן צען טויזנט מיט אַכציק מינוט.

— מיין טאַטע איז געשטאַנען אין שלאָפצימער, מיך געגלעט איבערן קאָפ, צוגעלייגט זיין האַנט צו מיין שטערן, צי איך האָב נישט קיין היץ...

מיין טאַטע האָט מיך איבער אַ נייס צוגעדעקט מיט דער פערענע און איז אַװעק אויסרעכענען װיפל מינוט עס זענען פאַראַן אין אַ װאָך. ער איז צוריקגעקומען אַן איבערראַשטער:

— װער האָט דאָס דיר געזאָגט? װי אַזוי האָסטו דאָס אויסגערעכנט?

— איך האָב מיין טאַטן געזאָגט װי אַזוי איך האָב דאָס אויסגערעכנט און אים געפרעגט װיפל טעג עס זענען פאַראַן אין אַ חודש. דער טאַטע

האָט מיר געענטפערט אַז אַ טייל חדשים האָבן צו 31 טעג און אַ טייל צו 30. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך מיין טאַטן געגעבן ביידע ציפערן: וויפל מינוט עס זענען פאַראַן אין א חודש פון 30 טעג און וויפל אין אַ חודש פון 31 טעג און איך בין איינגעשלאָפן.

ווי אַ פייל פון בויגן האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן מיינע מאַטעמאַטישע קענטעניש. יאַנקל צודאַקס, וואָס האָט צעטראָגן דעם „היינט" און „מאָמענט" וואָס ס'פלעגט אָנקומען פון וואַרשע, האָט אויך צעטראָגן די לאָקאַלע שטעטלשע ידיעות.

איבערן שטעטל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז אָשר איטשע אָשרס, האָט אויסגערעכנט וויפל מינוט עס זענען פאַראַן אין אַ יאָר; אַז ער ווייסט וויפל דער רוסישער קייזער ניקאָלאַי גיט אויס טעגלעך אויסצוהאַלטן די רוסישע אַרמיי. עס איז גאָר נישטאָ קיין חשבון וואָס ער קאָן נישט באַרעכענען, אָבער שרייבן קען ער נישט, ער ווייסט אַפילו נישט ווי מען שרייבט אָן אַן איינס.

אין אַ דאָנערשטיק ביי נאַכט האָט מיך מיין טאַטע צוגעפירט צו הרב צבי וואָלפס הויז און מיך אַריינגעשיקט קויפן הייוון וואָס מיין מאַמע האָט באַדאַרפט צו באַקן חלות אויף שבת. דער רב האָט געהאַט די קאָנצעסיע אויפן פאַרקויף פון הייוון. דאָס איז געווען אַ טייל פון זיין שכירות. דעם רבס עלטסטע טאָכטער, ליבראָכקע, האָט מיך גלייך דערקענט און אַ פרעג געטאָן:

— ווי רופט מען דיך, יינגעלע?

— אָשר

— דו גייסט שוין אין חדר?

— יע!

— וואָס לערנסטו?

— אַלף־בית.

— און שרייבן?

— שרייבן קען איך נישט.

— מען האָט מיר דערציילט, אַז דו ווייסט וויפל שעהען עס זענען פאַראַן אין אַ טאָג, אין אַ גאַנצן טאָג? מיט דער נאַכט?

— יע, איך ווייס.

איך האָב ליבראָכקען געזאָגט וויפל שעהען עס זענען פאַראַן אין אַ טאָג. די פראַגע האָט מען מיך שוין אַזוי פיל מאָל געפרעגט, אַז איך האָב זי שוין געקענט אויף אויסנווייניק.

— איך וויל דיך פרעגן אַ „זאַדאַטשע״, — ליבראָכקע האָט אַרויס־גענומען אַ בוך און מיר געוויזן:

— קענסט לייענען?

— ניין, קיינער האָט מיך נישט געלערנט...

— קיינער האָט דיך נישט געלערנט רעכענען און דו קענסט רעכענען.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז זי איז גערעכט און זיך פאַרשעמט. איך האָב אָנגעהויבן גיין צו דער טיר, וואָס פירט צום מתים־געסל.

— פאַר וואָסווילסטו אַוועקגיין?

— מיין טאַטע וואַרט אויף מיר אין דרויסן.

— קום אַהער — ליבראָכקע האָט גענומען אַ ביכל אין האַנט און צו מיר געזאָגט: — אויף דער ברייט פון דעם זייטל זענען פאַראַן 24 ווערטער און אין דער לענג זענען פאַראַן 35 שורות, וויפל ווערטער זענען פאַראַן אויף דעם זייטל?

איך האָב זיך דערשראָקן פאַר דער פראַגע. זי האָט מיר אויסגעקוקט אַנדערש ווי די פריערדיקע. איך בין געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער און זיך געגרייט צו אַנטלויפן. אָבער אין מיטן טראַכטן האָב איך אַ זאָג געטאָן: אַכט הונדערט פערציק. זי האָט אַ געשריי געטאָן: — ריכטיק! ווי אַזוי האָסטו באַרעכנט?

זי איז צוגעקומען צו מיר און מיר אַ קוש געטאָן.

— ווער האָט עס דיך אויסגעלערנט?

— קיינער נישט...

איך האָב ליבראָכקען דערציילט וועגן יענער נאַכט, ווען מיין טאַטע האָט געוואַרט אויף די פורמאַנעס וואָס קומען פון באַן און אַז דאַן איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דאָס רעכענען.

— ווי אַלט ביסטו?

— זיבן יאָר.

— ווילסט קומען צו מיר זיך לערנען שרייבן?

— יע!

— קום מאָנטיק דריי אַ זייגער.

— גוט, איך וועל קומען.

מאָנטיק בין איך געקומען. דער רב האָט געוווינט אין ווינקל פון מאַרק און מתים־געסל, ביי ביילאַכן אין מויער.

ליבראָכקע האָט מיך אָנגעהויבן לערנען די רוס־שע אותיות. דאָס לערנען האָט אָנגעהאַלטן אַ וואָך צייט. אַ וואָך שפּעטער האָט אויס־געבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. אַזוי ווי מיין שטעטל גאַניאָנדז איז געלעגן גאָר נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ, בלויז אַ פּאָר מייל פון איר, האָבן מיר געליטן אַ סך באָמבאַרדירונגען פון דייטשע עראָפּלאַנען וואָס האָבן געוואָרפן דריי־קאַנטיקע פיילן וואָס פלעגן אַדורכבערעכן דעם דאַך און סופיט. ווען אַזאַ פייל האָט געטראָפן אַ מענטש, איז ער גלייך אומגעקומען. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די מאַכט האָט פאַראָרדנט צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

ליבראָכקען האָב איך מער קיין מאָל נישט געזען. זי איז אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. און כאָטש איך בין געוועזן אַ חבר אַ סך יאָרן מיט חשקה דעם רבס (ליבראָכקעס יינגסטע שוועסטער) מיט וועלכער איך האָב געלערנט אין זעלבן קלאַס, האָב איך פון איר קיין מאָל נישט געהערט דערמאָנען איר שוועסטערס נאָמען.

אין דריי יאָר אַרום זענען מיר צוריקגעקומען אין שטעטל. איך האָב אָנגעהויבן לערנען אין דער תרבות־שול, וואָס האָט זיך דערעפנט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע.

איינגעשטעלט דאָס לעבן

זכרונות

שפּאַצירנדיק ביים ברעג פון דער באָברע מיט אַ גרופּע שול־חברים אין אַ טאָג פון קאַניקל, האָבן מיר דערהערט פון דער ווייטן געשרייען פון ייִדישע קינדער: „ראַטעוועט! ראַטעוועט, קינדער טרינקען זיך!" מיר האָבן געמיינט אַז די קינדער טרייבן קאַטאָוועס, אַז זיי ווילן אונדז אָפּנאַרן, נאָר די גוואַלדן זענען געקומען פון הינטער חצקל משהקעס סאַזשלקע, וואָס הינטערן טאַרטאַק. אין דעם אומעטיקן קול פון די געשרייען האָב איך דערפילט אַז די גוואַלדן זענען אמתע און אָנגעהויבן לויפן צום פּלאַץ פון וואַנען זיי זענען געקומען. אַז איך בין צוגעקומען נענטער האָב איך דערהערט אַ געוויין פון קינדער. הינטער מיר איז געלאָפן מיין שול־חבר לייזער מאַלע (אומגעבראַכט דורך די נאַציס אין פראַנקרייך ווו ער האָט געקעמפט אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג; ער איז אַהין געקומען פון ישראל, ווו ער האָט געוווינט).

„מאירקע קאַפּלאַן" — האָבן די קינדער געשריען מיט יללות — „מאירקע קאַפּלאַן... דאָרטן! דאָרטן! דאָס וואַסער האָט אים פאַר־טראָגן!...".

אויפן אָרט ווו די קינדער האָבן אָנגעוויזן, האָט זיך דאָס וואַסער געדרייט ווי דאָס ראָד פון אַ וואַסערמיל; דאָס איז געווען איינס פון די טיפסטע פּלעצער אין דער באָברע. איך האָב אויף גיך, אַ צעטומלטער, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די זאַכן, אַראָפּגעריסן די שיך מיט פאַרבונדענע שנורעווקעס און מיטן געדאַנק אַז עס איז שוין אַלץ איינס צו שפּעט, אַריין אין וואַסער. איך בין געגאַנגען געלאָסן צום פּלאַץ וואָס די קינדער האָבן מיר אָנגעוויזן. איך קוק אַריין אין וואַסער און זע גאָרנישט. דאָס וואַסער דערגייט מיר ביזן האַלדז. כ'פּרוּוו שווימען אונטערן וואַסער, נאָר ס'שלעפּט מיך צום גרונט; איך פיל אַז איך בין אַראָפּ זייער טיף.

— ווּ גייסטו? — טוט מיר אַ שלאַג אין מוח — ווּ גייסטו? ביסט דאָך אַריין אין קעסלגרוב... וועסט נישט אַרויס...

איך שטעל זיך אויפן דעק פון טייך און דערפיל אונטער מיינע פיס אַ האַרטע זאַך, אַ שטיין. עס שטיקט מיך דאָס וואַסער. איך וויל שווין אַרויפגיין... אַרויס אויפן פלאַך, טוט זיך מיין פוס אַ גליטש — אַ גליטש אַראָפּ פון שטיין און כ׳דערפיל עפּעס אַ ווייכע זאַך, אַ גלאַטע, איך רייס אויף די אויגן און דערזע אַ קליינעם גוף, די הענט האַלטן אַרומגענומען אַ טונקל גרויען שטיין. מאַירקע האָט זיך געוואָלט ראַטעווען, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שטיין, אַז דער שטראָם זאָל אים נישט אַוועקטראָגן, אַ גוטער געדאַנק...

— מאַירקע — טוט מיר אַ שלאַג אין מוח — מאַירקע, דער אַלמנה רחל קאַפּלאַנס בן־יחיד, ראַטעווע!

איך פיל אַז איך קען מער נישט איינהאַלטן מיין אָטעם, איך ווער דערשטיקט. — „גיי נישט אַרויף אויפן וואַסער, דו וועסט אים פאַרלירן" — טוט אַ ברי אַ געדאַנק.

איך שטופּ אַרונטער מיין פוס אונטערן גוף, נאָענט צום שטיין. איך פיל אַז איך ווער דערשטיקט, נאָר ער וויל נישט אָפּלאָזן דעם שטיין. אפשר טראַכט ער אַז דורכן שטיין וועט ער זיך ראַטעווען, דער שטראָם וועט אים נישט פאַרטראָגן, אָבער ער לאָזט מיך נישט ראַטעווען...

כ׳פּרוּוו נאָך אַ מאָל אים אויפהויבן מיטן פוס — כ׳קען נישט, ער האַלט פעסט דעם שטיין. איך בייג זיך אַראָפּ און רייס אָפּ איין האַנט פון שטיין, די צווייטע. און טו אים אַ הייב אויף מיטן פוס ער זאָל אַרויפשווימען — ער איז שווער ווי בליי; דאָס וואַסער טוט מיך אַ שלעפּ... ס׳וועט מיך פאַרטראָגן... „ראַטעווע פריער זיך!" — בליצט אויף אַ געדאַנק... איך גיב זיך אַ גליטש אויס, ווי דאָס וואַסער וואָלט מיך וועלן בייקומען. מיין פוס טוט זיך אַ שטויס טיפער אונטערן גוף און דער גוף טוט זיך אַ הייב. איך דערשרעק זיך „דער שטראָם וועט אים אַוועקטראָגן" — איך גיב זיך אַ בייג און כאַפּ אָן מאַירקע דער אַלמנהס מיט די הענט; די הענט וואָס איך האָב אָפּגעריסן פון שטיין, כאַפּן מיך אָן פאַר מיינע הענט. — ער לעבט, ער וויל זיך ראַטעווען — טראַכט איך,

גיב אַ האַסטיקן שטופּ מיט די פיס אין גלאַטן דעק — זיין וואָג איז שווער, ער דריקט מיר די הענט און לאָזט נישט אַרויפשווימען. איך דערשרעק זיך, מיר דאַכט זיך אַז איך פאַל אויף אַראָפּ...

איך גיב אַ שטויס מיט כּוח די הענט אין וואַסער און שווים אַרויף אויף דער פלאַך און אָטעם אָפּ טיף. איך אָריענטיר זיך נישט אויף וועלכער זייט ס'איז דער ברעג... איך דערהער קולות — „ער האָט אים געפונען" — איך צי זיך צו די קולות. דער יינגל לעבט... ער האַלט מיך פאַר די הענט און לאָזט מיך נישט אָפּ.

איך ווייס נישט וויפל סעקונדעס די איבערלעבונג האָט געדויערט, מיר האָט זיך אויסגעוויזן יאָרן...

ביים אַרויסגיין פון טייך מיט מאירקען אויף די הענט, שלאָג איך זיך אָן אין דעק פון טייך און גיב אַ פאַל... אוי! רייסט זיך אַרויס אַ קרעכץ, איצט וועל איך אים דערטרינקען... איך הייב זיך אויף און טראָג אים פאַרויס, ס'גיסט זיך וואַסער פון זיין מויל. ס'קומען מיר אַנטקעגן צוויי מענטשן, כאַפּן מאירקען און לייגן אים אַרויף אויף צוויי העמדער וואָס זענען געווען צונויפגעבונדן ביי די אַרבל און נעמען אים שאָקלען כּדי אַרויסצושטויסן פון אים דאָס וואַסער.

— טראָג אים אין פאַראָוון מיל, די דאָקטאָרשע איז געקומען — שרייען עטלעכע מענטשן.

באַרג־אַראָפּ פון שטעטל ציען זיך צענדליקער מענטשן. אין שטעטל ווייסט מען שוין אַז צוויי קינדער האָבן זיך דערטרונקען; אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס איך האָב געראַטעוועט מאירקען האָט מיין חבר לייזער מאַלי געראַטעוועט דעם צווייטן.

אַ חבר וואָס איז געקומען צו לויפן פון פאַראָוון מיל שרייט: — „די דאָקטערשע זאָגט אַז עס אַרבעט דער פּולס, ער וועט קומען צו זיך, ער האָט געעפנט די אויגן"...

איך שטיי אַ צעטומלטער ביים ברעג פון דער באַברע. איך האָב נישט מיין העמד, מען האָט עס צונויפגעבונדן מיט אַ צווייטס. איך קוק אויפן ברייטן טייך, אויפן קעסלגרוב ווו עס דרייט זיך דאָס וואַסער ווי

אַ שטורעמווינט. איך קוק און גלייב נישט אַז פון דאָרטן בין איך אַרויס און געראַטעוועט אַ יונג לעבן.

— דיין העמד — שרייט מיין חבר, — דיין העמד!...

— איך גיי אַ מידער באַרג־אַרויף, טראַכט און קען נישט גלייבן, אַז איך האָב טאַקע געראַטעוועט מאירקען.

דאָס שטעטל איז אויפגעבראויזט. יעדן זיצן אויף די שטיינערנע בריקלעך, דרייען זיך איבער דער ברוקירטער טיפלה־גאַס אַהין און צוריק. אַלץ רעדט וועגן די צוויי געראַטעוועטע קינדער.

יעדעס יאָר נעמט צו דער טייך עטלעכע לעבנס — דאָס יאָר איז אים דערוויל נישט געלונגען.

ווי אַ ווינט האָט זיך אַדורכגעטראָגן די ידיעה איבערן שטעטל „אשר איטשע אַשרס האָט אים געראַטעוועט".

ווען איך בין אָנגעקומען אַהיים זענען פאַר אונדזער הויז געשטאַנען אַ סך מענטשן. מיינע חברים וואָס זענען בייגעווען ביים טייך האָבן אויפן קול דערציילט, ווי אַזוי איך האָב געשטעלט אין געפאַר מיין אייגן לעבן צו ראַטעווען אַ צווייטנס לעבן.

חיה־דאָבע, אַ קלוגע פרוי, אַ קראַנקע, די בעל־הביתטע פון דעם הויז וווּ מיר האָבן געוווינט אין איין זייט (האַלבער), האָט מיך אַ צי געטאָן פאַר מיין האַנט און געזאָגט:

— פאַרקויף מיר די מיצווה.

— ווי קען מען פאַרקויפן אַ מיצווה?

— ביסט גערעכט, נאָר איך וואָלט געוואָלט פאַרדינען אַזאַ מיצווה.

דער רירנדיקסטער מאָמענט איז געווען ווען מאירקעס מאַמע איז געקומען — זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר אירע הענט און מיט אַ וויינענדיקן קול געזאָגט: — מיין איינציק קינד וועט פון היינט אויף ווייטער זיין דיינער... כ'וועל דיך מיין גאַנץ לעבן בענטשן. כ'וועל דיך קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

*

מיט יאָרן שפּעטער איז חיה־דאָבע קראַנק געוואָרן אויף דער בלינדער קישקע (אַפּענדיקס). היינטיקע צייטן איז דאָס אַ לייכטע אָפּעראַציע. האָט

מען גערופן יאַנקל דעם רופא, אַ ייִד אין די ניינציקער, וואָס איז צוליב דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין שטעטל געווען דער איינציקער „דאָקטער". ער האָט באַלד פאַראָרדנט די קראַנקע זאָל איינגעמען אַ פּאָר מאָל ריצנאייל — וואָס האָט אויפגעריסן איר בלינדע קישקע; מען האָט געזען אַז חיה־דאָבע איז געפערלעך און די משפחה האָט געפרעגט דעם רופא, צי מען דאַרף ברענגען דעם דאָקטער שולמאַן פון טרעסטינע, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ גוטן דאָקטער.

יאַנקל דער רופא איז געווען קעגן. זיין שטאָלץ האָט אים נישט דערלויבט צו רופן אַ צווייטן דאָקטער... ווען ער האָט אָבער געזען אַז די קראַנקע גייט אויס, האָט ער זיך פונאַנדערגעשריגן: „ברענגט! ברענגט וועמען איר ווילט? איך קען זי נישט לעבעדיק מאַכן"...

די משפחה האָט געהאַט אַרויסגערופן דעם דאָקטער. כּדי אויפצוהאַלטן ביים לעבן חיה־דאָבען, ביז דער דאָקטער שולמאַן וועט קומען, האָט יאַנקל דער רופא פאַראָרדנט צו מאַכן דער קראַנקער איינשפּריצונגען אַלע צוויי שעה. אַזוי ווי ער איז געווען זייער פאַרנומען — אויסער די קראַנקע אין שטעטל האָט ער אויך באַדינט די גאַנצע פּאַראָפיע, צענדליקער דערפער. איידער מען פלעגט פאָרן נאָכן גלח, פלעגן די פּויערים קומען נאָך יאַנקל דעם רופא. וועמען די גויים האָבן גערופן „דאָקטאָר יאַנקעל" — ער זאָל געבן זיין הסכּמה אַז מען דאַרף שוין ברענגען דעם גלח. — האָט ער מיך אויסגעלערנט „אַרונטערלאָזן די פּלעשעלעך" (איינשפּריצונגען). פלעג איך אַלע צוויי שעה דאָס טאָן... חיה־דאָבע פלעגט מיר דאַנקען מיט די ליפּן... מען האָט זי אין גאַנצן נישט געהערט. איר קול איז געווען ווי אויסגעלאָשן.

קוקנדיק אויף דער קראַנקער מיט צער און טיפן מיטלייד, ווי זי פאַרלאָזט די וועלט, איר מאַן און אירע קינדער, איז מיר איינגעפאַלן: „הלוואי וואָלט איך פאַרקויפט חיה־דאָבען די מיצווה פון ראַטעווען מאירקען, אפשר וואָלט דאָס פאַרמיטן איר פריצייטיקן טויט"...

✶

ס'זענען שוין פאַרביי פינף און זעכציק יאָר זינט איך האָב געראַטעוועט מאירקע קאַפּלאַן. אַ סך מאָל איז אין מיין זכּרון אויפגעשווומען די

איבערלעבונג, אַלע מאָל באַגלייט פון דער האַרבער פראַגע: פאַר וואָס בין איך געגאַנגען מיטן שטראָם צום קעסלגרוב? וואָס האָט מיך געפירט צום שטיין וואָס מאַירקע האָט אַזוי שטאַרק אַרומגעהאַלטן מיט זיינע קינדישע הענט כדי זיך צו ראַטעווען. ווי ער וואָלט געוווּסט אַז דאָרטן וועל איך אים קומען זוכן...

אַ סך מאָל טראַכט איך, אַז ס'איז געווען אַ צופאַל. אַנדערע מאָל — אַז ס'איז עפּעס פאַראַן אין מענטש, וואָס פירט אים אויפן ריכטיקן וועג. און אפשר איז דאָס געווען אַ נס... איך ווייס נאָר אַז צו ראַטעווען אַ לעבן איז מען אַ סך מאָל גרייט צו שטעלן אין געפאַר דאָס אייגענע לעבן.

ס'איז גוט אַ בלעטער צו טאָן די אַוועקגעגאַנגענע יאָרן און זיך דערמאָנען אין איבערלעבונגען און עפּיזאָדן וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכּרון אויפן גאַנצן לעבן.

שלמה בהמה

(זכרונות־בלעטלעך פון אַ נישט־פאַרצייכנטן טאָגבוך)

אויסער די דריי וואַסער־פירערס ביי מיר אין שטעטל, איטשע שטומאַק, פייוול מייטשוקס און חצקל דער וואַסער־פירער, וואָס איר קענט שוין פון מיינע פריערדיקע זכרונות, איז אין שטעטל געווען אַ וואַסער־טרעגער, שלמה בהמה. און עס איז גאָר קיין ווונדער נישט, וואָס אין שטעטל זענען געווען אַזוי פיל וואַסער־ברענגערס. דאָס שטעטל איז געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג און מען האָט קיין מאָל נישט געקענט דערגרייכן קיין וואַסער גראָבנדיק אַ ברונעם. מען האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט גראָבן. מען האָט געבראַכט קרענגעס, צעמענטענע קיילעכדיקע קויקן און זיי אַראָפּגעלאָזט איינעם אויפן צווייטן. ווען די גרעבערס זענען דערגאַנגען צום פופצנטן אָדער צוואַנציקסטן קרענג, זענען זיי מיד געוואָרן און פאַרלאָרן די האָפענונג אַז מען וועט געפינען וואַסער. אין דער טיף פון 40 פוס פלעגט ווערן שווער צו אָטעמען און די גרעבערס האָבן מורא געקריגן פאַר זייערע לעבנס.

אין שטעטל האָט מען אויסגעטראַכט אַז די וואַסער־פירערס בעטן ביי גאָט אַז מען זאָל קיין מאָל נישט געפינען קיין וואַסער אין די ברונעמער, כדי דריי משפחות זאָלן נישט פאַרלירן זייערע פרנסות.

איטשע שטומאַק, דער אָרעמסטער וואַסער־פירער, אַ מטופל מיט קינדער, האָט געשוואָרן ביי זיין פערד, אַז אים אַרט נישט... מען האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען זיין זאַיקעוועטן לשון, צי עס אַרט אים נישט אַז מען וועט געפינען וואַסער, צי עס אַרט אים נישט אויב מען וועט נישט געפינען קיין וואַסער. אָבער דערווייל האָט מען קיין וואַסער נישט געפונען. איטשע שטומאַק האָט געהאַט זיינע קונדן; חצקל דער וואַסער־פירער האָט געהאַט זיינע און פייוול מייטשוקס זיינע קונדן. דער איינ־ציקער וואָס האָט נישט געהאַט קיין קונדן איז געווען „שלמה בהמה״

און דאָ דאַרף מען למען־האמת צוגעבן אַז שלמה בהמה האָט גערעכנט ביליקער פאַר אַ פּאָר עמערס וואַסער ווי די אַנדערע. און עס איז דאָך אַ פאַרשטענדלעכע זאַך — שלמה בהמה האָט נישט קיין פערד, וואָס ער דאַרף אים געבן עסן, ער דאַרף נישט קיין שטאַל, זיינע עמערס און אַסלעס האַלט ער נעבן בעט ווו ער שלאָפט, ביי גדליה לאַמפּאַרטס דעם לאַטוטניק אין פאַרהויז. ער דאַרף נישט קיין וואָגן מיט פיר רעדער וואָס צעברעכט זיך אַלע מאָל אויף די גרויסע שטיינער פון דעם וועג באַרג־אַראָפּ און אַרויף פון טייך. אויב די וואַסער־פירערס רעכענען דריי גראָשן פאַר אַ פּאָר עמערס וואַסער, רעכנט שלמה בהמה נאָר צוויי גראָשן. דאָס הייסט ווייניקער אַ קאָפּיקע פאַר אַ פּאָר עמערס וואַסער. שלמה האָט געהאַט נאָך אַ חשבון: ווו ער ברענגט אַ פּאָר עמערס וואַסער קריגט ער אַ שטיקל פאַרדאַרט ברויט. בעט ער אַ ביסל וואַרעם וואַסער אין זיין בלעכענעם קווערטל, וואָס ער טראָגט אַנגעבונדן אויף אַ שטריקל, ווייקט איין דאָס האַרטע ברויט, ווערט דאָס ברויט ווייך און דאָס וואַסער קריגט אַ טעם פון כלעבנעם קוואַס וואָס מען מאַכט טאַקע פון אַלטן פאַרשימלטן ברויט.

שלמה בהמה האָט אַ חסרון וואָס טוט אים אַ סך שאַדן. ער איז אַ קינסטלער נאָכצומאַכן די קולות פון חיות. ער ברענגט אַריין די פּאָר עמערס וואַסער און פאַרן טיר טוט ער אַ האַווקע ווי אַ הונט. טאַקע ווי אַן אמתער הונט. די בעל־הבתים — זיינע קונדן — דערשרעקן זיך און לויפן פאַרמאַכן די טיר. גיט שלמה אַ צי די טיר און לאָזט נישט פאַרמאַכן.

— טפו! משוגע מיינע שונאים, האָסט מיך איבערגעשראָקן, דו האַווקעסט דאָך ווי אַן אמתער הונט... עס וועט זיין גענוג מיט די פּאָר עמערס וואַסער וואָס דו האָסט געבראַכט, איך דאַרף נישט מער קיין וואַסער...

ראָכלייע (רחל־לאה) איר האָט אפשר אַן אַלט שטיקל ברויט, אַ טרוקנס, איך האָב שטאַרקע ציין... עס איז היינט דינסטיק, אפשר איז עפּעס געבליבן פון שבתדיקן טשאָלנט? איי האָב איך ליב ברוקווע אין טשאָלנט, איי איז דאָס געשמאַק.

— איך האָב געהאַט פאַר דיר אַ רייבאַק (אַן אולניק פון צעריבענע

קאַרטאָפּל) פון טשאָלנט. איך וועל דיר אָבער נישט געבן, האָסט מיך איבערגעשראָקן. הערסט אַ מענטש — האָווקעט ווי אַ הונט.

שלמה עפנט די טיר אַוועקצוגיין. האַלטנדיק די ליידיקע עמערס, גיט ער אַ מעקע ווי אַ קאָזע. רחל לאה קוקט זיך אַרום, צי דאָס איז איר קאָזע און פאַרשטייט באַלד אַז דאָס האָט שלמה בהמה געמעקעט.

— וואַרט אויף, גיי נישט אַוועק!

רחל לאה טראָגט אים צו אין אַ בלעכענעם טעלער אַ שטיקל אָנגעוואַרעמטן רייבאַק (קאַרטאָפל־אולניק).

שלמה בהמה נעמט אַראָפּ פון די אַקסלען די אָסלעס מיט די ליידיקע עמערס און גיט אַ נעם דעם בלעכענעם טעלער.

איי, ראָכליִיע, איר ווילט זיין אַ שלעכטע נאָר איר קענט נישט. איר זענט דאָך געבוירן געוואָרן מיט אַ גוט האַרץ, געזונט זאָלט איר זיין... איר ווייסט ווער סאָט (עס האָט) מיר געשענקט דאָס היטל מיטן לאַקירטן דאַשעק? אייער יודי (יהודה), אַ טייערער היטל־מאַכער. נאָר געזונט זאָלט איר זיין. וואָס מאַכט אייער יאָסל? אַ געלערנטער בחור. עס וועט טאָקע זיין אַ שידוך מיט היטקי (איטקע) דעם רבס? אַ קלוגער מענטש דער רב, נאָר דאָס מאָל האָט ער זיך באַנאַרישט, ער וויל נישט אַז זיין טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיטן היטל־מאַכערס זון, מיט אייער יאָסלען. דער רב זאָל זיין געזונט ווייסט נישט וואָס סיז (עס איז) אַ ליבע... איך ווייס וואָס אַ ליבע. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, ליידן צוויי יידישע קינדער...

— שלמה! ברענג נאָך אַ פּאָר עמערס וואַסער. איך וועל דיר אָנוואַרעמען נאָך אַ שטיקל רייבאַק, נאָר הויקע נישט ווי אַ הונט, דו שרעקסט מיך איבער.

רחל־לאה שמייכלט. ס'זעט זיך אַז זי איז צופרידן וואָס שלמה בהמה האָלט פאַר איר יאָסלען...

שלמה בהמה איז אויך צופרידן — ווי נאָר ער שטעלט אַרויס די פיס פון דער קיך, גיט ער אַ הירזשע ווי אַן אמתער פערד.

רחל־לאה קוקט אַרויס דורכן טיר און זאָגט:

— ביסט גאָרנישט קיין בהמה, ביסט גאָר אַן אמתער פערד...

אויפן גאַס וואָס גייט צום אַלטן מאַרק גייט יאַנקל דער רופא און היט זיך נישט אַריינצושטעלן אַ פוס אין דער טיפער בלאָטע. ער שטעלט די טריט אויף די גרויסע שטיינער וואָס שטאַרטשען אַרויס. שלמה בהמה רוקט זיך אונטער און גיט אַ האַווקע ווי אַ בייזער הונט. יאַנקל דער רופא דערשרעקט זיך און שרייט אויס: — בילן זאָלסטו אויף דיינע ציין, דו ווילדע בהמה, דער לשון זאָל דיר אָפּנעמען; דו האַווקעסט ווי אַן אמתער הונט. בעסער זאָלסטו צו מיר נישט אַריינפאַלן, איך וועל דיר אָנשטעלן באַנקעס אַז דו וועסט צעפּלאַצט ווערן.

— זייט מייכל (מוחל) רב יאַנקעף (יעקב), איר ווייסט דאָך ווי די צעגיינער זאָגן: „ווען דער צעגיינער וואָלט זיך נישט פריילעך געמאַכט, וואָלט ער פון אומעט זיך אויפגעהאָנגען אַלע נאַכט". איר דאַרפט אפשר וואַסער, רב יאַנקעף? צו אייך איז אַ פאַרגעניגן צו ברענגען וואַסער. צביה האָט אַלע מאָל אַ קאָטלעט פאַר מיר. אַ גוט יאָר אויף איר. אַ גוט יאָר אויף אייך.

— ברענג עטלעכע עמערס, די טון איז האַלב ליידיק.

שלמה בהמה האָט זיך פונאַנדערגעיאָגט ווי אַ יונגער לאָשעק מיט אַ הירזשעריי איבערן אַלטן מאַרק באַרג־אַראָפּ צום טייך.

*

שלמה בהמה איז נישט געבוירן געוואָרן אין מיין שטעטל. ער שטאַמט פון סקידל, אַ שטעטל אין גראָדנער גובערניע. ער איז געקומען צו פאָרן מיט אַ טאַנדעטניק אויפן יריד. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, נישט געגעסן, איז ער געווען הונגעריק. איז ער אַוועק אין בית־המדרש, זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק, איינגעשלאָפן און אין גאַנצן פאַרגעסן ווו ער איז אין דער וועלט. פאַר נאַכט האָט אים דער טאַנדעטניק געזוכט אין וואָגן, דערנאָך אויפן מאַרק, דערנאָך איבערן גאַנצן שטעטל ביזן טייך, נאָר קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אים גיין זוכן אין בית־מדרש. יידן זענען אין אַ מאַרקטאָג פאַרנומען מיט זייערע אייגענע פרנסות און קומען נישט אין בית־המדרש אַזוי פרי דאַווענען מינחה־מעריב. האָט מען אים נישט געפונען. האָט דער טאַנדעטניק צונויפגענומען די סחורה

און די שטאַנגען און איז אָװעקגעפאָרן און שלמה איז געבליבן אין שטעטל אויף זיין גאַנץ לעבן. באַלד האָבן די לצנים אים צוגעטיילט דעם ריכטיקן נאָמען, שלמה בהמה, וואָס ער האָט געטראָגן אַלע יאָרן פון זיין לעבן.

נישט געקוקט אויף זיין נאָמען „שלמה בהמה", איז ער גאָרנישט אַזאַ נאַר ווי מען קען מיינען. ער לעבט זיך מיט אַ חשבון. זומער גייט שלמה בהמה באָרוועס. ער קען יעדן שטיין אויפן וועג באַ־ג־אַראָפּ צום טייך און ווייסט ווו צו שטעלן אַ פוס און זיך נישט צעקלאַפּן אָדער איינשניידן אַ פינגער. ווינטער טראָגט ער שטיוול, אָבער די שטיוול האָבן זייער אייגענע היסטאָריע און עס איז כדאַי צו דערציילן ווי אַזוי די שטיוול זענען געקומען צו שלמהן.

ביי חצקל פראַנצויזלס דעם שוסטער וואָס פאָרט אויף ירידן פאַרקויפן שטיוול צו די פויערים, האָט מען צוגעגנבעט אַ פּאָר שטיוול. חצקל איז אַ קלוגער ייִד, ער בינדט נישט קיין מאָל צוזאַמען אַ פּאָר שטיוול פון דער זעלבער מאָס. נאָר פון צוויי מאָסן, אַז דער גנב זאָל זיי נישט קענען נוצן, ער זאָל זיי אָפּברענגען אָדער אונטערוואַרפן. זענען אים נאָך דער גנבה געבליבן צוויי שטיוול פון צוויי מאָסן, אַ 42 און אַ 46, האָט ער זיי אַוועקגעשענקט שלמה בהמהן, נאָר מיט אַ תנאַי, ער זאָל אים צושטעלן וואַסער אַזוי לאַנג ווי ער וועט טראָגן די שטיוול, ביז זיי וועלן זיך צערייסן. דאָס איז אַן אָפּמאַך אויף אַ סך יאָרן. חצקל פראַנצויזלס אַ פּאָר שטיוול צערייסן זיך נישט אַזוי גיך.

טראָגט שלמה בהמה אַ קלענערן און אַ גרעסערן שטיוול. דער קלענערער שטיוול איז אים אַ ביסל צו גרויס, נאָר דער גרעסערער איז שוין גאָר צו גרויס. די שטיוול האָבן איין מעלה — ביידע זענען שוואַרצע, ביידע זענען גרויס...

*

אין שטעטל איז אויסגעבראָכן אַ געפערלעכע טיפוס־מגיפה. דער שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן, הילצערנעם איינשטאָקיקן הויז, איז געװען אָנגעפּאַקט מיט קראַנקע. נישט געוועזן ווו צו שטעלן מער קיין בעטלעך. אַ סך קראַנקע זענען געלעגן אין זייערע היימען.

געווען הייזער פון וועלכע איינער אָדער צוויי זענען געלעגן אין שפּיטאָל און איינער אין דער היים. נישט געווען ווער עס זאָל אַרומגיין די קראַנקע.

איך האָב געזען אַ שרעקלעך בילד: אַ קראַנקער מיט אַ זייער הויכער טעמפּעראַטור האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שפּיטאָל, זיך אַדורכגעריסן דורך די שטעכיקע דראָטן פון צאַם הינטערן שפּיטאָל, צעריסן מיט די שטעכיקע דראָטן די הענט, די פּלייצע. עס האָט געררונען בלוט פון אים און עס איז נישט געווען קיין מענטש אים צוריק אַריינצונעמען אין שפּיטאָל.

די מאַכט האָט פאַרוועדט צו מאַכן לוויות. מען האָט געמעגט אַרויסנעמען די טויטע פון שפּיטאָל נאָר ביי נאַכט. זעלטן ווען האָט עמעצער אויסער דער משפּחה באַגלייט אַ טויטן. אַ טרויעריקן יאָמער פלעגט מען הערן אין די נעכט פון די משפּחות וואָס פלעגן אַרויסבאַגלייטן זייערע נאָענטע.

אַ פינצטערע מגיפה האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן שטעטל, אַ פינצטערע שרעק איז באַפאַלן די מענטשן, יעדער האָט געזען דעם מלאך־המוות פאַר די אויגן.

דער דאָקטער האָט געראַטן מען זאָל עסן קנאָבל, ציבעלע, צו פאַרטרייבן די באַקטעריעס פון דער לופט וואָס מען אָטעמט איין.

די ייִדן פון שטעטל האָבן געזוכט תחבולות. די וואָס האָבן געהאַט קראַנקע זענען געגאַנגען רייסן קברים און בעטן ביי זייערע אָבות זיי זאָלן זיך משתדל זיין. זיי זאָלן זיין גוטע מליצים. איינער פון די מיטלען וואָס מען האָט אָנגענומען איז געווען פאַסטן מאַנטיק און דאָנערשטיק — עס איז אַלץ איינס נישט געווען וואָס צו עסן.

די שטעטלשע מאַכט האָט פאַראָרדנט מען זאָל אויסראַמען די סוטקעס (קלאָזעטן) און אויסשמירן זיי מיט וואַפּנע. מען זאָל קאַלכן די רינעס מיט וואַפּנע. אויך די שטאַמען פון די ביימער האָט מען אָפּגעקאַלכט מיט וואַפּנע.

די שטאָטפירערס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קול־קורא, אַז דאָס וואַסער פון טייך וואָס מען טרינקט, זאָל מען פריער איבערקאָכן.

אַזוי ווי נאָך אַלע תחבולות האָט די עפּידעמיע נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן, האָבן ייִדן ווייטער געזוכט תחבולות ווי אַזוי די מגיפה אָפּצושטעלן. נאָך

אַ לאַנגן יישוב־הדעת צווישן רב מיט עטלעכע בעלי־בתים וואָס זענען דערוויל נישט קראַנק געוואָרן, האָט מען באַשלאָסן צו שטעלן אַ חופּה פון אַ פּאָרפאָלק אויפן בית־הקברות. באַלד איז אויפגעשוווּמען דער נאָמען פון אַ חתן — שלמה בהמה. מען דאַרף נאָר קריגן אַ כּלה.

אויף דעם קרומען וועג צום טאָל, באַרג־אַראָפּ צום טייך, ווו מען האָט מיט קיין וואָגן נישט געקענט פאָרן, נאָר גיין צו פוס, ווייל דער וועג איז געווען פול מיט גריבער און גרודעס, האָט געוווינט אַ מיידל, אַ יתומה, מיט אַ פּאָר צעדרייטע פיס, וואָס זענען איר פאַרבליבן פון אַ קינדער־קראַנקהייט. עס איז איר געווען שווער צו גיין, זי האָט אָבער געהאַט אַ שיין פּנים און אַ פּאָר קלוגע אויגן. אויסער אירע קושלאַווע, אויסגעדרייטע פיס איז מאַשע־גיטל געווען אַ נאָרמאַלע, גוט אַנטוויקלטע פרוי. מאַשע־גיטל האָט פאַרשטאַנען איר לאַגע; אויף איר פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ שטענדיקער אומעט וואָס האָט איבערצייגט אַז זי טראַכט וועגן אירע דריי און דרייסיק יאָר מיט טיפער זאָרג.

מאַשע־גיטל האָט געוווינט ביי אַ מומען. ווען עס האָט זיך געעפנט די י.ל. פּרץ־ביבליאָטעק אין שטעטל איז אַ יינגעלע וואָס האָט געוווינט אין טאָל, גייענדיק צום באָד, געקומען מיט אַ צעטעלע בעטן אַ בוך. קיינער האָט נישט געוווּסט ווער עס איז די שרייבערקע פון צעטעלע. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז דאָס זעלבע יינגעלע געקומען מיט אַ גרויסן בריוו וואָס האָט אויפגעקלערט אַז דאָס בוך איז געפעלן געוואָרן, נאָר איצט בעט זי אַ בוך פון אַ דייטשן שרייבער, אַ ראָמאַן. האָט מען איר געשיקט דאָס בוך. עס איז געבליבן אַן איינדרוק, אַז דאָס מיידל וואָס קען אַליין נישט קומען נאָר שיקט אַ יינגעלע פון טאָל נאָך אַ בוך, איז אַ פאַרשטענדלעכע פערזאָן. האָבן די בעלי־בתים באַשלאָסן אַז דאָס מיידל איז די פּאַסיקע כּלה פאַר דעם חתן שלמה בהמה און מען דאַרף באַלד שטעלן אַ חופּה. באַלד האָט זיך געפונען אַ יידענע וואָס האָט זיך אונטער־גענומען דורכצופירן דעם שידוך. די פרוי איז געגאַנגען זען דאָס מיידל און האָט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שוועריקייטן. עס האָט אויסגעקוקט אַז זי קען שלמהן... דאָס מיידל האָט באַלד מסכּים געווען גיין אונטער דער חופּה מיט שלמהן. קיינעם האָט נישט אינטערעסירט וואָס די כּלה איז

עלטער פון חתן מיט אַ זעקס יאָר. וואָס מען האָט באַדאַרפט, איז אַ כלה פאַרן חתן, צו שטעלן אַ חופּה אויפן בית־הקברות און דערמיט אָפּשטעלן די מגיפה.

מען האָט געקראָגן פאַרן חתן א גוטע מאַרינאַרקע, אַ פּאָר נייע הויזן. ער האָט זיך אָפּגעשוירן, און אַן אויסגעפּוצטער, געזונטער יונג, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, אַוועק זען די כלה.

באַלד פון דער ערשטער באַגעגעניש איז קלאָר געוואָרן אַז חתן־כלה געפעלן זיך. קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן אַז די צוויי מענטשן קענען זיך זייער גוט און פירן אַ ליבע שוין אַ לאַנגע צייט...

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען דינסטיק, אין אַ מזלדיקן טאָג, אָבער עס איז שוין געווען שפּעט אַדורכצופירן די צוגרייטונגען און דעם זעלבן טאָג שטעלן די חופּה. די בעלי־בתים האָבן מורא־מורא געהאַט טאָמער האָט איינער פון דעם פּאָרל חרטה, ביז מען האָט באַשלאָסן צו שטעלן די חופּה פרייטיק ביי טאָג.

שוין פון דער פרי' אָן האָבן זיך אָנגעהויבן ציען מענטשן ווי שאָטנס, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, באַרג־אַרויף צום בית־הקברות, איבער דעם ליימענעם וועג וואָס פירט קיין טרעסטינע. ייִדן אומעטיקע, פאַרוויינטע. עס זענען געגאַנגען די וועלכע האָבן געהאָפט צו פאַרמיידן די מגיפה, אַלמנות און אַלמנס ביי וועמען די מגיפה האָט שוין צוגענומען זייער זיווג, אָדער אַ נאָענטן. אַ שווערע שרעק האָט אויף אַלעמען געדריקט. אַ סך זענען אַרומגעגאַנגען דעם בית־המדרש, די ווייסע שול אויפן באַרג, פון דאָרטן האָבן זיך די ייִדן דורכן מתים־געסל, דורך דער טיפלה־גאַס געצויגן צום בית־עולם.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט אַרומגערינגלט דעם בית־הקברות. אינעווייניק האָט מען אַריינגעלאָזן נאָר נאָענטע מחותנים און אָנגעזעענע בעלי־בתים, וואָס האָבן געבראַכט דרשה־געשאַנק.

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אויפן גוטן אָרט בעת דער רב האָט מסדר קידושין געווען די חתן־כלה. אַלע האָבן געבעטן מיט טרערן אין די אויגן עס זאָל שוין קומען אַ סוף צו דער מגיפה. דער רב האָט מיט אַ צעבראָכענער שטים געבעטן דעם רבונו־של־עולם ער זאָל זיך

מרחם זיין און אָפּשטעלן די מגיפה. ווי נאָר מען האָט צוגענומען די חופה האָט דער חזן, מיט אַ וויינענדיקער שטים געזאָגט קדיש, באַגלייט פון דעם עולם אָרום.

אומעטיקע, מיט צעווייטיקטע הערצער, האָט דער עולם זיך אָנגעהויבן צעגיין, באַרג־אַראָפּ צום שטעטל, מיט דער האָפענונג, אַז זיי האָבן געפועלט ביים בורא־עולם אָפּצושטעלן די מגיפה.

חתן־כלה האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף אַלטער יאַנקל לייבקעס וואָגן צו פאָרן אַהיים. ווי איבעראַשט זענען געוואָרן די באַגלייטערס זעענדיק ווי שלמה בהמה האָט אַרומגענומען און געקושט זיין ווייב און מאַשע־גיטל האָט אים צוריקגעקושט...

אַ שכן וואָס וווינט אין טאָל, נאָענט צו מאַשע־גיטלס הויז, האָט דאָן דערציילט, אַז זיי האָבן זיך שוין ליב פון לאַנג. אַלע פאַרנאַכט קומט ער צו איר און ברענגט איר דאָס געלט וואָס ער האָט פאַרדינט איבערן טאָג. די באַגלייטערס האָבן אויף דעם געענטפערט מיט גוטע ווונטשן: „זאָל זיי זיין אין אַ מזלדיקער שעה און זאָל שוין נעמען אַ סוף צו דער מגיפה".

אויף מאָרגן, שבת צו נאַכט, האָט מען אויפן בית־הקברות, ביי דער ליכט פון פאַרקאָפּטשעטע גאַז־לאַמטערנעס, באַערדיקט דעם הויכן, שטאַרקן אַברהם־שמחה דעם בעקער.

מיטן אָנקומען פון פרילינג האָט זיך די מגיפה אָפּגעשטעלט. יידן פון שטעטל האָבן דערציילט די נסים אין אַלע נאָענטע שטעטלעך, אַז די חופה אויפן בית־הקברות פון מאַשע־גיטל און שלמה בהמה איז געווען אַ גרויסער נס. דאָס האָט אָפּגעשטעלט די טיפוס־מגיפה, וואָס האָט געבושעוועט אין שטעטל אַ גאַנצןווינטער.

אין שטעטל האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג אַז מאַשע־גיטל איז אויף דער צייט. ווייבער האָבן אָנגעהויבן חשבונען אויף ווען מען קען דער־וואַרטן די שמחה. מאַשע גיטל האָט אָבער איבעראַשט דאָס שטעטל מיט אַ געבורט אין 8טן מאָנאָט. לויטן ווייבערישן חשבון איז דאָס געווען צו פרי. און לויטן מאַנסבילשן פאָרשן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז שלמה בהמה איז גאָרנישט אַזאַ נאַר ווי די שטעטלשע יידן האָבן געמיינט.

אומעטיקע יאָרן

די רעדער פון אויטאָבוס האָבן אַ שטאַרקן גרילץ געטאָן און איבער־געשראָקן די מענטשן וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן ווינקל פון האַרדינג און 74סטע גאַס. די אַלטע פרוי איז שוין געווען אַריבערגעגאַנגען אַ דריטל פון דער ברייטער עוועניו. דער שאָפער האָט זיך דערשראָקן. ער איז געווען זיכער אַז די פרוי וועט גיין ווייטער און ער האָט שוין נישט קיין צייט צו טאַרמאָזירן דעם אויטאָבוס.

די אַלטע פרוי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז זי שטעלט אין געפאַר איר לעבן און זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק צום טראָטואַר. אַלע האָבן לײַכטער אָפּגעאָטעמט.

די פרוי איז נישט געווען שולדיק. זי האָט געפּרוווט אַריבערגיין די גאַס ביי דער גרינער ליכט, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך די ליכט געביטן. זי האָט דערזען פאַר זיך דעם אויטאָבוס, וואָס האָט זיך דערנענ־טערט, און זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק.

איך בין געגאַנגען הינטער איר און צוגעזען די געפאַר. איך האָב זיך צוגעבויגן צו דער פרוי.

— איך וועל אייך אַריבערפירן, אײַלט אייך נישט.

— איך אײַל זיך נישט, שוין צו שפּעט זיך צו אײַלן.

— איר רעדט אַ גוטן יידיש.

די פרוי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן און געזאָגט:

— אַוודאי רעד איך יידיש. ווי קען מען פאַרגעסן אַ מוטערשפּראַך? מיין מאַמע האָט גערעדט צו מיר יידיש. מיין טאַטע האָט געהאַט אַ לעדערקראָם אין אַ פּויליש שטעטל, נישט ווייט פון ביאַליסטאָק. מיין טאַטע האָט מיר געלערנט דאַווענען, אָבער גערעדט האָט ער צו מיר יידיש.

די פרוי האָט אין האַנט געטראָגן אַ פּלאַסטיק־טאַרבע פון אַ שפּייז־קראָם, אויבנאויף איז געלעגן אַ ברויט אײַנגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר פון אַ בעקעריי. די איבעריקע זאַכן האָב איך נישט געזען.

איך וועל פרוּוון אַריבערגיין, האָט די פרוי גערעדט צו זיך, ס׳איז גרין. איך זע נישט גוט.

— איך וועל אייך אַריבערפירן — איך האָב איר אָנגענומען פאַרן האַנט.

— קומט! איצט איז גרין. — איך האָב געפילט איר שרעק און צי־טער פון איר האַנט — האָט נישט קיין מורא.

— איך זע נישט גוט... האָט די פרוי געמורמלט.

מיר זיינען אַריבער די גאַס. באַלד ווי זי האָט געשטעלט די פיס אויפן טראָטואַר, האָט זי זיך צוגעבויגן צו מיר און געגלעט מיין האַנט.

— איר קענט מיך? האָט זי געפרעגט.

— ניין! איך קען אייך פון איצטער. — ווו ווינט איר?

די פרוי האָט געמורמלט מיט אַ וויינענדיק קול.

— נישטאָ קיין טרערן. אויסגעטריקנט. דאָס ערשטע מאָל וואָס עמעצער העלפט מיר אַריבערגיין די גאַס. מענטשן האָבן נישט קיין צייט. אַלע זיינען פאַרנומען. לאָזט מיר אייך אָנקוקן. אפשר וועל איך אייך טרעפן נאָך אַ מאָל... די פרוי האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ צעוויי־טיקט קול געזאָגט:

— שווערע יאָרן, די לעצטע. מען פרעגט מיר פאַרוואָס איך גיי איינקויפן. ווער וועט גיין פאַר מיר? די טעג וואָס איך גיי נישט איינקויפן הונגערן מיר, איך מיט מיין מאַן. ער קען נישט גיין. די מוסקלען פון די פיס זיינען אים געשוואָלן. ער ליידט שטאַרקע ווייטיקן. אַ מאָל גייט ער, נישטאָ קיין ברירה, טרעפט ער נישט צוריק אַהיים. וואַרט איך און גיי אַרויס אים זוכן. ער דערקענט נישט אונדזער גאַס. גייט ער אַוועק מיט האַרדינג עוועניו. דאָרטן איז אַ גרויסע געפאַר. מיך אַרט נישט די געפאַר... וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרלירן נאָר עס איז נישטאָ קיין מוט געהרגעט צו ווערן אין גאַס. וואָס וועט ווערן פון אים? ביטערע יאָרן, די לעצטע. מען פאַרשטייט, נאָר ס׳איז נישטאָ קיין מוט. די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען עס קומט שוין דער סוף. קומט ער נישט ווען מען דאַרף אים. ער קומט ווען מען וויל אים נישט. אין מענטשן איז דאָ אַ געפיל וואָס שרעקט אים פאַרן טויט. אַ געפיל וואָס ציט צום לעבן.

די פרוי האָט אַ ווײלע געשוויגן.

— נישט געהאַט קיין קינדער. אפשר מיט קינדער וואָלט געווען אַנדערש — אַ גורל־זאַך. נו גוט, גייט אייך געזונטערהייט. איר גייט דאָך ערגעץ. אפשר גייט איר איינקויפן, אפשר וואַרט אויף אייך אייער פרוי?

— אויף מיר וואַרט שוין קיינער נישט... וווּ ווױנט איר? איך וועל אייך צופירן אַהיים.

די פרוי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן און אַ שמייכל געטאָן.

— איך האָב קיין מאָל נישט געגלייבט אין מלאָכים. פון איצט וועל איך שוין גלייבן.

— איך בין נישט קיין מלאך. איך בין אַ פשוטער מענטש. די מלאָכים וווינען אין די הימלען, קענען זיי קיינעם נישט העלפן. קומט!

— די איז מיין גאַס. דאָ וווין איך. די טיר אַנטקעגן דעם אַוואָקאַדאָ־בוים. מען דאַרף פאַרבאַהאַלטן דעם טעשל אין קאַשיק, מען זאָל דיר נישט באַראַבעווען. די גנבים זוכן דאָך אַלטע, אָרעמע מענטשן. זיי האָבן נישט קיין געפיל.

די פרוי האָט אַרויסגענומען פון פּלאַסטיק־קאַשיק אַ קליין טעשל, אויפגעזוכט דעם שליסל און געעפנט די טיר.

איך בין געבליבן שטיין אין טיר. די גאַנצע וואַנט איז אויף געשטעלן געווען פאַרשטעלט מיט וואַזאַנעס.

— וואָס זייט איר געבליבן שטיין אין טיר? פאַר וואָס קומט איר נישט אַריין?

— ווער האָט אויסגעהאָדעוועט די אַלע וואַזאַנעס? ווער באַגיסט זיי?

— איך! איך האָב זיי ליב. זיי זיינען מיינע פריינד. מיין גאַנץ לעבן האָב איך ליב געהאַט בלומען. אויפן באַרג־אַראַפּ צו דאַלקע (אַ וואַסערמיל אין מיין שטעטל), אין פּראָנט פון אַ פויערישן הילצערן הויז מיט אַ שטרויענעם דאַך, האָב איך דעם ערשטן מאָל דערזען רויטע רויזן. אין שטעטל זיינען געווען שיינע הייזער, אָבער קיין רויטע רויזן האָב איך קיין מאָל נישט געזען. די רויזן זיינען פאַרבליבן אין מיין זכרון אויפן

גאַנצן לעבן. דערנאָך האָב איך זיך באַקאַנט מיט די טוליפּאַנען, וואָס עפּענען פונאַנדער זייערע בלעטער־דעקלעך און שטעלן אַרויס זייער האַרץ צו זעטיקן די בינען וואָס וועלן פאַרוואַנדלען דעם בלומענזאַפט אין זיסן האָניק. ווער האָט געטראַכט וועגן דעם אומעט, וואָס וועט אונדז אַ מאָל באַהערשן. ווער האָט געטראַכט, אַז מען וועט דאַרפן אַ מאָל איבערלאָזן אַלץ וואָס האָט אונדז באַגלייט אַ גאַנץ לעבן און אַוועקגיין אין דער פינצטערניש? היינט איז אַראָפּגעפאַלן אַ געלע בלאַט פון מיין שענסטן וואַזאָן. איך האָב דערפילט אַן אומעט. אַ בלאַט איז דאָך אַ לעבעדיקער אבר, אפשר טוט אים וויי.

— אַז מען טראַכט וועגן אַריינגיין אין אַן עלטערהויז שווימט אויף די פראַגע, וואָס וועט ווערן פון מיינע וואַזאָנעס?

אַ ריינקייט האָט געשלאָגן פון יעדער זאַך. אַ ווייסער טישטעך איז געלעגן אויפן קיכטיש. אַלץ האָט געבלאַנקט. די ווייסע פּליטע, דער קילשראַנק. אויף אַ ברייטן שטול איז געזעסן דער מאַן.

— מיין מאַן הערט נישט גוט.

דער מאַן האָט אויפגעעפנט די אויגן און מיט אַ קרעכץ געזאָגט:

— אבי דו ביסט שוין דאָ. ווער איז דער מאַן?

— אַ מלאך. דער מאַן האָט מיך אַריבערגעפירט די גאַס און געבראַכט אַהיים.

— זיצט, דאָ איז אַ שטול. זיצט. צו מיר דאַרפט איר רעדן העכער. איך הער נישט גוט. איך הער נאָר אויף איין אויער. אויך נישט צו גוט.

— איר וווינט דאָ שוין לאַנג?

— זינט מיר זיינען געקומען קיין פלאָרידאַ. שוין מער ווי 15 יאָר. די ערשטע יאָרן זיינען געווען גוטע. מיר זיינען געווען יינגער. אַלץ איז געווען לייכטער. איצט איז זי שוין 79. אַלץ איז געוואָרן שווערער. אַלץ טוט וויי. מען הערט נישט, מען דערקאָנט נישט. פאַר וואָס ווילט איר זיך נישט זעצן?

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט.

— מיר האָבן נישט קיין קינדער, איז מען זייער עלנט. אפשר ווען מיר וואָלטן געהאַט קינדער וואָלט געווען בעסער. און אפשר נישט. א

שכן דערציילט מיר אַז זיינע קינדער זעען אים איין מאָל אַ חודש. די אייניקלעך לאָזט מען נישט רעדן מיט דער באָבען, ס'וועט אָנצייען צו פיל דער טעלעפאָן־חשבון.

— איר גייט אַ מאָל אין טעמפּל ?

— יע! מען גייט. נישטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן...

— פאַר וואָס גייט איר נישט אַריין אין אַן עלטערהויז ?

— יע, מיר קלייבן זיך. אויב ס'וועט נישט ווערן צו שפּעט. דאָס עלטערהויז וויל מיר זאָלן זיי אָוועקגעבן אַלץ וואָס מיר האָבן, אַפילו די צירונג. מיר האָבן געלט. מיר האָבן אַ סך געלט, אָפּגעשפּאָרט פאַר אַ גאַנץ לעבן. מיר האָבן געהאַלטן אַ סך יאָרן אַ שפּייזקראָם אין ברוקלין.ביידע געאַרבעט אַ גאַנץ לעבן. איצט ווילן זיי מיר זאָלן זיי אַלץ אָוועקגעבן. האָבן מיר זיך נישט געאיילט. ביז איצט זיינען מיר געווען געבערס, באַשטייערערס. אַז מיר וועלן אָוועקגעבן אַלץ וואָס מיר האָבן, וועלן מיר ווערן אויס געבערס. מיר וועלן ווערן נעמערס. איצט דאַרף מען זיך צוויילן. איך בין אַלט 87. קען נישט גיין. ס'טוען וויי די מוסקלען. פייגל זאָגט אַז מיר זאָלן אַלץ אָוועקגעבן.

— יע! — האָט זיך פייגל אַריינגעמישט אין שמועס, — איך זאָג מען זאָל אַלץ אָוועקגעבן. לויטן שכל־הישר איז פאַר אונדז שוין נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג. ס'איז אָבער שווער זיך דעצידירן, אָוועקגעבן אַלץ, אַלץ, אויף וואָס מען האָט אָפּגעאַרבעט אַ לעבן. אָוועקגעבן דער מאַמעס פינגערל, די קייט וואָס מיין מאַמע האָט געטראָגן אויף איר האַלדז.

— אַז איך פלעג אַ מאָל נישט געפינען אַ זאַך, וואָס איך האָב פאַרבאַהאַלטן, פלעג איך זיך אויפצאַפּלען. הייבט ווייסן מיר ווו מיר האַלטן. מיר זיינען נישט פאַרנאַרישט. מיר זיינען נישט בלינד. אָבער ס'איז נאָך אַלץ אַ שאָד, כאָטש ס'איז נישטאָ אויף וואָס צו האָפן. איצט וואַרטן מיר אויפן סוף. איך האָב נישט קיין מוט, קיין האַרץ אָוועקצוגעבן די שפּילקע וואָס איך האָב געירשנט פון מיין מאַמען. די שפּילקע, די קייט, דאָס פינגערל האָבן מיך מיט ליבשאַפט באַגלייט אַ גאַנץ לעבן... נישטאָ קיין אַנדער ברירה. עמעצן דאַרף מען דאָס אָוועקגעבן, אָבער נישטאָ וועמען

דאָס איבערצולאָזן. קיינער וועט אונדז נישט דערמאָנען. איך וואָלט נאָך וועלן וויסן ווער וועט טראָגן מיין מאַמעס קייט. יע! איך זאָג מיר זאָלן אַלץ אַוועקגעבן. אויב נישט וועט דאָס אַלץ בלייבן... פאַר וועמען?

— אַוועקגעבן די 40 טויזנט דאָלער און ווערן אויס בעלי־בתים? פאַבריקן יאָר האָבן מיר געהאַט אַ סך אינטערעסן, און אַז מיר וועלן דאַרפן אַ טייערע רפואה, און אַז דו וועסט וועלן גיין אין אַ „ביוטי־פּאַרלאָר" ? (שיינקייט־סאַלאָן) היינט זיינען מיר די בעלי־בתים, דאַרטן וועלן מיר ווערן אויס.

שמואל האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— אַלץ שטאַרבט אָפּ ביסלעכווייז. נאָר דער געדאַנק אַרבעט... ס'איז שווער צו לייענען אַ צייטונג. מיר וויסן אָבער פון טעלעוויזיע אַלץ וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. ס'איז אָבער שווער צו לעבן. פייגל וויל מיר איינרעדן, מיר זאָלן זיך ביידע נעמען דאָס לעבן, אַז מען דאַרף נישט מורא האָבן פאַרן טויט. נאָר איך וועל דאָס נישט טאָן. איך וועל לעבן ביזן לעצטן טאָג, ביז ס'וועט מיר זיין באַשערט. אַז מען שטאַרבט — שטאַרבן דאָך אַלע זכרונות. אַלץ וואָס דו געדענקסט וועגן מענטשן, וועגן אַ וועלט וואָס דו האָסט געקענט, אַלץ שטאַרבט צוזאַמען מיט דיר.

— וואָס האָבן זיי פון דעם וואָס דו געדענקסט זיי?

— דאָס איז מיין יזכור נאָך זיי. איך וויל נישט שטאַרבן. איך וועל דאָס נישט פאַרשפּעטיקן. דאָס וועט קומען. איך וויל איין טאָג לעבן, איידער זיין אַ גאַנץ יאָר טויט — וואָס לאַכסטו?

— איך לאַך פון דיר! אָט וועל איך מער נישט גיין ברענגען קיין עסן, וועלן מיר זען ווי דו וועסט אויסקומען.

— וועל איך גיין. זע, ווי דו אַליין האָסט מורא צו שטאַרבן...

— איך האָב מורא געהרגעט צו ווערן אין גאַס. דאָס וואָלט איך נישט געוואָלט.

פייגל האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן ווי אַ בלאַט אין אַ האַרבסטיקן ווינט. איר פּנים האָט זיך געקאַרטשעט פון שרעק — געהרגעט ווערן אין גאַס? ניין! איך וויל נישט שטאַרבן מיט אַזאַ טויט.

— זי, אַז זי רעדט זיך פונאַנדער, וועט זי איבערצייגן דעם גרעסטן

עקשן. זי איז אַ רעדנדיקע. איך ווייס נישט פאַר וואָס זי פאַרשרייבט נישט אַלץ וואָס זי זאָגט, וואָלט זי געווען אַ שרייבערין. זי האָט אַן אייזערנעם זכרון.

— שמואל! וואָס רעדסטו אַזוי פיל? פייגל איז צוגעקומען נענטער.

— לאָז דעם מאַן אַוועקגיין! ער האָט דאָך מיך געבראַכט אַהיים.

— איר גלייבט, אַז מיר דאַרפן אַלץ אַוועקגעבן און אַריין אין אַן עלטערהויז?

— דאָס קען איך קיינער נישט ראָטן. דאָס דאַרפט איר אַליין באַשליסן.

— האָבן מיר דאָך נישט קיין מוט דאָס טאָן, און אַזוי ווי מיר לעבן איז שוין טאַקע ווי פייגל זאָגט...

— יונגער־מאַן! האָט זיך פייגל אַריינגעמישט.

— ווער? איך? איך בין דאָך 76, אַ שיינער יונגער־מאַן...

— ביז 120.

— פאַר וואָס ווינטשט איר מיר אַזוי פיל יאָרן. איר זעט דאָך אַליין ווי שווער עס זיינען די עלטערע יאָרן.

— ריכטיק. ס׳ווענדט זיך אָבער אָן דער סיטואַציע. מיר לעבן נישט. מיר מוטשען זיך. גיין איינקויפן איז אַן אָפּקומעניש. עפּעס אָפּקאָכן איז אַן אָפּקומעניש. די מורא מען זאָל אונדז באַפאַלן... וואָס איז דער ציל פון מאַטערן זיך. וואָס ווילן מיר דערגרייכן? נאָך אַ יאָר?

— פאַר וואָס זשע ווינטשט איר מיר אַזוי פיל יאָרן, ווייסנדיק ווי ביטער זיי זיינען?

— איר זייט גערעכט, נאָר עס איז נאָך אַלץ בעסער צו לעבן מיט די אַלע שוועריקייטן איידער צו שטאַרבן. עפּעס איז דאָ אין מענטשן, וואָס ציט אים צום לעבן, נאָר אין מאָמענטן פון פּסיכישער צעטרייסלונג קען אַ מענטש ברענגען אויף זיך דעם טויט.

— וואָלט איר געגלייבט אַז די צוויי שאַרבנס האָבן זיך אַ מאָל געליבט, זיך געהאַלדזט און געקושט? נאָך היינט — לאַכט נישט, נאָך היינט האָב איך ליב זיך צוטוליען צו מיין ווייב און זי אַ קוש טאָן. ס׳האָט זיך אויסגעלאָשן דער דראַנג, עס איז אָבער געבליבן די ליבשאַפט. היינט זיינען מיר ווי איין מענטש, נאָר וואָס וועט זיין ווען עס וועט

בלייבן בלויז איינער פון אונדז? דאָס וויל איך נישט דערלעבן...

פייגל האָט זיך צוגעהערט צו איר מאַנס רייד און אַ זאָג געטאָן:

— דאָס וויל איך אויך נישט דערלעבן... איך זע, אַז אייך אינטערעסירן אונדזערע מעשׂיות, אונדזערע זכרונות. טאָ לאָזט מיר אייך דערציילן עטלעכע עפּיזאָדן פון אונדזער לעבן. איר ווייסט וויפל יאָר איך קען שוין מיין מאַן? פינף און זעכציק יאָר. איך געדענק נאָך אונדזערע ערשטע ליבעטעג. אָט וועל איך אייך דערציילן וועגן יענע טעג, ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהייבן.

— האָב געדולד, וועסט נאָך דערציילן. לאָז מיר עפּעס זאָגן דעם ייִדן! מיין ווייב רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. זי רעדט צו זיך אַליין... לאָזט מיר נישט אויסריידן אַ וואָרט. איך בעט זיך ביי איר: הער אויף מיט דיין שטאַרב־פילאָסאָפיע, איך וויל דאָס נישט הערן. איך וויל לעבן, אין דער היים אָדער אין אַ מושב־זקנים. לעבן איז דאָך אַ דערגרייכונג, אַן אויפטו פאַר זיך גופא. איך האָב פיינט דעם מלאך־המות און וועל לעבן אַזוי לאַנג ווי איך וועל קענען.

— טאָ פאַר וואָס דערשרעקסטו זיך אַזוי, ווען איך זאָג דיר אַז איך גיי אויס...

— דאָס איז אין גאַנצן אַן אַנדער זאַך. איך דערשרעק זיך פאַרן בלייבן אַליין. איך דערשרעק זיך פאַרן אומעט פון איינזאַמקייט. איך בין דאָך אַ לא־יוצלח. איך קען דאָך נישט מאַכן אַפילו אַ טעפּעלע קאַווע. דאָס איז די שרעק פאַר איינזאַמקייט. מיר זיינען דאָך ווי איין מענטש, כאָטש מיר טראַכטן אַזוי פאַרשיידן. דו אַליין רעדסט וועגן טויט, ווען דו ביסט פאַרביטערט פון שווערן לעבן, מיט אונדזער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס די עלטער ברענגט. אָבער דו ווילסט לעבן. אין מענטשן איז פאַראַן אַזאַ פייערל, וואָס ציט צו לעבן. דעם טויט וועלן מיר נישט פאַרשפּעטיקן.

פייגל האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— האַלט זיך מיט דיין פילאָסאָפיע פון לעבן. נאָר ווען דו גייסט אַוועק עפּעס קויפן — לאָז מיר נישט וואַרטן אַזוי לאַנג. מיר זיינען דאָך, זאָגסטו, אַזוי ווי איין מענטש — אַז אַ האַלבער פון דעם מענטש איז אין געפאַר, צאַפּלט זיך די צווייטע העלפט פאַר שרעק...

— פֿאַר וואָס דערמאָנסטו זיך נישט ווי מיר האָבן זיך ליב געהאַט — האָט שמואל אַ זאָג געטאָן. ווי מיר האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט. ווי מיר האָבן באַוואונדערט איינער דעם צווייטן.

— מיר האָבן נישט געהאַט קיין גוט לעבן צוליב אונדזער בענקשאַפט נאָך אַ קינד. היינט ווייסן מיר אַז עס איז געווען אַ באַרעכטיקטע בענקשאַפט. אפשר, ווען מיר האָבן קינדער, וואָלטן מיר זיך נישט געפֿילט אַזוי איינזאַם, אַזוי עלנט. אין דער לעצטער דירה פֿון דעם הויז וווינט אַ פּאָרפֿאָלק, עלטערע פֿון אונדז. אַלע דינסטיק קומט זייערע אַ טאָכטער און נעמט זיי איינקויפֿן אין „פּובליקס" (אַ שפּייזקראַם). איך מוז זיך מודה זיין אַז איך בין זיי מקנא.

— אַ סך מאָל וואַרפֿסטו מיר פֿאָר, אַז איך דערמאָן זיך נאָר ביטערע עפּיזאָדן פֿון אונדזער לעבן. דאָס איז נישט ריכטיק. פֿאַראַן איבערלעבונגען וואָס פֿאַרגעסן זיך קיין מאָל נישט. אָט וועל איך אייך דערציילן אַן עפּיזאָד פֿון פֿינף און זעכציק יאָר צוריק. שמואל האָט געלערנט ביי אנח דעם מלמד. זיין חדר איז געווען דער בעסטער אין שטעטל. איך האָב געלערנט אין דער תרבות־שולע. מיר האָבן געוווינט ווייט איינער פֿון צווייטן. שמואלס טאַטע איז געווען אַ מילנער. דערפֿאַר איז טאַקע זיין פֿאַמיליע־נאָמען מילנער. זיי האָבן געוווינט אויף אַ בערגל, נישט ווייט פֿון זייער ווינטמיל, און מיר האָבן געוווינט אויפֿן אַלטן מאַרק. אין פּראָנט פֿון אונדזער שטוב איז געווען אַ קראָם וווּ מיין טאַטע האָט געהאַט אַ יאַטקע. איך ווייס גאָרנישט ווי אַזוי מיר האָבן זיך באַקאַנט און אָנגעהויבן זיך צו טרעפֿן. איין מאָל האָבן מיר שפּאַצירנדיק זיך דערשלעפּט צום קאַפּליצע־באַרג. דאָרט איז געשטאַנען אַ קליין מייערל און אינעווייניק אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ בילד פֿון יעזוסן. פֿון דעם באַרג האָט מען געזען אויף מיילן ווייט, צעאַקערטע פֿעלדער און זאַגאָנעס, פֿאַרשיידענע געוויקסן מיט פֿאַרשיידענע קאָלירן, גרינע פֿעלדער, וועלדער וואָס האָבן זיך געהויבן צו די הימלען; אַ לאַנגן שאָסיי, וואָס האָט זיך ווי אַ שלאַנג געצויגן צו פֿאַרשיידענע שטעטלעך. פֿון באַרג האָט מען געזען דעם טייך, די באָברע, וואָס האָט ווי דריי גיגאַנטישע צווייגן פֿון אַ בוים זיך צוריק צונויפֿגעגאָסן אין איין ברייטן טייך. פֿון באַרג האָט מען געזען דעם וואַלד פֿון ווייסע

בעריאָזעס לעבן דעם דאָרף ווילקע. איבער די זאַמדיקע וועגן זיינען געפאָרן פויערישע פורן. אַלץ האָט זיך ביים האָריזאָנט צונויפגעגאָסן מיטן בלויען הימל. אַ שאָד וואָס וואָן גאָג האָט נישט געלעבט אין אונדזער באַרגיק שטעטל, מיט זיין פּאַנאָראַמע. די מאָלערישע קונסט וואָלט געווען רייכער. איך בענק נאָך מיין היים. איך בענק נאָך יענעם זונפאַרגאַנג, כאָטש איך האָב פיינט פוילן וואָס האָט אַזוי אַכזריותדיק באַהאַנדלט ייִדן.

מיר האָבן זיך געזעצט אויפן גרינעם גראָז און גערעדט. שמואל האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און מיך געגעבן אַ קוש. ס׳האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. איך האָב אַ טראַכט געטאָן אַז עפּעס האָט ער געטאָן אַ שלעכטע זאַך. איך האָב זיך אָבער נישט אָפּגערוקט. איך בין דאָן אַלט געווען פערצן אָדער פופצן יאָר. ער איז געווען אַ סך עלטער פון מיר. ס׳איז געווען אַ ווונדערלעך שיינער פאַרנאַכט. אַזאַ כּישופדיקן זונפאַרגאַנג זעט מען נאָר פון אַ באַרג. פלוצלינג איז די זון אַראָפּגעפאַלן פון האָריזאָנט און ס׳איז געוואָרן פינצטער. דער הימל אויסגעשטערנט, אַ שטילקייט האָט געהערשט. מיר האָבן געשוויגן. שמואל האָט מיך געגלעט מיט זיינע פינגער. ער האָט מיך איבער אַ נייעס געגעבן אַ קוש. אַ וואַרעמער שטראָם האָט זיך אַ טראָג געטאָן דורך מיין בלוט, ווי נאָך קיין מאָל נישט. איך האָב דערפילט אַ פאַרלאַנג און נישט געוווּסט וואָס איך וויל. אַ געדאַנק האָט אַ שלאָג געטאָן. זאָל ער טאָן וואָס ער וויל, אָבער שמואל האָט געטראַכט אַנדערש.

— איר האָט מיר דערציילט אַן עפּיזאָד פון מיין אייגענעם לעבן, אַ זייער ענלעכן עפּיזאָד. אָבער מיין עפּיזאָד האָט זיך שוין געענדיקט... נישטאָ. נישט נאָר איז די דערמאָנונג אַן אינטערעסאַנטע, נאָר איר האָט דאָס דערציילט זייער שיין. דערציילט נאָך עפּעס.

— אַ דאַנק! איר זייט אַ געדולדיקער מענטש. אפשר וועט איר טרינקען אַ קאַווע?

— ניין! מען דאַרף נישט. איך האָב געגעסן פרישטיק. דערציילט נאָך עפּעס...

— וועל איך אייך דערציילן נאָך אַן עפּיזאָד פון מיין לעבן. ס׳האָבן זיך באַוויזן קאַרבן אויף פייגלס שטערן. מען האָט געזען אַז

זי שטרענגט זיך אָן אַרויסצובערענגען עפּעס טיף אינערלעכעס.

— אַז איר וועט קומען נאָך אַ מאָל וועל איך אייך דערציילן נאָך מעשיות. היינט צו טאָג ווערט נאָך שמואל אייפּערזיכטיק, ווען איך דערמאָן אונדזער שכן אַהרן. איך זע איר ווילט וויסן ווער איז אַהרן, וואָס ביז היינט קען שמואל נישט הערן זיין נאָמען, וועל איך אייך דערציילן:

— ס'איז שוין געווען עטלעכע יאָר נאָך אונדזער חתונה. איך האָב שוין געוווסט אַז קיין קינדער וועלן מיר נישט האָבן. אַהרן האָט געוווינט נישט ווייט פון אונדזער שפּייזקראָם אויף אַ גאַס אין ברוקלין. זיין פרוי האָט געליטן אויף די פיס. זי האָט כמעט ווי נישט געקענט גיין. פלעגט אַהרן אַריינקומען אַלע טאָג איינקויפן עטלעכע אַרטיקלען וואָס זיין ווייב פלעגט באַשטעלן. אַהרן איז געווען אַ שלאַנקער יונגער־מאַן, מיט קלוגע אויגן און אַ שמייכלענדיקן פּנים, שטענדיק פיין אָנגעטאָן. פון פאַך איז ער געווען אַ ציין־טעכניקער. אַז איך פלעג אים דערזען, פלעגט זיך צאַפּלען דאָס האַרץ אין מיר. איך האָב נישט געוווסט פאַר וואָס. איך פלעג גלייך צוגיין אים באַדינען. איך האָב געוואָלט ער זאָל וויסן, אָדער דערפילן, אַז ער איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אַז מען וואַרט אויף אים... איין מאָל איז אַהרן אַריינגעקומען ביי טאָג. ווייזט אויס אַז ער איז געקומען פריִער פון דער אַרבעט. אין קראָם האָט זיך אויסגעברענט איינער פון די צוויי עלעקטרישע לאָמפּן.

— אַהרן, האָב איך מיט אַ ווייכן קול געזאָגט, — איר ווילט מיר טאָן אַ טובה, אויפן דעק פון דער פּאָליצע ליגן עלעקטרישע לעמפּלעך. נעמט מיר אַראָפּ איינעם, אַ גרעסערן.

אַהרן האָט זיך פלינק אַרויפגעשטעלט אויפן טומבאַנק און געפונען דעם לאָמפּ.

— זייט פאָרזיכטיק, שפּרינגט נישט אַראָפּ! איך בין צוגעגאַנגען און אים אויסגעשטרעקט די האַנט, אים צו העלפן אַראָפּגיין.

אַהרן האָט אַ שפּרונג געטאָן און זיינע הענט זיינען געפאַלן פּונקט ווו ער האָט געוואָלט... ער האָט מיך אַרומגענומען און שטאַרק געדריקט צו זיך. איך האָב אים אָנגעקוקט און שטאַרק געשמייכלט.

— אַהרן, מיין מאַן וועט אַריינקומען וועט ער מיך אָפּגטן.

אַ קונה איז אַריינגעקומען און איבערגעשלאָגן די אָנגענעמע מינוטן. אַהרן האָט איבערגעוואָרט ביז דער קונה איז אַוועק. ער איז צוגעקומען צו מיר, מיך נאָך אַ מאָל אַרומגענומען און געקושט. ער האָט געוואָלט נאָך מער... איך בין געוואָרן נערוועז און זיך צעשריען.

אַהרן איז צו אונדז אין קראָם מער נישט געקומען. איך האָב דערפילט אַ בענקשאַפט נאָך אים. איך פלעג אַרויסקוקן צום גאַס און געוואָלט אים זען. איין מאָל האָב איך אים באַמערקט און אַ רוף געטאָן: אַהרן! ער איז צוגעקומען.

— אַהרן, פאַר וואָס קומט איר נישט?

— איר האָט געענוג קונים אָן מיר...

ס'איז מיר געוואָרן קאַלט אויף דער נשמה. ער האָט געמיינט, אַז איך רוף אים ווייל איך וויל אים פאַר אַ קונה.

— אָבער נאָך אייך בענק איך.

אַהרן האָט געביטן זיין שטים. עפּעס האָט ער דערפילט...

— אַ דאַנק, פייגל, איר געדענקט וואָס איר האָט מיר געזאָגט?

— איך געדענק זייער גוט. איך האָב דאָס נישט געוואָלט זאָגן... איך האָב שוין וועגן דעם אַ סך מאָל געטראַכט און אין געדאַנק זיך אַנטשולדיקט פאַר אייך...

איך בין אַוועק הינטערן טומבאַנק און טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער מיין פּנים. איך האָב דערפילט אַז איך האָב אַהרנען ליב.

— דעם עפּיזאָד האָסטו געמעגט לאָזן פאַר אַ צווייטער געלעגנהייט, — האָט שמואל אַ ברום געטאָן מיט כּעס, — דו מיינסט אַז אַלץ דאַרף מען דערציילן...

— אַלע יאָרן האָסטו מיך חושד געווען אַז איך האָב פאַרבראַכט מיט אַהרנען און דאָס איז נישט אמת. האָב איך געוואָלט איין מאָל דיר זאָגן, אַז דו האָסט מיך אומזיסט חושד געווען...

— אָבער דער פאַקט איז אַז אַהרנען האָסטו ליב געהאַט.

— איך האָב דאָס קיין מאָל נישט פאַרלייקנט... — ווי איז אייער נאָמען? — האָט פייגל מיך געפרעגט.

— שמעון.

— רב שמעון, — האָט פייגל איבערגעחזרט דעם נאָמען לאַנגזאַם — אַז איר וועט האָבן אַ מעגלעכקייט, קומט אַריבער. מיר האָבן דאָך נישט מיט וועמען צו רעדן. ס'גייען פאַרביי טעג און מען הערט נישט קיין קלאַנג פון קיין וואָרט ביי אונדז. אַזוי ווי איר האָט שמואלן היינט באַגעגנט אַ רעדעוודיקן אַזוי שווייגט ער אָפּ גאַנצענע טעג. וואָס האָבן מיר צו זאָגן איינער דעם צווייטן. איך וועל אייך דערציילן מעשיות וואָס איר האָט נאָך נישט געהערט. נישטאָ צו וועמען צו רעדן. זיצן מיר און שווייגן, און וואַרטן...

— אויף וועמען וואַרט איר ?

— אויף... מיר וואַרטן. פאַראַן טעג, ווען מיר דערפילן די נאָענטקייט פון סוף, האָט שמואל אַ זאָג געטאָן, — ס'פאַלט אָן אַ פאַרלאַנג זיך צו זעגענען. מיר ווייסן דאָך אַז אַ געוויסער טאָג וועט אונדז צעשיידן. צעשיידן אָן אַנגעקליבענע ליבשאַפט פון צענדליקער יאָרן. אונדזערע לעבנס האָבן זיך דאָך אַזוי צוזאַמענגעגאָסן, אַז מיר זיינען ווי איינער. נאָר דער טויט קען אונדז אָפּטיילן. און דאָך זיינען די געדאַנקען פאַרשידן. יעדערער טראַכט אויף זיין אופן. מיר האָבן נישט קיין מורא פאַרן שטאַרבן. וואָס עס באַאומרויקט, איז לאָזן דעם צווייטן אַליין.

פייגלס מעשיות האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך האָב אין יענעם מאָמענט געטראַכט וועגן קומען זיי באַזוכן. אָבער איין זאַך איז וואָס אַ מענטש טראַכט, און אַ צווייטע זאַך איז, וואָס דער מענטש טוט. ס'זיינען אַריבער אַ סך חדשים און איך בין נישט געגאַנגען זען מיינע נייע פריינד. איין טאָג האָט מיר אַ צי געטאָן דאָס האַרץ. איך האָב זיך דערמאָנט אָן די מעשיות, וואָס פייגל האָט מיר צוגעזאָגט צו דערציילן. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי שמואל פאַרטיידיקט זיין לעבנס-פילאָסאָפיע און בין אַוועק זיי זען. איך האָב געדענקט, אַז זייער טיר איז אַנטקעגן דעם אַוואָקאַדאָ-בוים. ביים טיר איז געזעסן אַ פרוי.

— וועמען זוכט איר ?

— די שכנים וואָס האָבן דאָ געוווינט.

— די מילנערס ? פייגלען ? שמואל איז שוין נישטאָ. פייגל איז

אין אַן עלטערהויז. איך האָב געוווינט אין דער לעצטער דירה, אַ פּוסטע, אָן מעבל. פייגל האָט מיר אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס זי האָט געהאַט. האָב איך זיך איבערגעקליבן אַהער. איך האָב אָבער פאַרלאָרן מיין שפּייזערקע. זי פלעגט מיר אַלע מאָל ברענגען פון שפּייזקראָם אַלץ וואָס איך האָב געדאַרפט. איך קען נישט גיין. איך זע דאָך נישט. אַ טייערע נשמה פייגל. אַ קלוגע. זי האָט אַן אייזערנעם זכרון. זי געדענקט איר גאַנץ לעבן, פון קינדווייז אָן. איך בין געבליבן אָן אַ מאַמען, אָן אַ שוועסטער. פאַרגעסן דעם נאָמען פון עלטערהויז. ווי איז אייער נאָמען?

— שמעון!

— שמעון, פייגל האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב איר וועט קומען זאָל איך אייך געבן דעם נאָמען פון עלטערהויז. האָב איך אָבער פאַרגעסן. איך האָב זי ליב פייגלען... אַ גאָלדענער מענטש...

—איך וועל אייך געבן מיין טעלעפאָן — אויב איר וועט זיך דערמאָנען דעם נאָמען פון עלטערהויז, אָדער זי וועט צו אייך קלינגען.

— איך קען אייך נישט אָנרופן, איך זע נישט די נומערן פון טעלעפאָן. אפשר וועל איך בעטן מיין שכנה. זי האָט אַ טעלעפאָן, אָבער... זי האָט נישט ליב...

— שמעון, איך שעם זיך אייך צו זאָגן. זי האָט מיר געבעטן איך זאָל אייך געבן אַ קוש.

איך האָב זיך דערנענטערט צום שטול, אַראָפּגענידערט מיין קאָפּ און געקראָגן אַ קוש.

ווי קוקט אויס די וועלט

אין זאַל ביים פּראָפעסאָר בערנאַרד מאַלאַך האָט זיך געפירט אַ פיבערהאַפטער שמועס.

דער פּראָפעסאָר איז געזעסן אין אַ ברוינעם פאָטעל, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, ביי דער זייט זיינען, אויף דער סאַמעטענער סאָפקע, געזעסן דריי געסט. אויף דער צווייטער זייט זיינען, אויף שטולן, געזעסן נאָך צוויי געסט. איין שטול איז געשטאַנען אַ ליידיקער.

מאַלאַכס הויז האָט געהאַט אַ צוציִונגס־קראַפט. די פּראָפעסאָרן פון נאָענטן אוניווערסיטעט האָבן ליב געהאַט אַהין אַריינצוקומען. די שמועסן זיינען געווען אינטערעסאַנטע און זיך באַצויגן צו אַקטועלע פּראָבלעמען. די מאַלאַכס זיינען פריינדלעכע גאַסטגעבערס. די געסט האָבן זיך געפילט באַקוועם. אַ דינע איידלקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויפן פּראָפעסאָר מאַלאַכס הויז. דער פּראָפעסאָר מאַלאַך האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ קלוגן מענטשן. איז טאַקע געווען אָנגענעם צו פאַרברענגען מיט אייגענע מענטשן. די מאַלאַכס — סיי דער פּראָפעסאָר, סיי זיין פרוי זיינען שוין אַריבער־געטראָטן די פופציקער. זיי האָבן אָבער אויסגעזען יונגע. אַן אַריסטאָקראַ־טישקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף דעם פאָרפאָלק. אַ נאַטירלעכע, נישט קיין געמאַכטע.

דער פּראָפעסאָר מאַלאַך האָט דעם אָוונט גערעדט מיט פאַרביטערניש. עפּעס האָט שווער געדריקט אויף זיין געמיט . . .

— מיר לעבן אין אַ ביטערער תקופה, איר ווייסט וואָס דאָס באַדייט, אַז אַ סאָלדאַט, נישט קיין אונטערשייד פון וואָס פאַר אַ מיליטערישן ראַנג, זאָל הייסן אַראָפּשיסן אַ ציווילן עראָפּלאַן, וואָס איז געפלויגן קיין דרום־קאָרייע, ווייל דער עראָפּלאַן האָט זיך אָפּגענייגט פון זיין אָנגעצייכנטן וועג. מיטן עראָפּלאַן זיינען געפאָרן 269 ציווילע מענטשן. צי באַגרייפט איר דעם באַדייט פון דעם מאַסנמאָרד ? דער חשד אַז דער עראָפּלאַן האָט שפּיאָנירט איז דאָך אַן אויסרייד. דער פאַקט איז, אַז דער מענטש וואָס

האָט געגעבן די פֿאַראָרדענונג האָט קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט 269 מענטשן און פֿאַריתומט טויזנטער אַנדערע. מיר לעבן אין אַ מאָרדעפּאָכע...

פּראָפֿעסאָר בעלט, װאָס האָט געקוקט אויפֿן הילצערנעם שטײַיקן זייגער ביי דער מיזרח־װאַנט, האָט זיך אויסגעגלייכט און אַ זאָג געטאָן:

— צו מאָלן אַ בילד, װי ס׳קוקט אויס אונדזער עפּאָכע, דערלויבט מיר צו ברענגען נאָך איין ביישפּיל: דאָס אַרײַנפֿאָרן מיט אַ פֿולן אויטאָ דינאַמיט אין די אַמעריקאַנער קאַזאַרמעס אין ביירוט און דערהרגענען 218 יונגע מענטשן האָט דען אַ פֿאַרענטפֿערונג? דאָס זיינען דאָך די זעלביקע אַמעריקאַנער װאָס האָבן געצילט צו פֿאַרמיידן די בלוט־פֿאַר־גיסונגען צווישן ברידער פֿון איין פֿאָלק. נישט איינער, אָדער צוויי זעלבסטמערדערס האָבן דאָס געטאָן, דאָס האָט דאָך באַשטימט און צוגעגרייט אַ פּאַרטיי, אַ פֿאַנאַטישע סעקטע װאָס קעמפֿט אין נאָמען פֿון איר גאָט. די מענטשן זיינען דאָך נידעריקע חיות, מען װעט נאָך די מערדערס דערקלערן פֿאַר מאַרטירערס. ס׳איז שווער צו פֿאַרשטיין צו װאָס דער מענטש האָט זיך דערקייקלט.

— נו און די פֿאַרצויגענע פֿינף־יאָריקע מלחמה צווישן איראַן און איראַק איז אַ בעסערע דערשיינונג? די איראַנער קומען אויך אום מיטן גלויבן אַז זיי גייען אין גן־עדן.

— די מלחמה אינטערעסירט מיך ווינציק, אַזוי לאַנג ווי זי האָט געמאַכט ביליקער גאַזאָלין, האָט זיך אַריינגעמישט אַ צווייטער גאַסט.

— לאָז צו רו מיט דיין ציניזם, מיר רעדן ווי ס׳קוקט אויס די וועלט, אין װעלכער מיר לעבן און דו קומסט מיט דיין ציניִשן צוגאַנג.

— דאָס איז דאָך נאָר אַ שאָטן פֿון דעם װאָס ס׳קומט פֿאָר אויף דער וועלט. גיט אַ קוק װאָס עס געשעט אין אַפֿגאַניסטאַן. דער מאַסנמאָרד ווערט דאָרט אויסגעפֿירט פֿון אַ לאַנד װאָס האָט צוגעזאָגט צו באַפֿרייען די וועלט פֿון הונגער און מלחמות. אַ שיינער פּאַראַדאָקס, דערווייל הרגעט מען אויס טויזנטער מענטשן.

די געסט װאָס האָבן געפֿירט דעם שמועס זיינען שכנים, װעלכע ווינען נאָענט פֿון פּראָפֿעסאָר מאַלאַכס ברוין־געפֿאַרבטן הויז. אַלע זיינען פּראָ־פֿעסאָרן אויף פֿאַרשיידענע פֿאַקולטעטן אין נאָענטן אוניווערסיטעט.

— רעגאַן און גאָרבאַטשאָוו — האָט פּראָפעסאָר בעלט ווייטער געזאָגט — רעדן וועגן שלום, אָבער דערווייל גייט נישט אַוועק אײן טאָג אָן מלחמות. אין אַפגאַניסטאַן קעמפט דאָס פאָלק אַרויסצושטויסן די סאָוועטישע באַהערשערס פון זייער לאַנד. אין לבנון רייסט אויף אַן אויטאָמאָביל־,,באָמבע" אָנגעפּאַקט מיט דינאַמיט. ס'ווערן דערהרגעט מענטשן, הונדערטער פאַרוואונדעט, פון די פאַרוואונדעטע וועלן אַ סך שטאַרבן און אַנדערע וועלן בלייבן קאַליקעס. אויף זייער גאַנצן לעבן. אין תּימן קעמפן פאַר דער מאַכט צוויי קאָמוניסטישע טענדענצן. פאַרשטייט זיך, אַז זיגן וועלן די וואָס די סאָוועטן האַלטן אונטער.

— דאָס אַלץ איז ריכטיק. ס'איז אָבער נאָר אַ שאָטן פון דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. רעכנט צו וואָס עס געשעט אין דרום־אַפריקע, אין אַנגאָלאַ, אין מאָזאַמביק, אין עטיאָפּיע, — אָבער אונדז האָט אויפגעשוידערט די טראַגעדיע פון דער קאָסמאָסשיף, פון ,,טשאַלענדזשער". אַזאַ צוטרוי ווי אונדזערע וויסנשאַפטלערס האָבן געהאַט צו דער אויס־געבויטער מאַשין — און פּלוצלינג אַזאַ אַנטוישונג. זיבן געוואָגטע מענטשן זיינען אומגעקומען, צעשטערט די אַרבעט פון יאָרן.

פּראָפעסאָר וואַקס איז געזעסן און באַטראַכט די שיינע צייכענונג אויפן פּאַפּיר וואָס האָט באַדעקט די ווענט פון זאַל. אַ וווּנדערלעך שיינע צייכענונג אין זילבער און גאָלדקאָלירן. ער האָט זיך אָבער אויפמערקזאַם צוגעהערט צום שמועס וואָס האָט אים געמאַכט אומרויִק. ער האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן מיט אַ געשטיקטן קול:

— מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט צו די טאָג־טעגלעכע מלחמה־טראַגעדיעס אַז מיר רעדן וועגן זיי טרוקן און קאַלט. אין אַפריקע זיינען אומגעקומען אַזוי פיל. אין ביירוט זיינען אומגעקומען אַזוי פיל. פון דער ערד־ציטערניש אין מעקסיקע זיינען אומגעקומען אַכט טויזנט. אין ווולקאַן־אויסבראָך אין קאָלאָמביע זיינען אומגעקומען 20 טויזנט, אָבער די טראַגע־דיע פון ,,טשאַלענדזשער" שטייגט איבער אַלע טראַגישע איבערלעבענישן. דאָס איז דאָך אונדזער אייגענע שולד. מיר האָבן עפּעס פאַרזען. מיר זיינען געוואָרן צו זיכער אין זיך. צי קען מען זיך פאָרשטעלן די גסיסה־מאָמענטן פון די זיבן מוטיקע מענטשן? זיי זיינען דאָך אַלע געווען ביי זייערע

פולע געדאַנקען, און זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז זיי קומען אום. אפשר האָט זיך ביי זיי פאַרוואַלגערט אַ האָפענונג, אַז מען וועט זיי ראַטעווען. אָבער דאָ, אויף דער ערד, זיינען מיר געווען פאַרווונדערט איבער דעם געשעעניש און אַפילו נישט געטראַכט, נישט געגלייבט אַז מען קען עפעס טאָן. וואָס פאַר אַ טרויעריקע איבערלעבונג, — וואָס פאַר אַ טרויעריקע אומבאַהאָלפנקייט אַנטקעגן דעם טראַגישן צופאַל! אַזוי קוקט אויס די וויסנשאַפט אַנטקעגן דעם אומפאָרויסגעזעענעם. די גאַנצע קאָמפּיוטער־וויסנשאַפט איז דאָך געשטעלט געוואָרן אין צווייפל. אויב מען האָט נישט געקענט פאָרויסזען, אַז די רוימשיף וואָס האָט געקאָסט ביליאָנען און געמאַכט אַזוי פיל געלונגענע רייזעס האָט אַ קאָנסטרוקטיוון פעלער וואָס קען צו נישט מאַכן דעם גאַנצן פּאַרמעסט. יעדע קלייניקייט קען דאָך זיין אַ מניעה און צעשטערן דעם פּאַרמעסט.

פּראָפעסאָר וואַקס האָט אַ שאַר געטאָן מיטן פוס איבער די אָרנאַמענטן פון דער צעראַמישער פּאָדלאָגע, ווי ער וואָלט געוואָלט מיטן שאַר אָפּשטעלן זיין אומרו.

פּראָפעסאָר מאַלאַך האָט צוגעגעבן: מיליאָנען מענטשן האָבן מיט האַרצקלאַפעניש באַגלייט די שיף און די אַסטראָנויטן. דאָס איז דאָך ערגער ווי אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע. איך גלייב אַז מיר פילן זייער טיף אונדזער אייגענע שולד. מיר האָבן דאָך דאָס אַליין געבויט... מיר האָבן דאָך נישט דערזען די געפאַר. יעדער מאָל וואָס די שיף איז צוריקגעקומען האָבן הונדערט מיליאָן הערצער געצאַפּלט פאַר פרייד. איצט שטייען טרערן אין אונדזערע אויגן. אַ גרויסער שאָדן. אַ שאָדן וואָס וועט לאַנג ווירקן אויף אונדזער געמיט. צו פיל זיכערקייט האָבן מיר געהאַט... צענדליקער מיליאָנען מענטשן האָבן באַגלייט דעם אַרויספלי אין די רוימען, צו ווייזן אונדזערע דערגרייכונגען.

— און איך בין זיכער — האָט פּראָפעסאָר גליקמאַן, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, זיך אויפגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן: איך בין זיכער, אַז מיר וועלן איבער אַ נייעס אויפבויען אַ „טשאַלענדזשער" וואָס וועט ווייטער פליען אין די רוימען. אַלע מענטשלעכע פּאָרויסגאַנג האָבן געפאָדערט קרבנות. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אַז די סאָוועטן האָבן נישט

באַוויזן אויפצובויען אַזאַ רוימשוף ווי דער טשאַלענדזשער, וואָס האָט געדאַרפט ווידער פליִען אין די רוימען נאָך היינטיקס יאָר, מיט פּראַקטישע פּאָרש־אויפגאַבעס, צו פאַרבעסערן די קאָמוניקאַציע און איינשטעלן אַ פעסטע סטאַנציע אין די רוימען, און טאַקע וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

— דו מיינסט אַז דאָס שטערן־געוועך וואָס מיר פאָרשן און גרייטן וועלן אַראָפּשיסן נאָך דעם שונאס ראַקעטן ? זיי וועלן אָפּט פאַרבלאָנדזשען און אַראָפּשיסן אונדזערע אייגענע מיליטערישע עראָפּלאַנען און פאַרלענדן יונגע לעבנס. אַז מען שפּילט זיך מיט פייער ברענט מען זיך אַליין אויך אָפּ. איך בין דערשיטערט פון אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן. דאָס זיינען קרבנות אויפן מיזבח פון אונדזערע פאָרשונגען צו פאַרשטיין די סודות פון דער וועלט. פריִער האָבן מיר געפלאָנט צו דערגרייכן די לבנה. איצט קוקט דאָס אונדז אויס נאָענט. איצט פאַרמעסטן מיר זיך צו דערגרייכן די שטערן. אונדזער פאָלק טרויערט אויף דער גרויסער אבדה פון זיבן מוטיקע העלדן, און אויף דער פאַרזאַמונג וואָס דאָס וועט ברענגען פאַר אונדזערע ווייטערדיקע פלענער.

ס׳איז אַריינגעקומען פּראָפעסאָר שטאַמלער. ער איז געקומען פון אַ צווייטן שטעטל זיך צורכצוריידן מיטן פּראָפעסאָר מאַלאַך וועגן פּראָבלעמען פון מעדיציניש פאַקולטעט. געהערט מען רעדט וועגן דער טראַגעדיע פון טשאַלענדזשער, האָט ער גלייך נאָכן באַגריסן די אָנוועזנדיקע אַ זאָג געטאָן :

— אַ גרויסער שאָדן, מענטשלעכע לעבנס, זיי האָבן געגלייבט אין דער וויסנשאַפט. זיי האָבן נישט דערוואַרט אַזאַ טראַגישן אויסגאַנג. די קאַטאַסטראָפע וועט ווירקן אויפן געמיט פון די קומענדיקע דורות. אַזעלכע טראַגעדיעס פאַרגעסן זיך נישט. — פּראָפעסאָר שטאַמלער האָט פאַרנומען דעם ליידיקן שטול.

פּראָפעסאָר בעלט האָט אַ פאַרטראַכטער פאַרהערט די לעצטע רייד און האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן :

— ס׳איז נישט דעם ערשטן מאָל וואָס אונדזער לאַנד איז אויסגעשטעלט אויף שווערע נסיונות און איז געשטויסן געוואָרן דורך משוגענע פאַנאַטיקערס אויף פאַלשע וועגן. צי ווייסט איר נישט אַז דער מאָרד פון

דזשעק קענעדי דורך לי אָסוואַלד האָט געעפנט די טירן פון ווייסן הויז פאַר לינדאָן דזשאָנסאָן. איך ספק צי לינדאָן דזשאָנסאָן וואָלט געווען פּרעזידענט פון אַמעריקע ווען נישט דער מאָרד פון דזשאָן קענעדי. צי ווייסט איר נישט אַז די קויל פון אַ צווייטן פאַנאַטיקער, וואָס האָט אומגעבראַכט ראָבערט קענעדי האָט געענדערט דעם היסטאָרישן גאַנג פון אַמעריקע און געפירט צו דער פּרעזידענטשאַפט פון ריטשאַרד ניקסאָן. די היסטאָריע פון אַמעריקע איז אַ סך מאָל באַאיינפלוסט געוואָרן דורך די קוילן פון פאַנאַטישע משוגעים.

פּראָפעסאָר בעלט האָט זיך געפילט זייער צופרידן מיט זיין דערקלערונג.

עס האָט זיך געפילט אַ טיפער אומעט. אַלע פּנימער זיינען געווען אָנגעשטרענגט. ס'איז אַריינגעקומען די בעל־הביתטע און געבראַכט אויף אַ טאַץ זיסוואַרג.

— איר וועט טרינקען קאַווע.

— ניין, מען דאַרף ניט.

— פאַר וואָס ? מען דאַרף יע !

— מיר אָן קאַפעין. קאַווע לאָזט מיך נישט שלאָפן...

— איך נוץ נאָר קאַפעינלאָזע. איך האָב גאָרנישט קיין נאָרמאַלע קאַווע. דער פּראָפעסאָר מאַלאַך טרינקט עס נישט.

די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען ברענגען דעם כּיבוד.

— איר האָט געהערט דעם פּרעזידענטס רעדע — ער וויל איבער־ציינגן דאָס פאָלק אַז זיין בודזשעט פאַר באַוואָפענונג איז אַ באַרעכטיקטער. איך קען אָבער נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט און זיינע יועצים באַגרייפן נישט, אַז וואָס מער ער וועט סטראַשען און וואָרענען סאָוועט־רוסלאַנד מיט פאַרשטאַרקן דעם אַמעריקאַנער אַרסענאַל, אַלץ מער וועט דאָס באַוועגן סאָוועט־רוסלאַנד צו פאַרשטאַרקן איר מיליטערישע באַוואָפענונג. איך זאָג נישט מיר זאָלן זיך נישט באַוואָפענען, — וואָס שטאַרקער אַמעריקע וועט זיין, אַלץ מער אויסזיכטן זיינען פאַראַן צו פאַרמיידן אַ קאָנפראָנטאַציע. איך זאָג נאָר מיר זאָלן נישט שפּילן אַזוי אָפן אונדזערע קאָרטן. רוסלאַנד נייטיקט זיך נישט אין קיין שפּיאָנען, מיר

אַליין דערציילן דאָך אַלץ וואָס עס קאָכט זיך ביי אונדז... אַמעריקע טאָר נישט פאַרגעסן, אַז כאָטש די אַמעריקאַנער טעכניק איז אַ מער פאָרגעשריטענע, ליגט אָבער דער טעכנישער פּראָגרעס אין פּריוואַטע הענט, וואָס זוכן ריווחים אין דער מיליטערישער אינדוסטריע אין דער זעלבער צייט וואָס די סאָוועטישע מיליטערישע אינדוסטריע ליגט אין די הענט פון דער מלוכה און קען באַשטימען וויפל ביליאָנען זי וויל פאַר מיליטערישע צוועקן. — פּראָפעסאָר בעלט האָט זיך געפילט צופרידן מיט זיין דערקלערונג.

ווען די פרוי מאַלאַך איז אַריינגעקומען מיט דער קאַווע איז שוין די טאָץ פון זיסוואַרג געווען ליידיק...

— ווען איך האָב נאָך זיסוואַרג, וואָלט איך געבראַכט. איך האָב נישט געוווּסט, אַז מען וועט זיך היינט צוזאַמענקומען. צופעליקע צו־זאַמענטרעפן זיינען אָנגענעמע.

מיטן טרינקען די קאַווע האָט זיך דער שמועס איבערגעריסן און ווען די מענער האָבן איבער אַ נייעס פאַרפירט אַ געשפּרעך, האָבן זיי זיך שוין מער נישט אומגעקערט צו די טרויעריקע געשעענישן וואָס די וועלט לעבט איבער. די באַמערקונגען האָבן זיך שוין געקערט צו אַנדערע טעמעס: וועגן מלוכה־בודזשעט וואָס מען גרייט; וועגן דעם אַז מען וועט מוזן העכערן די שטייערן, כדי צו דעקן די הויכע פאַרטיידיקונגס־הוצאות.

דער שמועס איז געווען ווייניקער אָנגעשטרענגט. די מענטשן האָבן זיך פאַרטראַכט אויף די פאַקטן וואָס זיי האָבן אַרומגערעדט. זיי האָבן אויסגעטרונקען די קאַווע און זיך גענומען גרייטן אַוועקצוגיין. דער ערשטער איז געווען דער פּראָפעסאָר שטאַמלער פון דער צווייטער שטאָט:

— נו גוט! איך דאַרף שוין פאָרן. ס'ווערט שפּעט. ס'איז בעסער צו פאָרן פריִער. נעכטן איז מען אויפן וועג באַפאַלן עטלעכע אויטאָמאָבילן און צוגענומען ביי די פאָרערס וואָס זיי האָבן געהאַט. כ'וועל אַריבערקומען אַ צווייטן מאָל. זייער גוט זיך צונויפקומען און כאַפּן אַ שמועס וועגן דער לאַגע אין דער וועלט און ביי אונדז...

— יע, ס'איז גוט, אָבער ווי ס'קוקט אויס, איז די לאַגע אין דער וועלט נישט זייער גוט. מיר פאַרגעסן אָפט, אַז די וועלט איז איצט צעטיילט

אויף צוויי פאַרביסענע צדדים. איין צד וויל אָנהאַלטן דעם היינטיקן סיסטעם, דעם היינטיקן לעבנס־שטייגער, און דער צווייטער וויל צעשטערן דעם עקסיסטירנדיקן סיסטעם און איינפירן אַ נייעם. דער אונטערשייד איז אין די מיטלען וואָס די צוויי צדדים באַנוצן. איינער איז אַ מענטשלעכער, וואָס באַמיט זיך אָנצוהאַלטן די אינדיווידועלע פרייהייטן, וואָס דער מענטש האָט דערגרייכט, און דער צווייטער — דער וואָס קעמפט פאַר אַ נייער וועלט, ניצט פונקט די פאַרקערטע מיטלען. די פילאָסאָפיע פון דעם צד איז אַ ביטערע: „דער ציל כּשרט די מיטלען". מעג מען פאַרשקלאַפן, מעג מען פאַרגיסן מענטשלעך בלוט, מען מעג אַלץ. צי האָט דער מענטש עפּעס געלערנט פון דער פינצטערער תּקופֿה וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, פון היטלעריזם, פון סטאַליניזם? מיר גלייבן אַז דאָס וועט מער נישט געשען, אָבער ווי די געשעענישן אַנטוויקלען זיך איז פאַראַן אַ געפאַר דאָס זאָל זיך איבערחזרן, נאָך מיט מער פיזישער קראַפט. ווי וועט הייסן די קומענדיקע תּקופֿה, דאָס וועט אונדז ווייזן די צייט. ווער וועט ברענגען די קומענדיקע קאַטאַסטראָפע? זיכער אַ פאַטריאָט, וואָס וועט פאַרטיידיקן זיין לאַנד. אַלע ווילן מיר פאַרטיידיקן אונדזערע לענדער, אונדזערע רעכט, און פאַרטיידיקנדיק זיינען מיר גרייט צו צעשטערן די וועלט.

— אַ גרויסע צאָל מענטשן אויף דער וועלט הייבן אָן ספקן צי מען קען מיט אַכזריות דערגרייכן אַ בעסערע וועלט... די מיטלען וואָס דער צד ניצט רופן אַרויס אַ ווידערגעפיל אַפילו ביי די וואָס האָבן געגלייבט אין דער אידעע. מיר לעבן אין אַ קאָמפּליצירטער עפּאָכע, וואָס רופט אַרויס מלחמות אין אַלע ווינקלען פון דער ערד.

— דו האָסט זייער ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם צושטאַנד אין וועלכן מיר לעבן. איך גלייב אָבער נישט, אַז די וועלט וועט אַ מאָל קומען צו אַ פאַרשטענדעניש. ס'וועלן שטענדיק זיין פאַרשיידענע צדדים און איינ־שטעלונגען. דער מענטשלעכער מוח איז צו שאַרף מסכּים צו זיין מיט דעם עקסיסטירנדיקן. דער מענטשלעכער געדאַנק פאַרמעסט זיך אויף אַלץ העכער, און אַלע פאַרמעסטן, אַלע פּראָבעס פאָדערן קרבנות. ס'איז אָבער פאַראַן איין זאַך, וואָס די דעמאָקראַטישע וועלט באַגרייפט נישט. זי טאָר נישט געבן קיין פרייהייט צו די וואָס ווילן זי צעשטערן, אָבער דאָס

גופא איז דאָך קעגן די פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע. די דעמאָקראַטישע פרייהייטן וועלן זיין שולדיק אין איר צוזאַמענבראָך, אויב זי וועט דערלויבן אירע שונאים, די דיקטאַטאָרישע עלעמענטן. אויף יעדער אופן איז גוט זיך דורכצושמועסן און וויסן, ווו מיר האַלטן אין דער וועלט...

— מיר וועלן קיין מאָל נישט וויסן ווו מיר האַלטן. די אַנטוויקלונגען אין דער וועלט קומען נישט לויט אַ באַשטימטער לאָגיק. זיי קומען ווי סורפּריזן. לאָמיר האָפן אויף גוטע צייטן. אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט.

אינהאַלט

שלמה וואָרזאָגער — אַ וואָרט פריער	5
אין דער פרעמד	9
דער נעכטן אין חלום	26
ניו־יאָרקער נעכט	76
אויף דער עלטער	100
צוויי וועלטן	105
מיין מאַמעס צירונג	155
מיר צעשיידן זיך	164
מיין זיידע רב אשר מרדכיס	176
קינדער־יאָרן	180
איינגעשטעלט דאָס לעבן	185
שלמה בהמה	191
אומעטיקע יאָרן	200
ווי קוקט אויס די וועלט	214